STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00016

# DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dr. Carol Spafford*
*in memory of*
*and in honor of the Jews who died in the Holocaust*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

פינפטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.
תר"פ — 1920

# י. ל. פּרץ

# מעשה'לעך

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו-יאָרק.

Copyright 1920 by
JEWISH BOOK AGENCY

# מעשה׳לעך

# דריי חופות

## צוויי רויטע — איינע א שווארצע

### א מעשה פון הינטער די הרי חשך.

---

## ערשטער טייל.

### ערשטעס קאפיטעל.

**דער פאלאץ.—דער מלך מיט דער בת־מלכה.—דעם מלך'ס עגמת נפש.**

ווייט, ווייט, הינטער די הרי חשך, אויף יענער זייט סמבטיון, איז פאראן א מדינה מיט'ן נאמען „וואונדער־לאנד", וואו די רויטע אידען וואוינען. און אין דער מדינה „וואונדער־לאנד", אין דער שטאדט, וואו דער מלך וואוינט, אין „גלויבשטיין" דער רעזי־דענץ, איז געשטאנען אמאל א הויכער, ווייסער, מארמארנער פא־לאץ. און שעהן איז געווען דער ווייסער, מארמארנער פאלאץ, וואס ער איז געווען אין א רייכען גרינעם גארטען, ווי אין א גרינעם ים, מיט זיינע הונדערטער גאלדענע זיילען און טויזענטער בריליאנ־טענע שויבען.

און צופוסענס פון דעם ווייסען, מארמארנעם פאלאץ האט שטיל גערוישט, און ווי פאר'חלומ'ט געפלאסען א קלאר קריסטא־לען טייכעל; און פוןביידע זייטען איז דאס טייכעל געווען ארומ־געקרענצט מיט די פיינסטע בלומען און די איידעלסטע גע־וויקסען. און אין דעם קריסטאלענעם, קלארען טייכעל האבען ארומ־

געבליצט, ארומגעטאנצט טויזנטער גאלדענע פישלעך, און פון אויבען, איבער דעם בלויען וואסער־שפיגעל, האבען זיך געהויבען און מיט טויזענט חן זענען ארומגעשוואומען שוואנען, ווייסע ווי שניי, מיט די דינע, לאנגע, ווייסע העלזער און לאנגע, פארשפיצטע, געלע שנאבלען...

עס האט פארנומען די אויגען!

אם שענסטען האט עס אויסגעזעהן ביינאכט, ווען די לבנה האט געשיינט... דער מארמארנער פאלאץ האט זיך אפגעשפיגעלט אין טייך צוזאמען מיט דער לבנה און די שטערען... די בליצענדיגע גאלדענע פישלעך האבען לוסטיג געהיפט און געטאנצט און זענען אריבערגעשפרונגען פון איין גאלדענער זייל צו דער צווייטער, פון איין בריליאנטענער שויב צו דער צווייטער, און די שניי־ווייסע שוואנען זענען ערנסט און לאנגזאם אריבערגעשוואומען פון איין זילבערנעם שטיק נעבעל צום צווייטען, פון איין גאלדען שטערנדעל צום צווייטען... און פארציטערט, ווי פון גרויס ליעבשאפט, האבען זיך ארום דעם אלעם געפלאכטען די פיינסטע, וואונדערליכסטע שאטען פון די בלומען און געוויקסען, וואס האבען געבליהט אויף ביידע זייטען פון טייכעל... און אז עס האט זיך נאך דערביי געלאזט הערען דער שפיל־פויגעל פון צווישען די צווייגען, וואס האבען זיך געבויגען אונטער דער לאסט פון גאלדענע פרות, האט מען ווירקליך געמיינט, אז עס איז קיין גארטען נישטא, קיין פאלאץ נישטא, — אז עס איז אינגאנצען א חלום, א פאר׳כשופ׳טער חלום...

און דאך איז עס קיין חלום נישט געוועזען.

---

געקעניגט האט דאמאלט ביי די רויטע אידלעך, אין דער מדינה „וואונדערלאנד“, שלמה דער זיבען־און־צוואנציגסטער, אונזער שלמה המלך׳ס אור־אור־אייניקעל; און ער האט עס געוואוינט אין דעם פאלאץ, ער מיט זיין איינציגער טאכטער, — די בת־מלכה שולמית.

שוין פופצעהן יאהר איז דער מלך אן אלמן געווען, ער האט אבער נישט חתונה געהאט, ווייל ער האט זיין „אויג אין קאפ“, זיין צווייטער נשמה — דער בת־מלכה קיין שטיפמוטער נישט געוואלט געבען.

**און די בת־מלכה איז די גרויסע ליעבשאפט ווערט געוועזען.**

אלע מעלות און מדות טובות האט זי געהאט פון איהר פא־טער, דעם מלך; דערצו האט זי גאט נאך געלייטזעליגט מיט א שעהנקייט, וואס האט אלע אויגען פארבלענדט.

און ווייל די בת־מלכה איז נישט עהנליך געוועזען נישט צום פאטער און נישט, עליה השלום, צו דער מלכה, האט מען גע־גלויבט, אז די מוטער, האט זיך, זייענדיג אויף דער צייט, אין א מלאך פון הימעל פארקוקט...

אין גאנץ „וואונדער־לאנד" האט איהר שעהנקייט גע׳שמ׳ט, נאר ליעב האט מען זי געהאט פאר איהר גוטסקייט, פאר איהר גוט הארץ, פאר איהר גוט אויג און הארציגע פרומקייט.

טאג־טעגליך פלעגען זיך פאר׳ן ווייסען פאלאץ פארזאמלען ארעמע לייט, אלטע, קראנקע, און אלע, וואס האבען געברויכט הילף, און די בת־מלכה פלעגט צו זיי ארויסקומען מיט איהר חבר׳טאריןן דבורה׳לע, יואב׳ס, דעם משנה למלך׳ס טאכטער, זיי האבען אלע אויסגעהערט, באשענקט און באגאבט, געהאלפען און געהיילט...

כדי די בת־מלכה זאל נישט דארפען יעדעס מאל געלט בע־טען, האט איהר דער פאטער, דער מלך, געלאזט צומאכען, — און האט איהר איבערגעגעבען — א צווייטען גאלדענעם שליסעל צו זיינע אוצרות; און ביים אוצר האט ער נאך געשטעלט אז אויסגע־לערענטען פאפוגיי, וואס פלעגט, דערזעהענדיג די בת־מלכה, אויס־רופען:

— „נעם, מלאכ׳ל, נעם! נעם מיט פולע הענט, און גיב פון פולען הארץ!"

און דעם מלך׳ס אוצרות זענען דערפון נישט קלענער געווא־רען; פארקעהרט, עס איז אין זיי די ברכה אריין. וואס מעהר דער מלך מיט דער בת־מלכה האבען פארטיילט, אלץ פולער זענען גע־ווארען די אוצרות, און דאס איז א סימן, אז זיי האבען אנגע־שלאגען מיט זייער צדקה!

און ביי דעם אלעם איז דער מלך שלמה דער זיבען־און־צוואנ־ציגסטער נישט גליקליך געוועזען.

אונטער דער זיידענער חופה, אויפ׳ן גאלדענעם בעט, פלעגט דער מלך איבערוואכען גאנצע נעכט, נישט צושליסען קיין אויג.

הערען די טריט פון די סאָלדאַטען, וואָס זענען געגאַנגען אויף און אָפּ פאַר'ן פּאַלאַץ אויף דער וואַכט.

אין וואונדער־לאַנד איז נאָך דאָס געווייסען פון אַ מענש ביי דער גאַנצער ממשלה, וואָס לאָזט אמאָל נישט שלאָפען; ביי שלמה דעם זיבען־און־צוואַנציגסטען איז אָבער דער פאַל נישט געוועזען... און די סבה, פאַרוואָס ער שלאָפט נישט, וועלען מיר געוואר ווע־רען אין צווייטען קאַפּיטעל.

## צווייטעס קאַפּיטעל.

**דער קוקו.—די כשוף־מאַכערין און דער בת־מלכה'ס שבועה.**

איינמאָל, ל"ג בעומר, איז די בת־מלכה מיט איהר חבר'טאָרין דבורה געגאַנגען אין נאָהנטען וואַלד אַריין שפּאַצירען...

אז די פייגעלעך אין וואַלד האָבען זיי דערזעהען, האָבען זיי אָנגעהויבען פרייער און פרעהליכער צו זינגען. די פייגעלעך האָ־בען נישט געוואוסט, אַז איינע פון די קינדער איז אַ בת־מלכה און די צווייטע איז דעם משנה למלך'ס טאָכטער, זיי האָבען נאָר גע־וואוסט, אַז דאָס זענען די האַרציגע קינדער, די גאָלדענע קינדער, וואָס שיטען זיי עסענוואַרג, ווען זיי באַווייזען זיך נאָר פאַר'ן פּאַלאַץ.

און דאָס זענען די קינדער, וואָס שפּייזען זיי אַ גאַנץ יאָהר מיט קעניגליך ווייסברויט, שבת — חלה מיט זאַפרען און שבת־שירה — מיט'ן פיינסטען האָניג־לעקעך...

און לכבוד די האַרציגע מיידעלעך איז געוואָרען אַ זעלטענער קאָנצערט.

— קנאַק, ברודער, קנאַק! — האָט גערופען פון איין צווייג צו דער צווייטער, — לכבוד די גאָלדענע מיידעלעך, לכבוד די האַרציגע מיידעלעך!

די בלומען, וואָס באַהאַלטען זיך תמיד צווישען הויכען גראָז, אין שאָטען, הינטער די ביימער, וואָס ציטערען שטאַרק פאַר יעדע לעדיגע האַנט און פאַר יעדען שווערען טראַט, די בלימלעך האָבען עס דערהערט און האָבען אַזוי געטראַכט:

„אַז פייגעלעך ליבען, איז אודאי אמת! פייגעלעך וויסען פון

קיין חניפה נישט! דארף מען פאר די מיידלעך קיין מורא נישט האבען!"

און די בלימלעך האבען ארויסגעשטעקט די פיינע קעפלעך פונ׳ם טיפען גרינעם גראז; און זיי האבען פריי און לוסטיג גע־אטעמט, אז דער גאנצער וואלד איז פול געווארען מיט די פיינסטע בשמים!

און די הירשען און די סארנעס, וואס באהאלטען זיך שוין צווישען די פארפלאכטענע צווייגען, ווען זיי דערהערען נאר א שארך, האבען זיך איצט אויך ארויסגערוקט און געקוקט אויף די מיידעלעך מיט געטרייע, הארציגע אויגען, ווי נאר סארנעס און הירשען קאנען קוקען!

און דאמאלט האט זיך דער פרעהליכער בת־מלכה אויך פאר־גלוסט צו זינגען; אזוי פול איז איהר געווארען אין יונגען האר־צען; קוים אבער האט זי נאר געעפענט דאס קרעלענע מיילעכעל, זענען מיט אמאל אלע פייגעלעך שטיל געבליבען: זיי ווילען אויך הערען, ווי אזא גאלדען מיידעלע זינגט...

איין קוקו האט זיך צו שפעט איינגעהאלטען, און דבורה, דעם משנה למלך׳ס טאכטער, האט איהם צום ערשטען דערזעהן.

און דעם משנה למלך׳ס טאכטער איז נעהנטער צוגעגאנגען צום קוקו, און האט איהם, האלב גלויביג, האלב שפאטיש, גע־פרעגט:

— קוקו, ווי אלט איז אצינד מיין באשערטער?

דער פויגעל הויבט אן רופען: קוקו! קוקו! אהן א שיעור, און דבורה האט לאכענדיג אפגעצעהלט פינף הונדערט און אכטצעהן יאהר.

און ווי א זילבערען גלעקעל האט איהר קול געקלונגען.

די בת־מלכה האט איהם דערהערט, און איז אויך צוגעגאנגען צום קוקו, און האט איהם געפרעגט:

— און ווי לאנג, זאג, וועל איך לעבען, חכם מיינער אויפ׳ן בוים?

און דער פויגעל האט ווידער גערופען: קוקו, קוקו.

און ווער ווייסט, וויפיעל ער וואלט אפגעצעהלט, ווען דער בת־מלכה זאל נישט געוועזען איבערדריסיג ווערען צו צעהלען.

זי האט איהם איבערגעהאקט און געפרעגט:

— און וויפיעל יאָהר האָט נאָך גאָט מיין גוטען פאָטער באַ־שערט?

עס האָט זיך איהר, דער גוטער בת־מלכה, געוואָלט, דער קוקו זאָל אַצינד אויך רופען און רופען און נישט אויפהערען צו רופען, ווי פריהער.

די בת־מלכה אָבער, איז געבליבען ווי פאַרשטיינערט, פון קוקו האָט מען שוין מעהר נישט געקאָנט ארויסקריגען אַ טאָן.

און די דערשראָקענע מיידעלעך האָבען זיך מישב געווען, אויפצוזוכען די כשוף־מאַכערין, וואָס האַלט זיך אויף אין וואַלד, און זי איבערצופרעגען, צי האָט זיך נאָר דער קוקו באַליידיגט, צי עס האָט טאַקע אַן אומגליק צו באַטייטען.

און קוים האָבען זיי דערפון געטראַכט, האָט זיך באַוויזען אַ מאַסע קליינע, וואונדערליכע, לוסטיגע, און פאַרשידענפאַרבינע חיה'לעך, וואָס האָבען אָנגעהויבען ארומצוטאַנצען, ארומצושפּרינ־גען און פאַראויס צו לויפען, און זיי האָבען אַזוי־ערנאָך געוויזען דעם וועג צו דער כשוף־מאַכערין.

די כשוף־מאַכערין איז געשטאַנען ארומגערינגעלט מיט קע־ניגלעך און ווערוערקעס, וועלכע זי האָט געשפּייזט, און געווען איז זי אַלט און איינגעשרומפען, זי האָט אָבער געקוקט מיט אַזוינע גוטהאַרציגע אויגען, אַז די קינדער האָבען זיך פאַר איהר נישט דערשראָקען, און זענען צוגעקומען נעהנטער. פאַר האַרץ־וועהטאָג האָט די בת־מלכה נישט געקאָנט רעדען. האָט דעם משנה־למלך'ס טאָכטער פאַר איהר גערעדט.

— אַלטע, — האָט זי געפרעגט, — ווי לאַנג וועט איהר פאָ־טער לעבען?

אויסזאָגען, אַז דאָס איז אַ בת־מלכה, האָט זי נישט געוואָלט, די מכשפה זאָל נישט מורא האָבען צו זאָגען דעם אמת.

— הע? — האָט די מכשפה איבערגעפרעגט.

און דבורה האָט נאָך אַמאָל איבערגע'חזר'ט די שאלה, און האָט געטייט דערביי אויף דער בת־מלכה מיט'ן פינגער.

די מכשפה איז אָבער, ווי עס זעהט אויס, גוט טויב געווען, און דבורה'ס טייטען מיט'ן פינגער האָט זי גאָר אַנדערש פאַר־שטאַנען; זי איז געוועהנט געווען צו מיידעלעך, וואָס פרעגען, ווען מען וועט זיי אַ חופה שטעלען.

דעריבער האט זי געענטפערט:

— וועמען? דעם פיינעם טאכטערל? אי! אזא שעהנע! אזא גאלד! פון מזרח און מערב וועט מען זיך דאך צו איהר צו־זאמענקומען! אין קורצען וועט א חופה זיין! אין קורצען!

און דבורה האט זיך געמוזט שטעלען אויף די שפיץ פינגער און אריינשרייען דער כשוף־מאכערין אין אויער איהר פארלאנג.

און דאמאלט ערשט האט די כשוף־מאכערין דערהערט און זי האט אזוי געענטפערט:

— א י ה ר פ א ט ע ר ו ו ע ט ד ע ר ל ע ב ע ן — ד ע ם ט א ג פ ו ן א י ה ר ח ו פ ה!

די בת־מלכה האט א שרעקליכען געשריי געטאן, און אין דער־זעלבער מינוט זענען פארשוואונדען די מכשפה מיט איהרע חיה׳־לעך. —

די סארנעס, די הירשען האבען זיך באהאלטען. די פייגעלעך מיט די בלומען זענען פארשוואונדען געווארען...

אין שטילען וואלד האט זיך נאר געהערט, ווי די האלץ־ווערים פיקען אין די בוימערס הערצער, און דער בת־מלכה׳ס שבועה: א ז ז י ו ו ע ט ק יי נ מ א ל נ י ש ט ח ת ו נ ה ה א־ ב ע ן; דער פאטער איהרער זאל לעבען, ער זאל זי איבערלעבען!

דערנאך האט זי נאך דבורה׳ן באשוואוירען, אז דאס אלץ זאל בלייבען בסוד...

מיר וועלען זעהן, ווי זיי האבען געהאלטען ווארט.

## ד ר י ט ע ס ק א פ י ט ע ל.

א צוזאמענפאהר פון חתנים.—א שמועס צווישען מלך מיט דער בת־מלכה.—די ווייסע טויב און איהר עצה.

עס איז ווייטער געווען א צוזאמענפאהר פון שררות און פרינ־צען...

מען האט אלע פארבעטען אין פאלאץ אריין... פריהער איז מען ארויס אין וואלד אריין אויף א יאגד. פארשטעהט זיך, אז אויף א יאגד ביי א אידישען מלך שיסט מען נאר אין חיות רעות

און גיפטיגע שלאַנגען. נאָך דער יאָגד האָט מען געמאַכט אַ קעניגליך מאַלצייט.

עסען, כאָטש כשר, איז געווען לרוב, אַלטע וויינען, כאָטש נישט קיין נסך, נאָר כיד המלך... ווי מען האָט געעפענט אַ פלאַש, האָט זיך אין דעם גרויסען זאַל פאַרשפּרייט אַ ריח, ווי פון די טייערסטע בשמים... די פּרינצען האָבען געגעסען, געטרונקען, געשמועסט, און געפיהרט ויכוחים וועגען אַלערליי חכמות, און איבער ווייטע לענדער און מדינות... אַלע אויגען האָבען געהאָנגען אויף דער בת־מלכה'ס שעהן־חנ'עוודיג פּנים.

אַלע האָפען צו דערזעהן דאָרט אַ שמייכעלע, אַ סימן טוב אויף זייער מזל!...

די בת־מלכה איז אָבער געווען פאַר אַלע גלייך גוט פריינדליך, און האָט דאָך אַלע אָפּגעזאָגט.

דאַמאָלט האָט דער מלך געהייסען אַלע אָפּטרעטען פון זאַל, און האָט צו דער בת־מלכה אַזוי געזאָגט:

— שולמית, גאָט איז מיט דיר! עס זענען דאָך היינט געווען די גרעסטע און די העכסטע און די פיינסטע לייט פון דער וועלט! פּרינצען פון די גרעסטע מדינות זענען אַראָפּגעקומען און געזעצט זיך צו אונז ביים טיש... און דו ווילסט זיי נישט!

און עס זאָגט ווייטער דער מלך:

— און פון מזרח און פון מערב זענען זיי צו דיר געקומען! געבראַכט אַהער האָט זיי דיין שם, געקומען זענען זיי פון דיין שעהנקייט פאַרבלענדט...

און טרערען הערען זיך אין דעם מלך'ס ווערטער:

— און וואָס פעהלט זיי? ביסט דו נישט זיכער אין זייער קלוגשאַפט, גיב זיי אויף רעטענישען. דו קאָנסט אַזוי פיעל, איך האָב דיך דאָך אַזוי פיעל געלערענט!

— און זענען זיי נישט גענוג רייך? — זאָגט ווייטער דער קעניג, — טייל האָבען דאָך גרעסערע און רייכערע לענדער פאַר מיר, גרעסערע אוצרות פאַר מיר!

— און אַלע שווערען, אַז זיי האָבען דיך ליעב!...

און אָפּגעזיפצט האָט דער מלך און ווייטער געזאָגט:

— טאָכטער דו מיין, געטרייע טאָכטער! זעה, מיין אַלטער קאָפּ איז שוין באַדעקט מיט שניי! זעה מיין באָרד, וויים איז זי,

ווי מילך... און אז גאָט וועט מיך רופען צו זיך, אויף וועמען וועל איך דיך לאָזען, טאָכטער דו מיין? ! און וואָס פאַרלאַנגסט דו? זיי האָבען דיך אַזוי ליעב, זיי שווערען אַזוי!

עס וויינט דער בת־מלכה׳ס האַרץ פון פאָטערס עגמת־נפש. דעם אמת זאָגען קאָן זי דאָך נישט...

זאָגט זי, אַז זי גלויבט נישט זייערע שבועות...

און זי האָט אַזוי געענטפערט:

— איך בין רייך, טאַטעשי, און דיין איינציגע טאָכטער בין איך! ווייס איך, צי מיינט מען מיך, צי מיין רייכקייט! צי וויל מען מיך, צי — איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר — דיין מלוכה, טאַטעשי!

און זי האָט נאָך געהאַט אַ ראיה צו איהרע רייד!

— און זעה, — האָט זי צום פאָטער, צום מלך, געזאָגט, — איז דען נישט מיין חבר׳טאָרין דבורה שענער פאַר מיר, בעסער, קליגער און געלערענטער פאַר מיר? און פאַרוואָס פאַהרט מען זיך נישט צוזאַמען איהר כשר׳ע האַנט צו פאַרלאַנגען? פאַרוואָס האָט זיך קיין איינציגער פרינץ אין איהר נישט פאַרליעבט? — ווייל איך בין ד י י ן טאָכטער! ווייל בת־מלכה בין א י ך!

דער מלך וויל איהר נישט זאָגען, אַז ער גלויבט נישט, אַז עס איז עמיץ שענער, בעסער און קליגער פאַר זיין טאָכטער, ענטפערט ער איהר:

— ווייס איך? דיינע בליצענדיגע, רויטע האָר, מיט די טיפע, בלויע אויגען געפעלען, און איהרע זיידענע, פלאַקסענע האָר, מיט די עהרליכע, טיפע אויגען — נישט... יעדער מענש האָט שוין זיין מזל...

און אין האַרץ האָט ער געקלערט: „אוי, צי איז עס נישט אַ ירושה פון עלטער־עלטער־זיידען קהלת?... אַזאַ פריש עפּעלע, און עס פּיקט שוין דאָרט אַ ווערימעל“...

און אין דער רגע האָט זיך באַוויזען אין אָפענעם פענסטער אַ מילך־ווייסע טויב.

די בת־מלכה האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון איהרע טויבען, און זי האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהר, זי זאָל זיך איהר שטעלען אויפ׳ן אַהסעל.

די טויב האָט עס דאָך נישט געטאָן.

די מילך־ווייסע טויב איז אריינגעפלויגען און האט זיך גע־שטעלט פאר'ן מלך אויפ'ן טיש.

זי האט זיך דריי מאל געבוקט פאר'ן מלך, און אנגעהויבען צו ווארקען און צו ברומען צום מלך.

און ביי די רויטע אידלעך, מוזט איהר וויסען, האלט זיך נאך דער אלטער אידישער מנהג, אז דער, וואס זיצט אין סנהדרין, מוז קענען אלע זיבעציג לשונות פון דער וועלט, און דער מלך פון א מדינה מוז, ווי שלמה אין זיין צייט, קענען אפילו די לשונות פון חיות און עופות.

און די ווייסע טויב האט צום מלך אזוי געברומט:

— מלך, גרויסער מלך! האב קיין עגמת־נפש נישט, עס וועט זיך אלץ ענדערען צום גוטען; דו וועסט אין דער בת־מלכה נאך נחת דערלעבען... נויט זי אבער נישט, אז זי זאל נעמען איינעם פון די פרינצען, וואס בעטען איהר האנט. נישט איינער פון זיי איז איהר באשערטער, און נישט אין גלויבשטיין וואוינט ער, וואס איהר איז באשערט.

און דער מלך האט איהר אויף טויבען־לשון אזוי געענטפערט:

— גוטע טויב, קלוגע טויב, זאג מיר, וואו איהר באשערטער וואוינט, היים איך באלד שפאנען די טייערסטע פערד און ברענג איהם אהער; זאל ער זיין א פרינץ, זאל ער זיין דער ארעמסטער מאן, זאל ער ביי דער שווערסטער ארבייט שטעהן, גיב איך איהם, —הייסט מיין נאמען נישט שלמה דער זיבען־און־צוואנציגסטער,— מיין איינציגע טאכטער און מיין קרוין אוועק!...

און די טויב האט אזוי געענטפערט:

— מלך, גרויסער קעניג, געזונט זאלסט דו זיין, און לאנג לע־בען זאלסט דו, מלך! נישט דאס אבער האט מען מיר באפוילען דיר צו זאגען... דיין בת־מלכה וויל זיין זיכער, אז דער, וואס שווערט, אז ער האט זי ליעב, מיינט נאר ז י אליין, נישט די אוצרות, נישט די מלוכה... דאס גוטע פרומע הארץ האט מורא, מוז מען עס בארוהיגען...

— ווי אזוי, ווייסע, קלוגע טויב? — האט דער מלך גע־פרעגט.

און די טויב האט אזוי געענטפערט;

— גרויסער מלך, קלוגער מלך, געזונט און שטארק זאָלסט דו און אייניקלעך דערלעבען זאָלט דו, מלך! הייס איהר אויס־קלייבען די אָרעמסטע קליידער, וואָס איהר האַרץ וועט גלוסטען, פאַר איהר און פאַר דיר, מלך, און וואַנדערט אַרוים פון די ערטער, וואו מען קאָן איהר לייכט דערקענען. און אַז איהר באַשערטער וועט זי וועלען אין שמוץ און אין אָרעמקייט, וועט דער בת־מלכה׳ס גאָלדען האַרץ נישט ציטערען, נישט שרעקען זיך.

— איך בין גרייט אַלץ צו טון, וואָס דו זאָגסט, — האָט ער דער טויב געענטפערט, און זי האָט דריי מאָל אַהין און צוריק געהיפּט און געבוקט זיך, ווי ביים אויסגעהן שמונה־עשרה, און איז צוריק אַרויסגעפלויגען פון פענסטער.

די בת־מלכה האָט קיין אויסרייד נישט געהאַט, אויף דער טויבס עצה נישט צו באַשטעהן. האָט זי אויסגעקליבען צום וואַנ־דערען קליידער פון שמאַטעס־קלייבער.

די בת־מלכה האָט זיך אַזוי געטראַכט: אין אַזוינע שמוציגע קליידער וועל איך קיינעם אין די אויגען נישט פאַלען...

נאָר אַ מענש דענקט, און גאָט לענקט.

בשעת דער מלך און די בת־מלכה האָבען געערדט וועגען די וועגס־קליידער, איז יואב, דער משנה־למלך, געשטאַנען הינטער אַ זיידענעם פאָרהאַנג און אונטערגעהערט.

אַזוינס טוט נאָר אַ פאַלשער, שלעכטער מענש, און דאָס איז ער געוועזען...

דאָס פאַלק האָט אויף איהם געמורמעלט.

דער מלך איז אָבער געוועזען אין יואב׳ן פאַרנאַרט.

פעלקער און קינדער האָבען יעדער אַ טביעת עין, איך מיין: אַ אויג, וואָס דערקענט אין דער ערשטער רגע דאָס, וואָס קלוגע חכמים דערקענען נישט. מיט׳ן ערשטען בליק זעהען זיי, ווער ס׳איז גוט, עהרליך און פרום באמת, און ווער ס׳טראָגט נאָר אַ מאַסקע אויפ׳ן פנים — און האָט דאָס גיהנום אין האַרץ.

נישט ע ר האָט געדאַרפט זיין משנה־למלך אין וואונדער־לאַנד!...

אין פאַלאַץ אַריין איז ער געקומען דורך אַ צופאַל:

די מלכה, עליה השלום, אין ליכטיגען גן־עדן זאָל זי זיין, איז נפטר געוואָרען אין קינפעט, און מען האָט געדאַרפט פאַר דער

בת־מלכה אן אם, איז דער גורל געפאלען אויף יואב'ס ווייב. דודך איהר האט ער באקומען א צוטריט צום פאלאץ...

איינמאל האט איהם דער מלך שלמה באמערקט און געפרעגט, ווער ער איז און וואס ער וויל.

ער האט געזאגט, אז ער איז דער בת־מלכה'ס אמס א מאן, און פארלאנגען פארלאנגט ער נישט מעהר, נאר די ערלויבניש אנ־צוזעטען זיינע אויגען מיט'ן גלאנץ, וואס שלאגט פון מלך'ס פנים...

וואס אן אנגעל איז פאר פיש, איז חניפה פאר מלכים...

יואב איז שוין געבליבען אין פאלאץ. ער איז געוואקסען פון טאג צו טאג, און מיט דער צייט איז ער געווארען משנה־למלך.

קלוג איז ער געווען, ווי אחיתופל בשעתו, און ער האט זיין פרומע, עהרליכע ראלע אזוי פיין געשפילט, אז די וועלט, וואס האט געמורמעלט, האט נישט געהאט אויף איהם צו ווייזען עפעס אן עולה.

די בת־מלכה האט יואב'ן דעם משנה־למלך נישט געקאנט ליידען. אז ער האט אויף איהר געקוקט, האט זיך איהר געדאכט, אז א פייכטער, קאלטער ווארים גליטשט זיך איהר איבער'ן פנים... זי האט עס אבער קיינמאל נישט געבראכט אויף די ליפען, נאר צוליעב איהר אם, יואב'ס געשטארבען ווייב, צוליעב דעם פאטער, און אפשר מעהר צוליעב דבורה'לען, אין וועלכער זי האט א גע־טרייע, געליעבטע שוועסטער געהאט, — האט זי זיך א כח אנגע־טאן, און פון צייט צו צייט מיט איהם א גוט ווארט גערעדט...

דער שלעכטער מענש האט זיך אבער דאס גוטע ווארט אנ־דערש אויסגעטייטשט... האט זיך געוואלט באנוצען דערמיט און ווערען דעם מלך'ס איידעם!...

קיין יונגערמאן איז יואב שוין נישט געווען, נאר געהאלטען האט ער זיך קינדיש, און האט זיך פיין, ווי נאטירליך, געפארבט די בארד און די האר פון קאפ.

און אלע האבען אן זיינע יאהרען פארגעסען...

די פריילינען פון הויף האבען צו איהם געוואונקען, האט ער געמיינט, אז שולמית אויך... אזוינס טוט נאר א פאלשער, שלעכ־טער מענש...

ליתר תוכף וועז האט ער אויפגעקויפט ביי אלערליי בשוף־מא־כערס ליעבעס־טראפען, וואס ער האט בגנבה אריינגעטאן אין דעם

אלעם, וואס די בת־מלכה האט געגעסען און געטרונקען. —

דער קלוגער יואב האט גארנישט געוואוסט, אז די אלע טראַ־פענס העלפען נאר דאמאלט, ווען דער, וואס באנוצט זיך מיט די טראַפענס, האט אמת און עהרליך ליעב. בשעת ווען יואב האט נאר אין זין געהאט די מלוכה.

און דאס, וואס די בת־מלכה האט אפגעזאגט אלע פרינצען, האט ער אויך געהאלטען ביי זיך פאר א גוטען סימן. און כדי ער זאל זיכערער זיין אין זיינע פלאנען, האט ער נישט אויפגעהערט נאכצוקוקען דעם מלך מיט דער בת־מלכה און אונטערצוהערען, וואס זיי רעדען.

און אז ער האט, שטעהענדיג הינטער דעם זיידענעם פארהאנג, דערהערט, אז זיי רעכענען אין גאר ארעמע קליידער ארויסצו־וואנדערען, האט ער נאך זיין האפנונג נישט פארלוירען.

פארקעהרט, עס האט איהם נאך מעהר פארנארט.

ער האט געקלערט, אז די בת־מלכה, וואס האט אזוי פיעל ליעבעס־טראַפען אויסגעטרונקען, האט אליין פארגעשלאגען דעם פאטער דעם שידוך, און כדי געוואר צו ווערען, צי ער איז ווערט צו זיין אמאל א מלך, פאהרען זיי ארום פארשטעלט און אויף דער מדינה געוואר צו ווערען, וואס מען זאגט אויף איהם.

און ווייל ער האט פארט מורא געהאט, מען זאל אויף איהם אין דער מדינה פאר׳ן מלך, און דער עיקר — פאר דער בת־מלכה, נישט רעדען קיין בייז, האט ער זיי נאכגעשיקט שפיאנען, זיי זא־לען זיי נאכגעהען טריט ביי טריט, און טאקע טעגליך איהם שריי־בען אויף תשר״ק־כתב, וואו זיי זענען, און וואס זיי טוען.

אין דער התחלה האבען איהם די בריף, וואס ער האט באקו־מען פון די שפיאנען, גארנישט געוואונדערט: דער מלך מיט דער בת־מלכה געהען און געהען, און שטעלען זיך אין ערגעץ נישט אפ. שפעטער אבער, אז מען האט איהם מודיע געווען, אז זיי זענען ארויס אויס דער גרענעץ, האט זיך דער משנה־למלך זעהר דער־פרעהט: ער איז געפאלען אויף אן אנדערען, גאר א לייכטען פלאן, ווי אזוי צוצוקומען צו דער מלוכה!

ער וועט דעם מלך מיט דער בת־מלכה אומברענגען! און אין דער פרעמד וועט ער דאס טון גאר אהן פחד...

און ער האט זיך געלאזט ברענגען צוויי גזלנים, און ער האט צו זיי אזוי געזאגט:

— איך, משנה־למלך, און היינט במקום מלך, ווייס גאנץ גוט, אז איהר זענט רוצחים און גזלנים, אז מען דארף אייך הענגען אינ־מיטען מארק, און דערנאך אייך צושניידען און צושיקען שטיקער פון אייך אין אלע תרי"ג שטעדט פון דער מדינה. נאר אין אייך וועגדט זיך, אז איהר זאלט ניצל ווערען פון דער תליה, און נאך גרויס ווערען...

— אז איהר וועט טון, וואס איך וויל, און עס וועט בלייבען בסוד, וועל איך איינעם פון אייך מאכען פאר'ן ערשטען מיניסטער, און דעם צווייטען — פאר א ראש אין סנהדרין...

און די גזלנים פאלען דעם משנה־למלך צו די פיס, און ער האט זיי געהייסען שווערען אויף די קני, אז זיי וועלען טון זיין פארלאנג!

און די גזלנים האבען געשוואוירען: איינער — ביי אלע וויס־טע וועלדער און פוסטע חורבות, וואו שדים און רוחות וואוינען, און ביי אלע נישט־באגראבענע ביינער פון רוצחים און גזלנים:

— אויב איך וועל מייןווארט נישט האלטען, זאלען זיך אין מיר אלע שדים פון וועלדער און חורבות, און אלע רוחות רעות פון די פארוואלגערטע ביינער אן מיר נוקם זיין!

און דער צווייטער האט אויך אזוי געשוואוירען, און האט נאך צוגעגעבען, אז ער שווערט נאך ביי זיין געהיימניש — ביי זיין פאטערס מויל, וואס ער האלט אין עסיג אין א פענכער...

און דאמאלט האט דער שלעכטער יואב אזוי געזאגט:

— שארפע שווערדען האט איהר, בלאנקע שפיזען גיב איך אייך... און פערד וועל איך אייך געבען די בעסטע פון מלך'ס שטאל, וואס פליהען ווי די אדלער, וואס יאגען איבער דעם ווינט...

— לאזט אייך אויף דער וועלט...

— און אז איהר וועט טרעפען צוויי שמאטעס־קלייבער: א גרייז־גרויען אלטען, ווי א טויב, און א יונג מיידעל, וואס איהר פנים וועט ארויסשיינען פון איהרע שמוציגע קליידער, ווי א זון פון הינטער א ווינטערדיגען בלייערנעם וואלקען, — פארהאלט זיי!

— און דעם אַלטען זאָלט איהר טויטען באַלד אויפ׳ן אָרט!

— און מיט דער טאָכטער זאָלט איהר אַזוי טהון:

— איהר וועט זי פרעגען, צי זי וויל האַלטען אַלץ בסוד און אהער קומען זיין מיין ווייב.

— אויב זי וועט באַשטעהען, און זי וועט אייך צואַשווערען דערויף ביי דער נשמה פון איהר געשטאָרבענער מוטער, לאָזט זי לעבען און ברענגט זי אהער.

— אַניט — טויט זי!

— באַגראָבט זיי ביידע אויפ׳ן אָרט. און פאַר אַ סימן, אַז איהר האָט אַלץ געטאָן בשלמות, זאָלט איהר מיר ברענגען זייערע קליידער: איך וועל זיי דערקענען!...

די גזלנים זענען באַשטאַנען, און ער האָט זיי געגעבען געלט אויף הוצאות־הדרך, באַוואָפענט זיי פון קאָפּ ביז פיס, אַרויפגע־זעצט אויף פערד און אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין...

און דער שלעכטער מענש איז זיכער, אַז עס וועט איהם גע־ראָטען...

מלך וועט ער זיין!

און קוים וועט ער ווערען מלך, וועט ער וויסען, וואָס צו טהון...

די מלוכה וועט ער שוין באַפעסטיגען!

ווי אחשורוש וועט ער טהון!

אַ קעניגליכע סעודה וועט ער מאַכען — פאַר גאַנץ וואונדער־לאַנד אַ סעודה...

אין גרויסען גאָרטען וועט ער גאָלדענע טישען שטעלען. און זיי וועלען זיך בויגען אונטער דער לאַסט פון די טייערסטע מאכלים, און די טייערסטע וויינען וועלען זיך גיסען ווי וואַסער.

און אַלע שפּילער, און אַלע טענצער, און אַלע זינגער פון דער גאַנצער מדינה וועלען קומען און שפּילען, און זינגען, און טאַנצען. —

עס וועט זיין אַ יום־טוב, אַ פרייד פאַר גאַנץ וואונדער־לאַנד!

און זיבען טעג און זיבען נעכט וועט מען טרינקען, זיבען טעג און זיבען נעכט וועט זיין אַ לעבען...

און די שענסטע מיידלעך פון דער גאַנצער מדינה וועלען קור־
מען...
און ער וועט אַרומגעהן ביי די טישען און קוקען, און קלייבען.
און די שענסטע וועט זיין ווייב זיין, זיין מלכה זיין...

## פיערטעס קאַפּיטעל.

**דבורה מוז אנטלויפען.—זי געזעגענט זיך.—ביי דער מכשפה אין דער הייל.**

דבורה, דעם משנה למלך׳ס טאָכטער, האָט שטאַרק געליטען, זייט די בת מלכה איז אוועק.

זי איז געבליבען איינע אליין.

דער פאָטער האָט זי קיינמאָל נישט ליעב געהאַט. מיט איהר געבוירען ווערען האָט ער זיך נישט שטאַרק געפרעהט; דאַמאָלט איז ער אָרעם געווען, און אַז איבעריג מויל איז שטוב איז נישט געוועזען פון די גוטע זאַכען. אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרען עט־ליכע וואָכען, האָט ער עם פּלוצלונג פיינט געקריגען; ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס איז נישט זיין קינד, אַז מען האָט איהם דאָס קינד אין וויג פאַרטוישט. שפּעטער, אַז ער איז געקומען צום מלך אין פּאַלאַץ אריין, האָט ער דאָך באַהאַלטען די שנאה ביי זיך אין האַרץ און האָט קענען זיין אייגענער טאָכטער געשפּילט די זעלבע פאַלשע ראָלע, ווי קענען אַלע.

קוים אָבער איז דער מלך מיט דער בת־מלכה ארויסגעפאָה־רען, האָט ער די מאַסקע פון פּנים אראָפּגעוואָרפען.

דאָס ערשטע איז געוועזען, וואָס ער האָט פאַרטריבען פון פּאַלאַץ אַלע אָרעמע און קראַנקע, און האָט צוגענומען ביי זיין דבורה׳ן דעם שליסעל צום מלך׳ס אוצרות.

נאָך מעהר געליטען האָט זי דאָך דערפון, וואָס זי האָט גע־זעהן, ווי דער פאָטער איהרער נעמט זיך צו דער מדינה. ער האָט פּלוצלונג אָפּגעשאַפט אַלע אַלטע עהרליכע גענעראַלען, אַלע פאַר־דינטע באַאַמטע פון שטעדט און דערפער ווי אויך אַלע עהרליכע שופטים ושוטרים, פון נידעריגסטען ביז׳ן העכסטען סענאַטאָר. גאָר

איז געזעסען אין סנהדרין. די אלע שטעלען האט ער באזעצט מיט פאלשע, שלעכטע מענשען, מיט זיינע שמייכלער און טעלער־לעקער, וואס זענען גרייט געווען צו העלפען איהם אין אלע בייזע פלענער.

דבורה האט זיך געפרואווט איהם מוסר זאגען, נאר דערמיט האט זי זיך נאר ערגער געמאכט. ער האט איינמאל פאר אלעמאל באשלאסען פון דער טאכטער פטור צו ווערען. ער וואלט זי געטויט, נאר ער האט מורא געהאט פאר דער מדינה, ווייל דבורה איז ביי אלע געווען באליעבט, גלייך מיט דער בת־מלכה. האט ער איהר געוואלט חתונה מאכען מיט וועמען עס איז פון דער פרעמד, און האט געזוכט פאר איהר א מאן צווישען די רייכע סוחרים פון אנדערע מדינות, וואס פלעגען קומען קיין גלויבשטיין וועגען געשעפט.

איינער אזא סוחר איז איהם שטארק געפעלען. עס איז געווען א דיקער, א הויכער מאן מיט שארפע פינסטערליכע בליקען. דער, האט געטראכט דער משנה למלך, וועט זי שוין פון דער האנט נישט ארויסלאזען, און ער האט איהם פון מארק, וואו ער איז געשטאנען מיט סחורה, אהיים געפיהרט אין פאלאץ אריין און פארגעשטעלט דער טאכטער אלס חתן.

זי האט פארבראכען די הענט, א קוואל טרערען האט איהר ארויסגעשפריצט פון די אויגען. די פיס האבען זיך איהר אונטערגעבראכען. און זי איז דעם פאטער געפאלען צו די קני און געקלאמערט זיך ארום זיינע פיס. נאר ער האט זי מיט׳ן פוס אוועקגעשטופט.

— מארגען שטעלט מען דיר א חופה! — האט ער ארויסגעזאגט שארף און איז אוועק פון איהר.

דיזעלבע נאכט איז דבורה אנטלאפען פון פאלאץ.

די סאלדאטען פון דער וואכט האבען זי פאר רחמנות נישט פארהאלטען, און א רחמנות׳דיגע בלאסע לבנה האט איהר באלויכטען דעם וועג דורכ׳ן גארטען אין די אפגעלעגענע אלעען.

אנטלויפענדיג, האט זיך דאך דבורה נישט איינגעהאלטען און האט זיך אלע וויילע אפגעהאלטען ביי אן אנדער בלום, און האט זיך מיט איהר געזעגענט און געקושט. און נישט אויף איין רויזען־אדער ליליען־בלעטעל איז געבליבען הענגען איהרס א טרער, ווי א טראפען פרישער טוי.

— ווער ווייס, אויב איך וועל אייך נאָך אמאָל זעהן! — האָט זי גערופען צו די בלומען, צו די ביימער און צו די גאָלדענע פישלעך אין טייך, וואָס זי האָט געוועקט מיט איהרע לייכטע טריט, ווי אויך צו די פייגעל, וואָס האָבען זיך געוויגט צווישען די שטילע צווייגען.

און א שטילער, זעהר א שטילער שאָרך איז איבערגעגאַנ־גען פון צווייג צו צווייג, פון איין בוים צום צווייטען, ווי עס וואָלט געזאָגט: שווייגט! ש—ש—ש... דאָס גוטע, דאָס גאָלדענע מיי־דעלע אַנטלויפט, זי אַנטלויפט פון איהר פיינעם פּאַלאַץ, פאַר איהר שלעכטען טאַטען, פאַר איהר פאַלשען טאַטען... שווייגט, וועקט נישט קיינעם, שווייגט...

פון דאָרטען איז זי אַריין אין א וואַלד.

ביים ערשטען בוים אין וואַלד האָבען אויף איהר געוואַרט דריי משונה׳דיגע חיה׳לעך, ווייסע ווי מילך, מיט גאָלדענע שטריי־פען און הערנדלעך, וואָס צוויי האָבען געהאַט פון שילדקרעט, און איינס — פון עלפענביין.

דבורה האָט זיך פאַר זיי אָפּגעשטעלט און אזוי געבעטען:

— אַ, גוטע חיה׳לעך מיט די ווייסע פעלעכלעך, גאָלדענע שטרייפעלעך, שילדקרעטענע און עלפענביינענע הערנדלעך! האָט רחמנות אויף מיר, און ווייזט מיר דעם וועג צו דער הייל, וואו די גוטע כשוף־מאַכערין וואוינט.

און זי זאָגט זיי, אז זי איז נאָך ביינאַכט אין וואַלד נישט געוועזען, אז ביי דער שיין פון דער לבנה זעהט אַלץ אַנדערש אויס, און זי קאָן נאָך פאַרבלאָנדזשען, און שלעכטע מענשען וועלען זי געפינען און צוריקפיהרען אהין, וואו זי דאַרף נישט און טאָר נישט זיין...

די חיה׳לעך האָבען, אַפּנים, פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט, זיי האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּעלעך אויף יאָ און געבוקט זיך א פאָר מאָל מיט די הערנדלעך צו דער ערד.

דאָס איז געווען א סימן, אז זיי האַלטען עס פאַר רעכט און ווילען איהר ווייזען דעם וועג.

און דאָס חיה׳לע מיט׳ן עלפענביינענעם הערנדעל איז אַרויס־געטראָטען פון דער שורה, און האָט זיך איהר געשטעלט פון פאָ־

רענט; די צווײ מיט די שילדקרעטענע הערנדלעך — רעכטס און לינקס אויףביידע זייטען.

און זיי האבען אנגעהויבען צו געהן.

און זיי זענען געגאנגען און געגאנגען. בערגלעך אראפ, בערג־לעך ארויף, צווישען פארפלאכטענע צווייגען, ביז דבורה׳לע האט דערזעהן א פיין־גאלדענעם שטראל, וואס האט ארויסגעשלאגען פון דער ערד.

דאס חיה׳לע מיט׳ן עלפענביינערנעם הערנדעל האט שטיל דערמיט אנגעקלאפט.

— ווער איז דארט? — האט מען געפרעגט פון אונטער דער ערד.

דבורה׳לע האט דערקענט דער כשוף־מאכערינס קול און האט זיך געוואונדערט, ווי אזוי די טויבע האט דערהערט דאס שטילע קלאפען פון קליינעם הערנדעל.

— איך, איך, איך, — קלאפט ווייטער דאס חיה׳לע, וואס האט קיין לשון נישט. נאר אין דער אייגענער רגע האט א רויש געטאן צווישען די צווייגען פון א נאהנטען בוים, א ווייסע טויב האט זיך באוויזען און אויסגערופען מיט א קול פון א מענשען:

— מוהמעשי, עפען! דבורה׳לע איז געקומען! דבורה׳לע מיט די גרויסע, שווארצע אויגען, און האר ווי פלאקס... עפען, מוהמעשי, ס׳איז די העכסטע צייט...

די הייל האט זיך געעפענט, און דבורה׳לע איז ארייננגעקומען און געטראפען די אלטע, זיצענדיג ביי פעדערען, וואס זי האט גע־פליקט אין א גרויסען טאפ אריין.

— גוט׳ן אווענט, — זאגט דבורה׳לע שטיל; און קוקענדיג פארוואונדערט אויף דעם אלעם, וואס אין הייל טוט זיך, האט זי פארגעסען צו בעטען, מען זאל זי אויפנעמען.

פאר דער אלטער, זעהט זי, שטעהט גאר א קליין לעמפעלע, און עס באלייכט דאך די גאנצע הייל. אינמיטען דער הייל שטעהט א פיין געבעט בעטעל, און זי דערקענט עס: עס איז איהר אייגען בעטעל, מיט איהר בעטגעוואנט, מיט איהר זיידענער, גאלדגע־שטיקטער קאלדרע...

— גוט יאהר, — ענטפערט דערווייל די כשוף־מאכערין.— איך האב געוואוסט׳ דו וועסט קומען, און איך האב ארויסגעשיקט

מיינע קראהען, זיי זאלען ארויס׳גנב׳ענען פון פאלאץ דיין געלע־גער... אויף א פרעמד בעט שלאפט זיך נישט גוט...

דבורה׳לע שווייגט, נאך מעהר פארוואונדערט.

און די אלטע מאכט:

— ביסט מיד, דבורה׳לע, טו זיך אויס, לעג זיך שלאפען. מארגען וועסטו אלץ וויסען.

דבורה׳לע האט געפאלגט, און אז זי איז איינגעשלאפען, האט זיך די אלטע אויפגעהויבען שטיל, און האט גענומען א שניי־ווייסען פלינעל פון א שוואן און געפאכט אין דער לופט אין אלע פיער זייטען, און צוגעברומט שטילערהייט:

גוטע חלומות, קומט
פון אלע זייטען, קומט
צו דעם גוטען מיידעלע,
צו דעם פרומען מיידעלע,
צו דעם הארציגען מיידעלע...
צו ר׳ שלמה׳ס טעכטערל...

און פון אלע זייטען זענען אנגעפלויגען ווייסע טויבען, מיט שניי־ווייסע כריזאנטעמען און ליליען אין די מיילער, און זענען שטיל און פיין געפלויגען איבער דבורה׳לעס בעט.

## פינפטעס קאפיטעל.

א פריה־מארגען אין היול.—וואס טוט זיך אין דער צווייטער העלפט פון דער היול?—א מעשה פון א גרויסער נשמה.—ווי אזוי זי איז געבוירען געווארען און איז איינגעשלאפען.

ויהי ערב, ויהי בקר. און אויף מארגען, אז דבורה׳לע האט זיך אויפגעכאפט, האט זי באמערקט, אז די היול איז אפגעטיילט מיט א פארהאנג, וואס איז אויסגעשטיקט מיט אלערליי בלומען און פייגעלעך, פון וועלכע זי האט נישט געקאנט אפרייסען די אויגען.

— וואס, ווילסטו וויסן, — פרעגט זי די אלטע מיט א שמייכעל, — וואס אין יענער העלפט הייל טוט זיך?...

— ניין, מוהמעשי, אז מען זאגט נישט מיר אליין, פרעג איך נישט...

— אז דו ביסט יא אזוי גוט, — ענטפערט די אלטע, — וועל איך דיר דערצעהלען. דערוויייל וועט זיך אפקאכען די מילך, וואס איך האב דיר צוגעשטעלט אויף פריהשטיק.

און די אלטע האט איהר דערצעהלט אזא מעשה:

אמאל האט גאט אראפגעקוקט אויף אונזער ארעמער וועלט, און געזעהן, אז עס פיהרט זיך נישט גוט, אז עס זענען סאמע קליינע, גאר קליינע נשמות, וואס קאנען גארנישט אויסקלערען. און אויב זיי קלערען שוין יא עפעס אויס, קאנען זיי עס נישט אויספיהרען, האט ער געהייסען אראפשיקען איין נשמה כאטש א רעכטע — א גרויסע, א הויכע נשמה.

און עס איז ערגעץ געבוירען געווארען א קינד מיט אזא נשמה. עס איז געווען א אינגעל, און אז ער האט געעפענט זיינע גרויסע אויגען אויף דער וועלט, איז ער פול געווארען מיט צער און רחמנות.

נאר אז ער איז אויפגעוואקסען, האט ער אויך גארנישט אויסגעקלערט, ווייל ער האט קיין צ י י ט נישט געהאט צו קלערען...

ארום און ארום איז אזוי פיעל אומגליק געווען, אזוי פיעל אומבאהאלפענקייט, אזוי פיעל צער...

און ער האט זיך גענומען צו העלפען, עצות צו געבען, טובות צו טון... עמיצער פאלט, הויבט ער איהם אויף; עמיצער וויים נישט, ווי אזוי פון וואסער ארויס, דערלאנגט ער איהם א צווייג; עמיצער קאן א לאסט נישט דערטראגען, העלפט ער איהם צו; ווער עס דארף אן עצה טובה, קלערט ער איבער און גיט... און וואו עס האט שוין דאס אויך נישט געהאלפען, האט ער זיין הארפע ארויסגענומען און געזונגען און געשפילט.

און די הארפע האט געהאט א זיסען קלאנג, און זיין שטימע איז נאך זיסער געווען ווי דער קלאנג פון דער הארפע, און זיסער פוןביידע איז געווען דאס ליעד אליין, וואס ער האט געזונגען.

ער האט געזונגען פון שפעטערע גליקליכערע צייטען... ווען אלע וועלען ווערען געהאלפען, ווען אלע טרערען וועלען אויסטריקענען.

אלע קרענק פארשווינדען, אלע עולות פארגעהן, און אלע, די שוואכסטע אפילו, וועלען גליקליך זיין...

— צי איז דאס אמת? — פרעגט דבורה...

— אי, ווי דיינע אויגען האבען זיך אונטערגעצונדען! — ענטפערט די אלטע... — נאר צי עס איז אמת? איך ווייס נישט; ער האט געזונגען, און מענשען האבען געגלויבט, און דערפון אליין איז זיי לייכטער געווארען דאס לעבען...

מיט דער צייט האט ער א שם אויף דער מדינה באקומען, און וואס מעהר שם ער האט געהאט, מעהר ארעמע, מעהר אומבאהאל־פענע, מעהר אומגליקליכע האבען באדארפט זיין הילף... און ער איז דאך געוועזן איינער, איינער אליין...

— גאט, — האט ער זיך איינמאל געשטעלט מיט א טענה צום הימעל — פארוואס האסט דו מיך נאר איינעם באשאפען? ווי קאן איך איינער אלע, אלע העלפען?

און א בת קול ענטפערט איהם פון הימעל:

— איך האב אן אדם הראשון באשאפען, און פון איהם איז די וועלט ארויס. זוך דיר דיין חוה'ן...

און ער האט אליין פארלאזט און אנגעהויבען זוכען...

ער האט אבער נישט געפונען... עס איז זעלטען אן אמת'ע חוה... נישט געקינצעלט, נישט געפעלשט, נישט קינדיש־נאריש־נאר־שעריש... און ער האט זיך נאך א צייט ווייטער געשטעלט מיט א טענה צו גאט:

— איך געפין נישט! — זאגט ער.

און פון הימעל האט מען איהם געענטפערט:

„אז דו קאנסט נישט זוכען, ווארט, ביז מען וועט דיך זוכען און געפינען...“

און מען האט איהם איינגעשלעפערט דא אין דער הייל; און ער שלאפט שוין לאנג, לאנג... און מיך האט מען ביי איהם פאר א וועכטערין געשטעלט, עס זאל איהם אין שלאף קיין בייז נישט געשעהען...

— ווי לאנג שלאפט ער שוין, מוהמעשי?

— מעהר ווי הונדערט יאהר... מעהר... ווילסט איהם זעהן, דבורה'לע?

דבורה ציטערט אויפ'ן גאנצען לייב און קאן פון מויל קיין ווארט נישט ארויסברענגען.

די אלטע ציהט ביי א שנירעל, דער פארהאנג צושפרייט זיך, און אין דער צווייטער העלפט הייל באווייזט זיך א שלאפענדיגער יונגערמאן, שעהן ווי א חלום פון אן אומשולדיג יונג מיידעל...

דבורה איז פלוצלונג ארויסגעלאפען פון הייל אין וואלד אריין. די אלטע האט איהר נאכגעקוקט מיט א שמייכעל און באלד דער־נאך ארויסגעבויגען דאס אלטע קעפעל פון דער הייל און א פייף געטאן. די דריי חיה'לעך האבען זיך אויף איהר פייף, אין דער זעלבער סעקונדע, אויף דער ראנד פון דער הייל באוויזען.

— וואס איז דיין פארלאנג, נשמה פון וואלד? — האבען זיי געפרעגט.

און מיט'ן בליק האט זיי די אלטע אנגעוויזען אויף דבורה'ן, וואס האט נאך צווישען די ביימער געמיגעט, און ווייטער געלאפען.

— וואס איז מיט איהר געשעהען?

— א חלום, — שמייכעלט לייטזעליג די אלטע, — איז איהר, אינ'ם מיידעל־הארץ געבוירען געווארען, און ווי אויף פליגעל טראגט זי דער חלום. היט זי און ברענגט זי אוונט־צייט צוריק אריין אין דער הייל.

— גוט!

און די חיה'לער זענען פארשוואונדען.

## זעקסטער קאפיטעל.

**די צווייטע נאכט אין דער הייל. — דבורה וועקט זיך אומרוהיג אויף.—וואס זי זעהט און הערט.**

די צווייטע נאכט איז דבורה אומרוהיג געשלאפען. דער חלום האט אין איהר מיידעל־הארץ געוואקסען, די פליגעל צושפרייט. אבער נישט דאס אליין האט זי פון שלאף אויפגעוועקט. מעהר, פילייכט, די זארג וועגען שולמית דער בת־מלכה און איהר פאטער — שלמה דער מלך.

זי וועקט זיך, און נאך מיט געשלאסענע אויגען טראכט זי:

וואו זענען זיי?

וואו וואנדערען זיי אצינד?

וואס האבען זיי איבערגעלאזען די מלוכה אין שלעכטע הענט, אומגליקליכע און ארעמע — אהן הילף?...

וואכענדיג וועט זי איבער'ן מויל אויפ'ן פאטער קיין בייז ווארט נישט ברענגען. אין הארץ וויים זי דאך, ווי שלעכט איהר פאטער איז. אומזיסט פלאגט זי זיך און ווארפט זיך פאר, פארוואס זי האט איהר פאטער נישט ליעב! זי קאן איהם נישט ליעב האבען — שלעכט איז ער, זעהר שלעכט! אז שלמה, וויים זי, דער ריכטיגער מלך, וועט נישט צוריקקומען, וועט ער פון וואונדערלאנד א חורבה מאכען, פון גלויבשטיין וועט א גיהנום ווערען... פון תפיסה וועלען ארוים גענעראלען און ריכטער, און עהרליכע לייט וועט מען שמידען און אין פינסטערע גריבער אריינווארפען.

און פון שולמית וואס וועט זיין?

און איהר הארץ באנגט און ציטערט.

און זי עפענט די אויגען און זעהט:

פון עטליכע ברענענדיגע קוילען, וואס זענען אויפ'ן קוימען געבליבען, פליסט איבער דער גאנצער הייל א העלע, רויטליכע שיין. די וועגט ארום זיינען באדעקט מיט גרינע צווייגען און פארשידענפארביגע בלומען, און דאס אלץ, דאכט זיך, וואקסט און בליהט אין דעם רויטליכען גלאנץ. און רוהיג און שטיל פלאטערט דער פארהאנג, וואס טיילט אפ די נישע, וואו יענער שלאפט, פון דעם רעשט הייל, און אינ'ם רויטען גלאנץ דאכט זיך, אז די היבשע פייגעלער און קליינע פליגעלעך, מיט וועלכע דער פארהאנג איז אויסגעשטיקט, לעבען, ציטערען און ריהרען מיט די פליגעלעך... זיי ציטערען און צאפלען, גלייך ווי זיי וואלטען געוואלט זיך אפרייסען פון דעם פארהאנג און אוועקפליהען אין דער ווייטער וועלט אריין!

זי וואלט זיך פון דעם פארהאנג נישט אפגעריסען!

אך, ווי וואלט זי געוואלט, דער פארהאנג זאל זיך שטארקער אביסעל באוועגען, עטוואס עפענען, עס זאל זיך די קלענסטע שפאַרע מאכען, זי זאל איהם נאך אמאל זעהן! כאטש אייז שטראל זאל צו איהר פון זיין ליכטיג פנים אראפ!

נאָר וואָס העלפט עס! נישט פאַר איהר האָט איהם דער הי־מעל איינגעשלעפט... וואָלט שולמית דאָ געוועזען!

נאָר זעהן וויל זי איהם, זעהן מעג זי איהם! נאָר זעהן!

זי דערשרעקט זיך דאָך פאַר איהר אייגענעם געדאַנק. גלייך ער וואָלט זינדיג געוועזען, און קוקט זיך אום צו דער אַלטער.

און די אַלטע שלאָפט נישט.

אויף אַ דרייפיסיג בענקעלע זיצט זי אין אַ ווינקעל פון דער הייל. אַ וואונדערליך־ווייסער שימער הויבט זיך, ווי אַ לופטיגע קרוין, איבער איהרע ווייסע זילבערנע האָר. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ זיצט זי און קוקט צו זיך אויף דעם שוים... זי קוקט אַזוי ערנסט, אַזוי טיף!

זי זעהט — ביי דער אַלטער צופוסענס ליגען מאַסען קנוילען פון פאַרשידענפאַרביגען פאָדעם, און די קנוילען ריהרען זיך, ווי פון זיך אַליין, און די פאַרשידענפאַרביגע פעדים הויבען זיך פּאַ־מעלעך, גאַנץ פּאַמעלעך אַרויף צו דער אַלטערס שוים, און וועבען זיך דאָרט אַריין אין אַ ראָם, אין אַ גאָלדענער, בליצענדער ראָם.

צי איז זי וואַך, צי זעהט זי אַ חלום?

— מוהמעשי, דו שלאָפסט נישט? — פרעגט זי אַביסעל דערשראָקען.

— ניין, טאָכטער! איך שלאָף נישט... איך שלאָף קיינמאָל נישט! איך בין דאָך די נשמה פון וואַלד, די נשמה פון וואַלד בין איך, יאָ! און אַ היטערין בין איך אויך! איך טאָר נישט שלאָפען... דער וואַלד וואָלט גאָר אינגאַנצען איינגעשלאָפען. און ידו וואָלסט מאָרגען אָפּגעשיילטע בוימער געפונען, פאַרוועלקטע בלעטער און בלומען, און טויטע חיה׳לעך... מיסט און פגרים וואָלט פון אַלץ געוואָרען, ווען איך שלאָף איין!... און ער, דער — הינטער דער פאַרהאַנג דאָרט, וואָלט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפגעכאַפּט...

דבורה׳לען ווערט באַנג.

— וואָס דען טוסט דו, מוהמעשי?

— איך, טאָכטער? איך טו גאָרנישט, דערווייל גאָרנישט! איך קוק נאָר! איך קוק נאָר און זעה, וואָס עס טוט זיך! אַז די צייט וועט קומען, וועל איך עפּעס טון, מיינס טון, געוויס... מיין פאָדעם וועט זיך אויך אַריינוועבען!...

— אין וואָס, מוהמעשי?

— אין דעם, וואס עס טוט זיך...
— וואס טוט זיך, מוהמעשי?
— ווילסט זעהן, טאכטער?
— איך מעג?...
— אביסעל... קום!... שטעל דיך הינטער מיר, געשווינד! כל־זמן די קוילען ברענען!
און דבורה שפרינגט אראפ פון דעם בעט, שטעלט זיך הינטער דער אלטער און קוקט אויף דעם, וואס וועבט זיך אויף דער אל־טערס שוים...
— איך זעה גארנישט, מוהמעשי! — רופט זי אויס אנ־טוישט.
— קוק בעסער, וויש דיר דריי מאל די אויגען אוים...
דבורה טוט עס און שרייט אוים מיט פרייד:
— איך זעה, איך זעה, מוהמעשי!
— נאר, שטיל! דעם וואלד וועקען טאר מען נישט! וואס זעהסט דו, קינד?...
— א פלאץ זעה איך, א שטילען מארק, — דאכט זיך... אין א ראם פון קליינע, שטילע הייזלעך.
— א מארק איז עס.
— א שטילער מארק...
— לער?
— ווארט, מוהמעשי... איך זעה שוין, — צוויי געשטאלטען זעה איך... ארעמע לייט, פארפעצטע, צוריסענע קליידער...
— שמאטע־קלייבער?
— דאכט זיך... אן אלטער מאן מיט א יונג מיידעל...
— קוק דיך בעסער צו, וועסט זיי אפשר דערקענען!
— גאט מיין איינציגער! — איז דבורה אויפגעשפרונגען.— שולמית! דער קעניג!
— נאר, שטיל... נאך נישט צייט, יענעם, דארט הינטער דעם פארהאנג, צו וועקען...
— וואס טוען זיי, מוהמעשי?
— זיי וואנדרען... זיי וועלען באלד אריבער די גרענעץ פון וואונדער־לאנד... אזוי ווי די טויב האט געראטען...
— זיי שטעהען דאך...

— דער מלך שלמה איז אביסעל פארזארגט.

— פארוואס? עס איז איהם שווער אויף דער עלטער צו וואנדערען?

— ניין, קינד. ער האט באמערקט, אז מען רייט זיי נאך...

— שלעכטע מענשען, מוהמעשי?

— גזלנים!

— זיי ווילען זיי שלעכטס טון?

— זיי ווילען... נאר זייערע פערדים וועבען זיך ארויס פון דער ראם... שאדט נישט!

— און שולמית, זי האט אויך מורא?

— זי ווייס נישט דערפון...

— עפעס שטעהט זי פארטראכט.

— זי קוקט.

— אויף וואס, מוהמעשי? עס דאכט זיך, אז די גאנצע נשמה קוקט איהר פון די אויגען ארויס...

— קוק ליינקס צו דער ראם צו. וואס זעהסט דו, קינד?

— א פענסטערל זעה איך... א פענסטערל פון א קליין הייזעל, ווי א גרינ־באדעקטע סוכה...

— און אין פענסטערל?

—...זיצט איינער, א יונגערמאן... ער שטיקט... אויף געשווירענעם סאמעט מיט גאלדענע פעדים שטיקט ער... אן אדלער שטיקט ער... ביי די פליגעל ארבייט ער... ווי די פליגעל, די גאלדענע פליגעל וואקסען אונטער זיינע געשיקטע, ווייסע, אלאבאסטער־ווייסע הענט... גאלדענע פליגעל... נאר גאלדענער איז דער גלאנץ פון זיינע בלויע, ריינע און טיפע אויגען... א טייך איז אויך אזוי אמאל... בלוי, קלאר ווי דער הימעל, און טיף, זעהר טיף... ווי די אויגען שטראלען!...

— מיט נחת.

— וואס פאר א נחת?...

— מיט דעם נחת, מיט דער פרייד, מיט וועלכע גאט האט די וועלט באשאפען... ווער עס באשאפט, דער שטראלט אזוי... און די ליכט פון די אויגען וועבט זיך אריין אין דעם, וואס מען באשאפט... און דער גלאנץ בלייבט אויף אייביג אין דער ארבייט, אויף דעם

באשאפענעם, און ווער עס זעהט עס, צו דעם אין דער נשמה אריין שטראַלט אריין דער נחת, די פרייד...

— פארשטעהסט מיך, קינד?

— איך פ י ה ל עס, מוהמעשי. נאָר וואס ציטערען אזוי זיינע ליפען?

— דאס זינגט ער אזוי, טאָכטערשי. ווער עס ארבייט און באשאפט אין דער ארבייט, דער זינגט! דער געזאַנג ווערט אויך אין דער ארבייט אריין פאר'כשופ'ט!

— אז משיח וועט קומען, וועלען אַלע אזוי ארבייטען!

— עס געפעלט דיר, טאָכטערשי?

— יאָ... זעהר... נאָר י ע נ ע ר געפעלט מיר מעהר!

— יענער, הינטער דעם פארהאַנג?

— יאָ...

— אַי, ווי דיין אָטעם פיהלט זיך היים, ער שמעקט און איז היים! אזוי צופלאַטערט אמאָל אַ רויז, אַ זיסע רויז... יאָ, קינד... וואס זעהסט דו ווייטער?

— ווי שולמית קוקט אויף איהם!... עס איז אפשר איהר באשערטער, מוהמעשי?

— אפשר!

נאָר דבורה דערמאָנט זיך עפּעס און רופט אויס דער־שראָקען!

— זאָל זי אוועקגעהן, מוהמעשי! זאָל זי אַנטלויפען! זי טאָר נישט, געשוואוירען האָט זי!

— און דו רעדסט צופיעל! — האָט זיך די אַלטע אַנגערופען מיט אַ געלעכטער.

אין דער זעלבער רגע האָבען זיך די קוילען פארלאָשען, דאָס געוועבעכטס איז פארשוואונדען, און די הייל איז געבליבען באַ־לויכטען פון פריהמאָרגען, וואס האָט זיך אריינגעריסען דורך דער שפּאַרע אין דער הויך.

— ווער עס וויל זעהן, מוז שווייגען. — מוסר'ט זי די אַלטע מיט גוטען.

# צווייטער טייל.

## זיבעטעס קאפּיטעל.

**ווי עס וואַנדערט זיך אין וואונדערלאַנד און — נאָך דער גרענעץ פון וואונדערלאנד.—די אַרבייט דאָ און—דאָרט.—ווי מען קוקט אויף פרעמדע אין דער פרעמד.—„העלף דיר אַליין“ און „בעטלען איז שטרענג פאַרבאָטען.“— דער בת־מלכה׳ס ודוי.**

באַרוהיגט, האָט דבורה צוריק די אויגען פאַרמאַכט און איז איינגעשלאָפען. אָדער וואַכענדיגערהייט איהר זיסען חלום פון יענעם, אין דער צווייטער העלפט פון דער הייל, ווייטער אין דער שטילער נשמה געשפּינט. און מיר וועלען זיך באַנוצען מיט דער צייט און זעהן, וואָס עס טוט זיך מיט׳ן מלך און מיט דער בת־מלכה.

דאָס שווערסטע ביי אונז, דאָס, וואָס אַ בעל־תשובה נעמט ביי אונז אויף זיך, אָפּצוקומען פאַר די שווערסטע זינד — דאָס וואַנדערען. „גלות־ליידען“—איז אין וואונדערלאַנד זעהר אַ לייכטע זאַך, און פאַרשאַפט נאָך פיעל פאַרגעניגען.

דאָ, וואו מענשען זענען גוט, איז אַלץ גוט; פיהלט מען זיך אומעטום היימיש.

אויף וואָס דו וואַרפסט אַן אויג, דאָס באַגעגענט דיך מיט נחת, מיט שלום; דאָס שמייכעלט דיר אַקעגען; פון קלענסטען גרעזעל אין וואַלד ביז דער העכסטער, צום הימעל געוואַקסענער סאָסנע, ביז׳ן שטאַרקסטען, צולעגטען דעמב — לאַכט דיר אַלץ אַקעגען! טויזענטערליי פאַרביגע שוואַמען ניקען דיר צו מיט די פיינע קאַפּעלושען; די בלימעלעך רוקען אַרוים פון גראָז די קעפּלעך און רופען צו דיר: „גוט מאָרגען“; הויך־געקרוינטע ביימער פאַרבעטען דיך אין זייער שאָטען צום זיסען אָפּרוהען...

טרעפסט דו אַ האָלצהעקער אין וואַלד, לעגט ער, אַז ער דער־

זעהסט דיך נאר, די האק פון האנט ארויס און געהסט מיט דיר, ווייזט דיר, וואו, פון וועלכען בוים עס רינט א דערפרישענדיגער זאפט; וואו, פון וואנען עס שפריצט ארויס א העל־לעבעדיגער קוואל; וואו, אויף וועלכע בוימער עס האלטען זיך ביהנען מיט האניג... אלץ וואס דיין הארץ נאר פארגלוסט!

אזוי גוט איז דיר אויך דאס פעלד, וואו דער פויער ארבייט מיט געזאנג; הערצליך באגריסט ער דיך און ווייזט דיר זיין „קאָ־ביאלקע“ מיט מילך און ברויט, וואס איז פאר דער זון באהאל־טען. — „עס“, בעט ער זיך; און איבער זיין קאפ פליהען ארום זינגענדיגע שווארען פון פייגעל. ער יאגט זיי נישט, ער קארגט זיי קיין קערנדעל נישט, גאָטס ברכה איז פאר אלע, און זיי פליהען ארום איהם און זינגען איהם צו צו דער ארבייט... און די פייגעל דערקענען באלד, אז דו ביסט א פרעמדער, און באגריסען דיך, און זינגען דיר א זמר — א גרוס פון דער היים... „געוועזען דארט“ — הייסט עס — „געוועזען! אלע, ברוך השם, געזונט!“

און וואו דו לעגסט דיין קאפ נישט אנידער, אויף גינגאלדע־נעם, ווייסען מאך, אויף גאלער ערד, אויף א הארטען, דאכט זיך, שטיין, — שלאפסט דו אלץ רוהיג און געזונט איין... שמעקענדיגע לופטלעך שוועבען דיר ארום פנים, רוימען דיר די שענסטע חלומות אין אויער אריין, און ווינשען דיר: „שלאף, גוטער מענש, שלאף — דא וועט דיר קיין בייז נישט געשעהען.“

אין שטאדט איז אויך נישט ערגער.

די הייזער זענען אפען, ווי די מענשליכע הערצער! דו געהסט דורך דער גאס, און די, וואס ארבייטען אין טירען און פענסטער, באגלייטען דיך מיט גוטע אויגען, מיט הארציגע ווערטער: „געה“, אדער „קום געזונט“, הייסט עס; און מען טיילט זיך מיט דיר מיט'ן לעצטען ביסען, מיט'ן לעצטען טראפען...

נאר וואונדערלאנד האט אויך אן עק, און שלמה דער זיבעג־און־צוואנציגסטער און זיין טאכטער, די בת־מלכה, זענען, פאר־קליידט אין שמאטע־קליידער, שוין אריבער די גרענעץ...

אזוי האט די טויב געהייסען... ווייט, ווייט פון לאנד; אין דער פרעמד וועט זיי קיינער נישט דערקענען!

און זיי וואנדערען ווייטער, און וואס ווייטער פון דער גרע־נעץ, ווערט אלץ די רייזע שווערער און לעסטיגער. אנדערע

שטעדט, אנדערע פעלדער און וועלדער, עס האט זיך אלץ איבער־געביטען; קלוגע און שלעכטע מענשען וואוינען אין די שטעדט, און זיי האבען זיך אליין אין די הייזער ווי אין תפיסות פארשלא־סען, אויף שלעסער און ריגעל פארמאכט!

יעדער טויער איז באוואכט; ביי יעדען טויער קוקט מען דיך אן מיט חשד, אויגען און מיילער פרעגען דיך: ווער ביסט דו? וועמען האסט דו דא?

בפרט אויף מיסט־קלייבער קוקט מען בייז! יעדער רוקט זיך אפּ, ער זאל זיך נישט אפּווישען אין שמוץ:

„ווייטער, ווייטער, מיסט איז הינטער דער שטאדט, דארט קלייבען אלטע ווייבער די אלטע שמאטעס! אהין! אהין!“ — טרייבט מען זיי פון די שטעדט.

און די אלטע ווייבער הינטער דער שטאדט טרייבען זיי אויך אוועק:

„אונזער מיסט, — נישט פאר פרעמדע געמאכט; אונזער חזקה! היימישע האבען אויך קוים גענוג!“

און דער מלך מיט דער מלכה וואנדערען אלץ ווייטער און ווייטער...

און דער האלצהעקער אין וואלד קוקט אויף זיי מיט בייזע אויגען, און דער פויער אויפ׳ן פעלד ענטפערט אויף „גאט־העלף“ מיט א מאוס׳ער קללה...

— פארוואס, טאטעשי, — פרעגט שולמית, — זענען זיי אזוי בייז?

— ווייל זיי ארבייטען שווער און אהן חשק. ביי דער ארבייט אהן נשמה קאן נישט געראטען; וואקסען דערנער צווישען די זאנגען, און כל׳עס בייז קומט אין די געדאנקען אריין! פארשאלטענע מענשען זענען זיי. פארשאלטען איז זייער ארבייט, פארשאלטען דער וואלד און דאס פעלד... מיט חיות רעות איז פול דער וואלד, מיט דערנער דאס פעלד און מיט קללות דאס הארץ; זיי זענען אויך דערנער, ברענענדיגע דערנער!

און קיין פרייע פויגעל אין דער לופט זעהט מען נישט; מען שיסט אין זיי, צוליעב דעם קלענסטען נוצען. און אויך גלאט אזוי

פאַר שלעכטקייט, דאָס האַרץ אַפּצוקיהלען, אָדער אַ קונץ צו באַ־ווייזען — אַנטלויפען זיי, די פייגעל... פליהען זיי שטיל דורך אין פאַרוואָלקענטע, שטומע נעכט, און קיין מענשליך אויער האָט שוין לאַנג זייער געזאַנג נישט געהערט...

און אויך קיין בלומען זעהט מען נישט... אויסגעריסען ווערען די בלומען; אויף זייער אָרט, ווערט עפּעס ניצליכעס פאַרזייהט... און אַלע היימישע חיות און בהמות האָט מען אויסגעקוילעט און אויפגעגעסען...

און אַ מענש אָהן בלומען, פייגעל און היימישע חיות קאָן קלוג זיין, אָבער נישט גוט... יעדער האָט נאָר ז י ך אין זינען. און ווער עס קאָן זיך אַליין נישט העלפען און הויבט־אָן פאַלען, פאַלט ער, און עס וועט איהם קיינער קיין האַנט נישט אויסשטרעקען אונ־טערצוהאַלטען, קיין ביסען דערלאַנגען, דאָס האַרץ צו דעריקוויקען, קיין טראָפּען וואַסער, די ליפּען זאָלען נישט פאַרברענען!

און ווער עס פאַלט אַרוים פון דער קאַלעע פאַלט אַנידער און שטאַרבט אין דער שטיל, אָדער הויבט זיך אויף, אַנדערע אויף זיין אָרט צו טויטען...

און פול זענען די טראַקטען מיט רוצחים און גזלנים, און פול מיט מיליטער און פּאָליציי, וואָס יאָגען זיי נאָך טריט ביי טריט...

און די לופט איז פול נישט מיט געזאַנג, נאָר מיט קללות און געשיסעריי...

און דאָ וואַנדערט דער מלך מיט דער בת־מלכה אין שמאַטעס־קלייבער פאַרשטעלט; דאָס געלט, וואָס זיי האָבען געהאַט, איז זיי אויסגעגאַנגען, צום אומגליק האָבען זיי נאָך פאַרבלאָנדזשעט, פרע־גען זיי פון וואונדערלאַנד, לאַכט מען זיי אויס: עס איז אין ק י י ן געאָגראַפיע קיין „וואונדערלאַנד“ נישט באַצייכענט! אַלטע ווייבער פלעגען אַמאָל פלוידערען פון וואונדערלאַנד, אַלטערטומס־פאָרשער האָבען אַמאָל אַזוינע אַלטע קינדער־ליעדער געפונען, וואָס האָבען פון אויסגעטראַכטען וואונדערלאַנד געזונגען, נאָר היינט האָט מען דאָס אַלץ פאַרוועהרט... דעם קלענסטען קינד טאָר מען היינט קיין שקרים נישט דערצעהלען; אמת געלט, ריינער, נאַקעטער אמת...

— משוגעים! — שאָקעלט מען מיט די קעפּ.

וואלטען זיי היימישע געוועזען, וואלט מען זיי אפשר אין דולהויז פארמאכט: פרעמדע היילען און שפייזען וויל מען נישט, טרייבט מען זיי: ווייטער, משוגעים! ווייטער, ווייטער!

און פון אנשטעל איז אן אמת געווארען!

דער מלך מיט דער בת־מלכה זענען אמת'ע שמאטע־קלייבער געווארען...

כל זמן עס איז זומער געוועזען, האבען זיי זיך נאך אויף זייער מזל נישט באקלאגט... „די טויב ווייסט, וואס זי האט גע־הייסען. עס וועט זיך אלץ אויסלאזען צום גוטען", — טראכט דער מלך שלמה, און שולמית טרייסט זיך מיט איהר איינציגען גע־דאנק: „מיין פאטער וועט לעבען, לעבען! געלויבט איז גאט, עס וויל קיינער אויף מיר נישט קוקען!"

מאנכעס מאל האט זי דאך געזיפצט. צי האט זי אהיים גע־בענקט, צי קאן זי, ווי דער פאטער שמייכעלט אויס איהר מיט גר־טען, דעם קונסטשטיקער ביי דער גרעניץ נישט פארגעסען? נאר עס האט זיך נאך לייכט געזיפצט...

אנדערש איז אבער געווארען ווינטער־צייט.

א שווערער ווינטער, וואס מען זעהט גארנישט אין וואונדער־לאנד, האט פארקאוועט די ערד. פלוצלונג איז ער אנגעקומען. ווי א ווילדער רוצח באפאלען, און נאך זיין ערשטען הויך איז געפאלען א רעגען פון דערפרוירענע פייגעל...

און אלץ איז שטאר און געפרוירען...

און אויף שלמה דעם זיבען־און־צוואנציגסטען איז א שווערערע שטראף געקומען, ווי אויף זיין אור־אור־עלטער־זיידען...

אין צעריסענע קליידער וואנדערט ער מיט שולמית זיין טאכ־טער, פארהונגערט, דערפרוירען... אפשר וואלט ער אויך שוין גע־רופען: „אני שלמה", נאר ער ווייסט, אז דא גלויבט מען נישט, נישט נאר אין שלמה'ן, נאר אפילו אין זיין מלוכה — אין וואונדער־לאנד...

און „בעטלען" איז שטרענג פארבאטען. אויף אלע טירען און טויערען הענגען פארגילדטע טעוועלעך: „בעטלען איז שטרענג פארבאטען"... איינמאל האט דער אלטער אויסגעשטרעקט די הענט, און א בארמהארציגע דאמע האט איהם נישט איבערגעגעבען דער

פאליציי, און מיט רחמנות דערלאנגט — **א בראשורע, זעהר א קלוגע**; געהייסען האט זי, די בראשורע: „העלף דיר אליין!“

און ער העלפט זיך ווי ער קאן. ער בויגט זיך איבער'ן מיסט הינטער דער שטאדט, און גראבעלט מיט די פארשטארטע הענט. די אלטע ביינער קנאקען... א פרייע וועלט, נאר אז מען איז מיסט־קלייבער, גלויבט מען עס!

און אקעגען שטעהט די בת־מלכה... שוואך זענען איהרע הענט, פון פראסט פלאצט איהר די דינע הויט, דאס גראב־אייזען לעכערט איהר דאס פלייש...

זי גראבט, און טראפען בלוט רינען פון דער פארוואונדעטער האנט און ווערען צוגעפרוירען צום גראב־אייזען...

דאס האט דער אלטער מלך קאלטבלוטיג צוזעהן נישט גע־קאנט.

ער האט זיך צוואויינט.

— האסט געזינדיגט, טאכטער! — האט ער אויסגערופען מיט ביטערקייט, — און דאס איז אונזער שטראף...

— געזינדיגט? — שטאמעלט שולמית.

— יא, טאכטער... שטאלץ ביסט דו געווען אין הארץ, זעהר שטאלץ! האסט געוואלט זיכער זיין מיט דיין גליק, אין דער האנט האלטען... גאט אבער וויל נישט אזוי! גליק איז נישט קיין פויי־געלע צו האלטען אין שטייג! ער וויל, א מענש זאל האפען און גלויבען! מיט האלב־פארמאכטע אויגען זאל יעדערער נאכגעהן זיין שטערן, זיין מזל, אזוי וויל ער!

שטיל שווייגט שולמית, און שלמה זאגט ווייטער:

— דאס איז גאטס שטראף... מיר וועלען שוין דא בלייבען... מיר וועלען שוין גלויבשטיין און וואונדערלאנד צוריק נישט זעהן!

שולמית רעכענט אויך, אז דא איז דער סוף פון אלעם.

„אצינד — טראכט זי — מעג איך איהם אויסזאגען אלץ, אלץ.. זאלען מיר כאטש געהן פון דער וועלט אהן סודות איינער פאר'ן צווייטען, מיט אפענע הערצער! זאל מיין פאטער מיך אומ־זיסט נישט באשולדיגען!“

און זי פאלט צו צום פאטער און נעמט איהם ארום און, קו־שענדיג, און האלזענדיג, דערצעהלט זי איהם אלץ...

נישט שטאלץ איז זי געוועזען, נאר פאר זיין לעבען האט זי געפארכט...

דער קוקו האט געזאגט, די כשוף־מאכערין... ער וואלט נאר ביז צו איהר חופה דערלעבט...

מיט קאלטע, געפלאצטע ליפען קושט זי דער אלטער שלמה:

— שרעק זיך נישט, אויב אזוי, — רופט ער אויס מיט פרייד, — וועט אונז גאט העלפען! וועט ער אונז נישט פאר־לאזען...

אין דער זעלבער רגע האט זיך דערהערט א דעמפיג געקלאנג פון דער ערד און פון וויטענס האבען זיך צוויי רייטער באוויזען... אויףווילדע פערד, וואס זענען ווי אדלער געפלויגען, מיט בלאנקע שווערדען אין די הענט.

— ראס זענען זיי, דאס! — האט איינער גערופען צום צווייטען, — און דא וועט זיין זייער עק!

— רוצחים! — האט שלמה אויסגעשריען מיט שרעק, און האט אומזיסט געזוכט מיט די אויגען אן ארט, וואו צו אנטרינען, וואו זיך צו באהאלטען — א פריי פעלד, אהן א הייל און אהן א בוים...

— זאל אונז בעסער די ערד איינשלינגען! — האט ער אויס־גערופען, — איידער זיי אין די הענט אריינצופאלען!

## אכטעס קאפיטעל.

**אין א גוטער שעה.—א געהאנגענעמס מויל.—וואס די ערד ווארפט ארויס.**

ווען שלמה דער זיבען־און־צוואנציגסטער און זיין טאכטער, די בת־מלכה שולמית, זאלען געוועזען, חס ושלום, אומקומען פון גזלנ'י־שע הענט, וואלט קיין מעשה נישט געוועזען, אדער עס וואלט גע־ווען א שלעכטע מעשה, און שלעכטע מעשיות דער־צעהלען נאר שלעכטע, פארביטערטע מענשען.

דעם וואונש, „די ערד זאל זיי בעסער איינשלינגען, איידער

צו קומען אין גזלנ׳ישע הענט", האט שלמה אויסגערופען אין דער רעכטער מינוט.

אין א גוטער שעה האט זיך די ערד אונטער איהם געשפאלטען, און ער מיט דער טאכטער זענען אריינגעפאלען; א רויטער, פלא־מענדיגער גלאנץ האט זיך ארויסגעריסען, ווי א רויטער בליץ, ער איז פארשוואונדען, און די ערד האט זיך צוריק צוגעשלאסען.

ביידע גזלנים זענען שטעהן געבליבען פארבליפט.

אז זיי זענען אביסעל צו זיך געקומען, האבען זיי פארשטא־נען, אז עס איז נישט פראסט.

— וואס קאן עס זיין? — פרעגט איין גזלן דעם צווייטען.

— איך וועל באלד וויסען, — ענטפערט דער צווייטער. — איך טראג שטענדיג מיט מיר מיין געהאנגענעם טאטענס מויל,— געהאנגען האט מען איהם פאר פיערצעהן גנבות אין איין וואך,— און וואס איך פרעג עס, ענטפערט עס מיר.

אזוי רעדענדיג, האט ער ארויסגענומען דאס מויל און האט עס אנגעהויבען פרעגען.

— מויל, מויל! — מיין טאטענס, עליו השלום, דעם גע־האנגענעמס מויל! — וואס איז דא אזוינס?

און דאס מויל האט געענטפערט מיט א דעמפיג קול, ווי פון ערגעץ אונטער דער ערד:

— א הייל פון א רייכען קארליק.

— און וואס איז די פלאם געוועזען?

— דער אפגלאנץ פון די בערג גאלד, וואס ער זאמעלט אין דער הייל... אוצרות גאלד האט ער.

ביי ביידע גזלנים האבען אויפגעפלאמט די אויגען פון תאוה צום גאלד.

— זאלען מיר איינרייסען די הייל? — פרעגט איינער דעם צווייטען.

— דאס נישט! — ענטפערט דער צווייטער. — ערשטענס איז די ערד צו געפרוירען, מען זאל זי קאנען שפאלטען, צווייטענס האב איך פאר א קארליק מורא, אלע קארליקעס זענען בשוף־מא־כער, און דריטענס — ווער עס וויל ארבייטען, ווערט קיין גזלן נישט.

— וואָס דען טוט מען?

עס בלייבט, זיי זאָלען דאָ וואַרטען, ביז די ערד וועט זיך נאָך אַמאָל שפּאַלטען; וואָס עס האָט איין מאָל געטראָפען, קאָן נאָך אַמאָל געשעהען.

און די גזלנים שמועסען זיך אָפּ, צו האַלטען וואַך, ביז עס וועט זיך עפּעס באַווייזען.

דערווייל איז צוגעפאַלען דער אָוענט, און כדי נישט איינ־צושלאָפען און געפּרווירען צו ווערען, באַשליסען זיי זיך, דורכצורע־דען די גאַנצע נאַכט.

נאַטירליך, רעדען גזלנים נישט פון מצוות און מעשים טובים.

פריהער האָבען זיי זיך איינער דעם צווייטען דערצעהלט פון זיך אַליין; געלויבט זייערע גבורות ביי רציחות, און חכמות ביי גנבה'שע זאַכען. דערנאָך, אַז עס האָט זיי איינגענע גנבות און גזלות פאַרפעהלט, האָבען זיי אָנגעהויבען רעדען פון אַנדערע גזלנים. דאָס האָט אָבער אויך נישט געניגט אויף אַ לאַנגע ווינ־טער־נאַכט, און ענדליך האָט איינער אַ הויכען גענעץ געטאָן און געפרעגט:

— טאָמער ווייסט דו, ברודער, נאָך וואָס די קאַרליקעס זאָמ־לען גאָלד?

— איך וויים, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — איך האָב שוין אַמאָל דעריבער מיין געהאַנגענעם טאַטענס מויל גע־פרעגט, און עס האָט מיר דערצעהלט.

— אַז...

— וואַרט, עס איז אַ לאַנגע מעשה.

זיי האָבען זיך אָנגעצונדען קורצע ליולקעלעך.

צוויי רויטע פונקטען האָבען זיך באַוויזען אין דער שטילער, וויים־בליצענדיגער ווינטער־נאַכט.

און די שווערע קאַלטע לופט שניידט דורך דעם גזלנ'ס קול:

— אַמאָל, — האָט מיר מיין געהאַנגענעם טאַטענס מויל דער־צעהלט — זענען אויף דער וועלט צווייערליי מענשען געוועזען. צווייערליי מינים מענשען.

איין מין האָט געהאַט קליינע גופים און גרויסע נשמות — —

— די וואויל־לערנער, די בטלנ'ישע מלמדים! — באַמערקט דער צווייטער מיט אַ קול פון בזיון.

— און דער צווייטער מין האָט געהאַט, פאַרקעהרט — קליינע נשמות, נאָר דערפאַר גרויסע, געזונטע גופים...

— פון זיי קומען מ י ר ארוים! — מאַכט יענער מיט פאַרגעניגען.

— האָק נישט איבער, עס איז אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה...

— איך טו עס אומישנע, איך זאָל נישט איינשלאָפען.

— וועסט נישט איינשלאָפען — הער!

— די צוויי מינים האָבען צווישען זיך נישט געלעבט בשלום...

— אַ פשוט'ע זאַך!

— איין מין האָט זיך מיט'ן צווייטען קיינמאָל נישט משדך געווען; זיי האָבען ביי איין טיש נישט געגעסען, נישט געטרונקען, און אפילו צווישען זיך נישט געהאַנדעלט...

— דאָס איז שוין נאַריש געווען! האַנדלען מעג מען מיט'ן גרעסטען שונא...

—...זיי האָבען שטענדיג צווישען זיך מלחמות געפיהרט: אָהן רחמנות, אָהן פאַרדאָן, נאָר געקוילעט און געקוילעט! און עס איז אַזוי פיעל בלוט פאַרגאָסען געוואָרען, אַז אַלע טייכען און אַלע ימים זענען בלוט־רויט געווען... מען האָט זיך געשיפט איבער בלוט, מען האָט בלוט פון די ברונענס געטרונקען... און די ערד האָט שוין אַזוי פיעל בלוט נישט געקאָנט איינזאַפען, און פון חיות רעות, און פון ווילדע עופות אָפגעפליישטע ביינער זענען אין בלוט ארומגעשוואומען...

עס איז אפילו קיינער צו קבורה נישט געקומען... זעלטען אַ גרויסער מאַן, אַ מלך אפשר!

און דאַמאָלט ערשט, אַז מען האָט שוין געקריגען פחד פאַר אַ מבול פון בלוט, האָבען זיך ביידע צדדים מישב געווען, — זיי וועלען האָבען אַ דין־תורה!

נישט דאָס שווערד, נאָר דער יושר זאָל זאָגען, ווער עס האָט רעכט...

נאָר ווער וועט זיי פסק'ענען? פון הימעל קומט קיינער נישט אַראָפּ, און דאָ אויף דער ערד קאָנען רעדען און פסק'ענען נאָר מענשען, און די מענשען זענען אַלע אין מחלוקת...

האָט מען זיך מישב געווען, מען וועט אויסזוכען אַ מיטעל־

מענש. דאָס הייסט אַ מענש, וואָס איז מיטעל אי מיט׳ן גוף, אי מיט דער נשמה. ער איז נישט אינטערעסירט...

און מען האָט געמאַכט שטילשטאַנד אויף אַ צייט, און מען האָט אויסגעזוכט אַ מיטעל־מענש: מען האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף אַ הויכען באַרג, געזעצט אונטער׳ן שאָטען פון אַן אַלטען, היי־ליגען בוים און געזאָגט איהם: זיי אונזער שופט!...

און מען האָט איהם אויסגעשפּרייט אַ ווייס־זיידענע חופּה איבער׳ן קאָפּ, געלעגט אונטער די פיס אַ סאַמעט־געשווירענעם דיוואַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסען שופט, און געגעבען איהם דריי טעג, אויסצוהערען די טענות און אַ ישוב צו האָבען!

און ביידע צדדים האָבען געשוואוירען דעם פּסק עהרליך צו האַלטען...

נאָר דאָס מיטעל־מענשעלע, וואָס איז טאַקע נישט גענוגען אינטערעסירט, איז געוואָרען אינטערעסירט — עס האָט זיך געלאָזט איבערקויפען!

— פון וועמען?

— פון אונזערע זיידעס, פון די גרויסע גופים און קליינע נשמות; די גרויסע נשמות איז עס גאָרנישט איינגעפאַלען!

פאַר אַ פעטע קוה מיט צוויי קעלבלעך האָט דאָס מיטעל־מענשעלע אַרויסגעגעבען אַ פיינעם פּסק:

— ביידע מינים מענשען, זאָגט ער, מוזען זיך צוטיילען מיט דער ערד... העלפט אויף העלפט! נאָר —

די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות זאָלען וואוינען אויף דער ערד, און די גרויסע נשמות מיט די קליינע גופים — אונטער דער ערד!

— אהאַ! אַ פיינער פּסק! און דאָס זענען די קאַרליקעס!

— אודאי!

— און וואָס טויג זיי גאָלד אונטער דער ערד?

די גזלנים האָבען גענומען צוביסלעך בראַנפען, און דער, וואָס

האט א״ץ געוואוסט פון געהאנגענעם פאטערס מויל, האט ווייטער אזוי דערצעהלט:

— די זאך איז אזוי:

מיט דער צייט האבען די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות אויפגעהערט זיך צו באגנוגען מיט׳ן שטח פון א י ב ע ר דער ערד. זיי האבען זיך אנגעהויבען אין איהר אריינצוגראבען, וואס אמאל טיפער, טיפער. אייזען זוכט מען, קופער, גאלד און זילבער...

און די קארליקעס — זאגט מיין געהאנגענער טאטע — זענען עס געוואר געווארען, זאמלען ז י י אוצרות! זיי טראכטען אזוי:

וועט זיין מלחמה — פארפאלען; וועט מען זעהען, ווער שטארקער איז; צי דער גוף מיט זיין כח, צי די נשמה מיט איהרע ה מ צ א ו ת. און וועט קומען צו א דין־תורה, וועלען זיי שוין דעם שופט אפגילטען!

— עס גלויבט זיך נישט, — ענטפערט דער צווייטער גזלן. — עס איז צו קלוג פאר די בטלנים מיט די גרויסע נשמות.

— קאן זיין, — ענטפערט דער ערשטער, — מיין טאטען איז, ברוך השם,ביים לעבען כמעט קיין וואר ווארט פון מויל נישט ארויס...

— נאר עס קאן זיין פשוט, — רופט זיך אן דער צווייטער — זיי זאמלען אפשר אלץ וואס גלאנצט — גאלד, בריליאנטען, א ל ע טייערע שטיינער, ווייל עס איז זיי פינסטער אין די היילען! זיי בענקען צו דער זון, צום ליכט, וואס זיי האבען דורך דעם א י־ב ע ר ג ע ק ו י פ ט ע ן מ י ט ע ל ־ מ ע נ ש פארשפילט, און זאמלען ל י כ ט י ג ע ר ע מעטאלען... ווייס איך?!

אין דער זעלבער רגע האט זיך די ערד ווידער געשפאלטען, ארויסגעווארפען פון זיך די ארעמע קליידער, וואס שלמה מיט דער בת־מלכה האבען געטראגען און האט זיך צוריק פארמאכט...

— כאטש דאס! — האבען די גזלנים אויסגעשריען מיט פרייד; און, מיט׳ן טאג צוגלייך, געזאטעלט די פערד צוריק צו רייטען קיין גלויבשטיין.

זיי וועלען זאגען, אז זיי האבען זייערס געטאן, ב י י ד ע געה׳רג׳עט. א ווארט־צייכען האבען זיי: די מלבושים!...

און בלאנדזשען וועלען זיי נישט! וואו די וועגען שיידען זיך שטעלט מען זיך אפּ, און מען פרעגט דעם געהאנגענעם טאטענס מויל!

## ניינטעס קאפּיטעל.

אין דער הייל.—די ווייסע טויב.—דער שוואַרצער אָדלער.—
צוריק בגדי מלכות.—דער קאַרליק אליין פאַרגעשטעלט.—
דער קאַרליק גרייט צום טיש און דערצעהלט, ווער ער איז.

אז די הייל האט זיך פארשלאָסען איבער שלמה המלך און זיין טאָכטער, די בת־מלכה, זענען זיי ביידע געבליבען פארבליפט און פארבלענדט, נישט ווייניגער ווי די גזלנים אין דער הויך.

אינ'ם רויטען, גאָלדענעם ליכט, וואָס פלאַמט פון אלע ווענט פון דער הייל און אלע איהרע נישען, צוקען און שלענגלען זיך ווייסע, בליצענדיגע שטראַלען — דאָס קומט פון די אלערליי טייערע שטיינער, מיט וועלכע דאָס גאָלד, וואָס ליגט אַרום די ווענט, איז דורכגעזייהט.

און שלמה און שולמית שטעהען פארבליפט, און באמערקען אפילו נישט זייער אלטע באַקאַנטע — די ווייסע טויב, וואָס איז אנגעפלויגען און פליהט איבער זיי, מיט א פרעהליך וואָרקען, איבער די קעפּ.

נידעריגער לאָזט זי אַראָפּ די טויב, פליהט זיי פאַר די אויגען און זאָגט מיט א מענשליכער שטימע:

— שרעקט אייך נישט! איהר האָט — זאָגט זי — מיין עצה געפאָלגט, און עס וועט אייך אויסגעהן צום גוטען.

— דערווייל — זאָגט זי ווייטער, זעהענדיג, אז שלמה און שולמית קאָנען נאָך פאַר פאַרוואונדערונג נישט ענטפערען, — דערווייל זענט איהר אין דער הייל ביים קאַרליק געשיצט; אין קורצען וועט איהר אויסגעלייזט ווערען און גליקליך זיין.

שלמה שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ, און די בת־מלכה כאַפּט זיך אַרויס מיט א זיפץ:

— ניין, גוטע, ווייסע טויב! פאַר מיר איז שוין קיין גליק נישט פאַראַן!

— האָב און גלויב! — ענטפערט די טויב. — אין אַ קליין פענסטערל ביי דער גרענעץ פון וואונדערלאַנד שפּינט און וועבט זיך דיין גליק.

— ניין, ניין! — האָט שולמית אויסגעשריען.

— האָב און גלויב! — זאָגט ווייטער די טויב. — דורך דיין גליק וועט אויף שלמה דעם זיבען־און־צוואַנציגסטענס גרויען קאָפּ קיין איינציג האָר נישט געקרימט ווערען!

— צי איז מעגליך?... דער קוקו... די כשוף־מאַכעריז... אַלע האָבען געזאָגט... — שטאַמעלט שולמית.

— איך בין דער קוקו, איך בין די טויב, איך בין די כשוף־מאַכעריז, און איך זאָג עס דיר!

און אַזוי רעדענדיג, איז פון דער טויב געוואָרען אַ קוקו, פון קוקו — צוריק אַ טויב, פון דער טויב — די כשוף־מאַכעריז, וועלכע מיר קענען פון וואַלד הינטער גלויבשטיין, און פון דער כשוף־מאַכעריז איז נאָך אַמאָל צוריק אַ ווייסע טויב געוואָרען.

— גאָטס וואונדער! — שרייט אויס שולמית דערפרעהט...

— צי איז עס כשוף, אָדער גאָטס האַנט? — פרעגט שלמה.

— כשוף איז אויך אַ גאָט־זאַך! — ענטפערט מיט אַ שמייכעל די טויב. — נאָר אַצינד האָבען מיר קיין צייט נישט דערפון צו רעדען, באַלד וועט אָנקומען דער קאַרליק, און איהר מוזט אייך פריהער איבערטון.

שלמה און שולמית בלייבען ווייטער פאַרוואונדערט: וואו וועלען זיי נעמען זיך איבערצוטון? זיי קוקען זיך אום און זעהען אין ערגעץ קיין צייכען נישט פון קיין קליידער. נאָר אין דער־זעלבער סעקונדע איז געקומען אָנצופליהען אין דער הייל אריין אַ שוואַרצער, ברייט־און גרויס־פליגעלדיגער אָדלער, און האָט זיי גע־וואָרפען צו די פיס אַ גרויס, היבש בינטעל. אַראָפּפאַלענדיג האָט זיך דאָס בינטעל אַליין געעפענט, און שלמה און שולמית זענען נאָך מעהר פאַרגאַפט געבליבען: זיי האָבען דערקענט די קליידער, די בגדי מלכות, וואָס זיי האָבען, פאַר'ן פאַרשטעלען זיך אין שמאַטע־קלייבער, איבערגעלאָזט אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ!

— איילט! — וואָרענט זיי די טויב, — ווייל איך הער שוין דעם קאַרליק'ס טריט. זאָל ער אייך שוין אין אייערע אייגענע קליידער געפינען... איך פליה נאָך עסען פאַר אייך.

די יוויסע טויב איז ארויסגעפלויגען פון הייל, און אינ׳ם אריינגאַנג צו אַ נישע האָט זיך באוויזען דער קאַרליק.

קליין, שרעקליך קליין איז ער געווען, נאָר גרויס איז גע־ווען זיין לאַנגע, זילבערנע באָרד; איהרע שפּיצען האָט ער גע־מוזט האַלטען פאַר זיך אין דער האַנט, זיי זאָלען איהם נישט פאַ־לען אונטער די טריט.

גרויס זענען אויך געווען זיינע צוויי בלויע, טיפע אויגען, מיט וועלכע ער האָט אויף שלמה און שולמית געקוקט.

— ברוך הבא! — באַגריסט ער זיי מיט אַ זיסער שטימע,— ברוך הבא, שלמה דער זיבען־און־צוואַנציגסטער, דער מלך פון וואונדערלאַנד, אין וועלכען משיח שלאָפט און וועט אין קורצען אויפוואַכען און אויסלייזען די וועלט... ברוך הבא, שולמית! אי־בער איהר קאָפּ, זעה איך, צינדט זיך אָן אַ גאָלדענער שטערן — עס הויבט אָן לייכטען איהר גליק!

און ער גיט אַ פּאַטש מיט די קליינע הענט, נישט ארויסלאָ־זענדיג פון זיי די שפּיצען פון דער באָרד, און פון דער לופט לאָזען זיך אראָפּ דריי גאָלדענע שטולען.

ער בעט זיי זיצען, און אַלע דריי זעצען זיך.

ער גיט נאָך אַ פּאַטש מיט די הענט, און עס באווייזען זיך פיער לייבען; זיי געהען לאַנגזאַם און טראָגען אויף די קעפּ אַן אָניקסינעם בלאַט פון אַ טיש מיט פאַרצירונג פון פּערלמוטער באַ־שלאָגען, מיט קריסטאַלען געשיר באַשטעלט. די לייבען שטעלען זיך אינמיטען דער הייל, צווישען די דריי גאָלדענע שטולען.

— שלאָפט איין! — קאָמאַנדירט דער קאַרליק צו די לייב־בען, — און זיי זעצען זיך אויף די הינטערשטע פיס, ציהען איין די צונגען, פאַרמאַכען די אויגען און בלייבען פאַרשטאַרט, ווי לייב־בען אויס קופּער אָדער בראָנז.

און דער קאַרליק ווענדט זיך צו שלמה און שולמית.

— דער טיש — זאָגט ער — איז גרייט געדעקט, נאָר דאָס עסען מוז מען ברענגען פון דער הויך, פון אויבען, מיר האָבען דאָ קיין שוחטים נישט. און איידער דאָס עסען וועט קומען, וועל איך אייך באַקענען מיט מיר, כדי איהר זאָלט קאָנען אויסגעלייזט ווערען, און אַנדערע מיט אייך, מוזט איהר צו מיר האָבען צ ו ־ ט ר ו י ע ן, מוזט איהר מיר ג ל ו י ב ע ן...

— איך גלויב! — האָט זיך אַרויסגעריסען פון שולמית'ס האַרץ.

— עס שיינט איבער דיר דער גליקליכער שטערן, דו האָסט שוין זיינע שטראַלען אין האַרץ, נאָר ק ע נ ע ן מוזט איהר מיך נעהנטער... מיר האָבען אַסך בשותפות צו טון!

— דערצעהל, — זאָגט שלמה. — איך וויים דיך אפילו נישט ווי אַזוי צו רופען.

— ווי איהר זעהט, — הויבט אָן דער קאַרליק צו דערצעהלען, — לעב איך אין אַ הייל, ווי אַלע קאַרליקעס, קלייב גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, גלייך מיט זיי, מיט'ן אויסזעהן בין איך געווים אַ קאַרליק, און דאָך בין איך פון קיין קאַרליק נישט געבוירען... איך בין אַמאָל אַן איינפאַכער מענש געווען, איבער דער ערד געלעבט, ווייב און קינדער געהאַט... וויפיעל? — געדענק איך נישט...

— שוין אַזוי לאַנג? — פרעגט שלמה פאַרוואונדערט.

— אַ יאָהר זעקס הונדערט! — ענטפערט דער קאַרליק.

— געוועזען — דערצעהלט ער ווייטער — איז עס אין באַגדאַד... און אַ קליין מענשעל בין איך געווען: אַ שמש, אַן אָרעמער שמש, אין אַן אָרעמער שול, אין אַן אָרעמער הינטערגאַס.

און אין דער איינענער שטאָדט באַגדאַד האָט געלעבט אַ אייַ גביר, אַ תקיף, אַ קרוב למלכות און אַ כהן, וואָס האָט אַן אויג געוואָרפען אויף אַ גרושה, און געוואָלט, אַז דוקא דער רב הכולל, וואָס איז דאַמאָלט געווען, זאָל איהם געבען חופה וקדושין, און אַז דער רב האָט נישט געוואָלט, האָט ער איהם פאַלש גע'מסר'ט, און דאָס מלכות האָט איהם אַרויסגעטריבען פון שטאָדט, פון לאַנד, און דער גביר האָט געלאָזט אויסרופען, אַז וועלכער למדן עס וועט געפינען אַ היתר און געבען איהם חופה וקדושין, דעם וועט ער מאַכען מיט זיין תקיפות פאַר רב הכולל אין באַגדאַד! די בעלי־בתים האָבען געשוויגען; אַלע האָבען מורא געהאַט פאַר'ן גביר.

קיין איינציגער רב פון גאַנצען לאַנד האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ חטא; קיין איינציגער דיין האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט עס צו טון. ער האָט זיך געווענדט צו למדנים, צו מלמדים — קיינער איז נישט באַשטאַנען. ער איז אַראָפּגעפאַלען צו שמשים פון שולען און בתי־מדרשים, נאָר קיין איינציגער שמש,

וואס האט ווי עס איז נאר פרנסה געהאט, האט זיין נשמה נישט געוואלט פארקויפען, — ביז ער איז אנגעקומען צו מיר!

און ביי מיר האט ער געטראפען.

איך בין ז ע ה ר ארעם געוועזן; א קראנק ווייב און קרענק־ליכע קינדער געהאט...

און דאס קראנקע ווייב מיינס האט מיך צוגערעדט, פון וועג אראפגעפיהרט, און א פאלשען היתר האב איך מיר געפונען: מען האט אויף דעם גביר׳ס מוטער גערעדט, סוף כל סוף איז ער קיין זיכערער כהן נישט געוועזען... און איך האב געגעבען חופה וקדושין, און ביים גביר אין טאש איז שוין געלעגען א כתב־רבנות פאר מיר... א כתב־רבנות גע׳חתמ׳עט פון אלע בעלי־בתים, וואס זענען אפ־העננגיג געוועזן פון גביר...

עס איז א גאלד־געשטיקטע חופה געוועזען, און ארום האבען הונדערטער הבדלות געלייכט, שטורקאצען געפלאמט... און גע־בליצט האבען ארום און ארום די רייכע גביר׳ישע קליידער, מיט גאלד באנייהטע, מיט טייערע שטיינער באהאנגענע... עס האט גע־בלענדט!

א ו נ ט ע ן איז ליכטיג געוועזען, ז ע ה ר ליכטיג; אבער אויבען — אויפ׳ן הימעל איז געווען פינסטער... א פינסטע־רער הימעל, אהן לבנה, אהן שטערען... און פון פינסטערען הימעל איז פלוצלונג אראפ גאטס פייערדיגער צארן... עס האט אנגעהויבען שטורמען, עס איז מיט אמאל א ווילדער שלאגס־רעגען געפאלען, איין דונער האט געיאגט דעם צווייטען, ווי ברענענדיגע שלאנגען זענען בליצען געפליגען — הימעל און ערד האבען געציטערט!

און פלוצלונג האט זיך פון די אונטערפיהרערס הענט די חופה אויסגעריסען און האט זיך אויפגעהויבען ווי א שירם אויפ׳ן ווינט... מיט שרעקליכע געשרייען זענען זיך די געסט צולאפען, נאכגעיאגט פון דונער און בליץ, געפאטשט פון דעם גוס־רעגען!

מיך איינעם האט א דונער געטראפען...

און אויף יענער וועלט האט מען אזא פסק ארויסגעגעבען:

ווייל איך האב געוואלט זיין גרויס, אזוי גרויס, — זאל איך ווערען קלענער ווי קליין, מגולגל ווערען אין א גוף פון א קארליק און לעבען, גלייך מיט זיי, אונטער דער ערד...

און ווייל איך האב געוואלט רייך ווערען, געלד און זילבער האבען, זאל איך הונדערטער יאהרען זאמלען געלד, זילבער און טייערע שטיינער, נישט פאר זיך, נאר פאר דעם אדער פאר דער. וואס וועט עס ווערט זיין.

דערביי האט ער זיין בליק געווארפען אויף שולמית.

זי האט עס אבער נישט באמערקט.

— שרעקליך! — האט זי אויסגערופען פול מיט רחמנות.

— גאטס גענאד איז דאך גרויס! — ענטפערט דער קאר־ליק, — איך וועל אויסגעלייזט ווערען גלייך מיט אייך... און דאס וועט אזוי זיין —

נאר ער האט זיך איבערגעהאקט.

א שטיל רוישען האט זיך דערהערט אין דער הייל.

— די טויב קומט, — זאגט דער קארליק. — די רעשט וועלען מיר איבערשמועסען נאכ'ן עסען.

## צעהנטעס קאפיטעל.

דאס קארגע פריהשטיק.—ווער איז די טויב?—ווי מלכים הערען קרעכצען.—עס בלאזט אויף טאג.—קיין גלויבשטיין!

עס איז טאקע די טויב געוועזען, און א קארג פריהשטיק האט זי געבראכט: אינגאנצען א טעפעל רייז!

— פון פאלאץ? — וואונדערט זיך דער קארליק, — פון פא־לאץ אזא קארג פריהשטיק?

— פאר מיר איז גענוג, — פאלט שלמה אין די רעד אריין,— איך עס שוין לאנג נישט קיין דבר מן החי...

— און שולמית'ן — מאכט די טויב — וועט דאס פריהשטיק זיכער שמעקען, אז זי וועט הערען, פון וואנען עס קומט...

דאס ערשטע מאל אפשר האט מען פון קריסטאלענע טעלער, זיצענדיג אויף גאלדענע שטולען, אזוי קנאפ איין ארעם געגעסען.

און די טויב דערצעהלט, וואו זי האט דאס פריהשטיק גע־נומען:

— איך בין — זאגט זי — אין פאלאץ נישט געוועזען! זייט

יואב פיהרט דאס רעדעל, איז דארט נישט גלאט כשר! איך בין אפילו אין גלויבשטיין נישט געווען... דארט איז שוין אויך נישט ווי עס דארף צו זיין. שלעכטע מנהגים פארשפרייטען זיך פון אויבען! ביי דער גרענעץ פון וואונדערלאנד האב איך די רייז באַקומען...

ביי דער גרענעץ איז פאראן א שטעדטעל א רוהיגס, א קליינס, און דארט, אין א קליין פענסטערל, זיצט א קינסטלער — א שטיקער!

— איך האב'ן באמערקט, — מאכט שלמה, און שולמית שווייגט און רויטעלט זיך.

— ווי שעהן ער ארבייט, דער יונגערמאן!... ווי שעהן איז דאס בילד, וואס ער ענדיגט! און מיט וואס פאר אן אויגען קוקט ער אויף דעם בילד, וואס ער ענדיגט אויפ'ן סאמעט! דו קענסט איהם, שולמית! טיף האסט דו איהם געמוזט ארייינקוקען אין הארץ, אז ער שטריקט דיין בילד אויס'ן קאפ!

שולמית לאזט אראפ די אויגען.

— נאר בלאס איז ער, דער יונגערמאן; די שווארצע, ברענענדיגע אויגען זענען פארשלייערט און פייכט... קראנק מוז ער זיין...

— קראנק? — רופט שולמית אויס דערשראקען.

— אזוי זעהט ער אויס! אן אלטע פרוי איז ביי איהם געשטאנען, געגלעט איהם די האר, געבעטען, ער זאל עסען—אט, פון דעם טעפעל רייז, וואס זי האט פאר איהם געשטעלט — און ער פרעגט זי: נאך וואס? זי זאגט איהם, אז אהן עסען קאן מען נישט לעבען, און ער ענטפערט איהר, אז ער האט נישט נאך וואס צו לעבען... אז די, פאר וועלכע ער וואלט געקאנט לעבען, האט זיך איהם איינמאל באוויזען און איז פארשוואונדען געווארען, ווי א חלום... ער האט זי געזוכט, זאגט ער, אין טאלען און אויף בערג, ער האט זי געזוכט אין דערפער און אין שטעדט, און געפינט זי נישט.

די טויב בלייבט שטיל, און קוקט מיט פארגעניגען, ווי שולמית ענדערט די פארב פון פנים, ווי איהר יונגע ברוסט וואלט אויף און אפ; מיט אמאל ענדיגט זי:

— און דאמאלט, אז ער האט זיך אזוי אויסגעוויינט פאר דער

אלטער פרוי דאָס האַרץ, בין איך צוגעפלויגען, און האָב ביי איהם דאָס טעפּעל רייז געקויפט!

— געקויפט? — שפרינגט אויף שולמית מיט בליצענדיגע אויגען.

— געווים! — ענטפערט לאַכענדיג די טויב. — און איך האָב איהם טייער באַצאָהלט פאַר די רייז: איך האָב איהם גע־זאָגט, וואו ער קאָן די, וואָס ער זוכט, געפינען!

— דאָ אהער וועט ער קומען? — פרעגט שולמית.

— אָה, ניין! איך האָב איהם אַזוי געזאָגט:

אין עטליכע טעג ארום — האָב איך איהם געזאָגט — וועט ער הערען, אז יואָב, דער שלעכטער, פאַלשער יואָב, וואָס האָט זיך צוגעג׳גזל׳ט די מלוכה, וויל חתונה האָבען...

א סעודה וועט ער, דער יואָב, מאַכען, ווי אחשורוש אין זיין צייט.

אהן א צאָהל עופות וועט מען שעכטען, ווילדער־חיות וועט מען קוילען, אָקסען וועט מען אויסשפּאַנען פון די פלוגעס און פיהרען צו דער שחיטה, ביים אָרעמאַן וועט מען צונעמען דאָס לעצטע שעפּעלע און צובאַרייטען צו דער סעודה... און וויין און אַלערליי משקות וועלען זיך גיסען ווי וואַסער...

און פון מזרח און מערב וועלען זיך צוזאַמענקומען שפּילער, זינגער און טענצער, קונצענמאַכער און מאַרשאַליקעס...

און פון גאַנץ וואונדערלאַנד וועלען פאַרבעטען ווערען מייד־לעך די שענסטע, און וועלכע יואָב וועט וועלען, די (אַזוי מיינט ער) וועט זיין זיין ווייב, די מלכה פון גאַנץ וואונדערלאַנד!

און, אַז ער וועט דאָס הערען. — אַזוי האָב איך איהם גע־זאָגט — זאָל ער צושטעהן צו א חברה זינגער אָדער שפּילער, — זינגען און שפּילען קאָן ער, דאָס זעהט מען אין די אויגען, אין יעדער תנועה זעהט מען עס איהם אָן,—און זאָל קומען אויף דער חתונה...

— קום, שולמית! — ענדיגט די טויב. — די רעשט וועל איך דיר אויפ׳ן אויער דערצעהלען.

שולמית מיט דער טויב זענען ארוים אין א זייטיגע הייל אריין.

— מעג איך — פרעגט שלמה ביים קאַרליק — פרעגען, ווער די טויב איז?

— איך וועל דיר גערן זאגען:

זי איז אויך אמאל א מענש געוועזען, און א שעהן מיידעל גע־וועזען, דערנאך א יונג ווייבעל...

בלינד איז די ליעבע, און זי האט איהר יונגען מאנס פעהלער נישט געזעהן,—עס איז שווער צו דערקענען, פונקט ווי דעם קעניג איז שווער צו דערקענען, ווער עס איז איהם געטריי און ווער עס חנפ'עט איהם...

און אז עס איז א קינד, א מיידעלע, געבוירען געווארען, האט ער שוין אלץ, וואס זיי האבען געהאט, פארשווענדעט, עס איז נישט געוועזען קיין ווארעם וואסער פאר דער קינפעטארין, קיין שטיקעל ליינוואנט, מיט וואס דאס קינד צוצודעקען... דאמאלט האט זיי פלוצלונג אויפגעשיינט דאס גליק: מען האט פאר א בת־מלכה אן אם געזוכט, און זי האט מען אלם די שענסטע און בעסטע געפונען...

מיט הארץ־וועהטאג האט זי איבערגעלאזט איהר אייגען קינד אהן א וויג, און איז געגאנגען אין פאלאץ אריין אויסזויגען דעם לאנד א בת־מלכה...

דאס געהאלט און אלע מתנות האט זי דעם מאן געשיקט...

און דאך, אז זי איז, נאך עטליכע וואכען, געקומען זעהן איהר קינד, האט זי עס געפונען אפגעשוואכט און כמעט פארהונגערט...

און דאמאלט איז איהר געקומען א שלעכטער געדאנק אין קאפ אריין... זי וועט איבערטוישען די קינדער! נישט אויף לאנג, — זי וועט דערנאך צוריקטוישען, זאל נאר דאס קראנקע קינד צו זיך קומען!

נאר צוריקטוישען האט זי שוין נישט געקאנט...

איבער דער צייט האבען ביידע קינדער הערליך באקומען...

איהר אייגען קינד אין דער קעניגליכער וויג האט באקומען גאלדענע, בליצענדיגע האר, די אמת'ע בת־מלכה — ווייסע האר, ווי פלאקס!

— ווען איז דאס געוועזען, וואו? — פרעגט שלמה דער־שראקען.

— אין וואונדערלאנד, — ענטפערט דער קארליק, — אין גלויבשטיין איז עס געשעהען, און שולמית און דבורה זענען די פאר־טוישטע קינדער.

שלמה האט אראפּגעלאָזט דעם גרויסן קאָפּ אונטער שווערע געדאַנקען...

— און זי האט מורא געהאט אויסצוזאָגן? — פרעגט ער.— ציִ האט זי נישט געוואוסט, אַז פאר'ן אמת וועל איך מוחל זיין?

— זי האט נישט געקאָנט! דערווייל איז יואָב גרוים געוואָרען... און אין ווייבס זכות האט מען איהם אריינגעלאָזט אין פּאַלאַץ, מען האט איהם רייך באשענקט, און ער האט דעם קעניג געדאַנקט! מעהר האט ער נישט געדאַרפט... ער האט איהם ארומגעשטריקט מיט חניפה, אריינגע'גנב'עט זיך צו איהם אין הארץ און איז מיט יעדען טאָג גרעסער געוואָרען...

אַז דאָס ווייב האט געענדיגט איהר דינסט, האט ער זי אין אַ קעלער פארשלאָסען... דאָרט איז זי געשטאָרבען. זי האט געשריען, גערופען, נאָר הינטער די דיקע מויערען איז איהר קול פארשטיקט געוואָרען!

— איך בין ווערט געוועזען דעם גלות! — רופט זיך אָן שלמה,—איך האָב שווער געזינדיגט! — נישט איינמאָל, שפּאַצירענדיג ביינאַכט ארום פּאַלאַץ, האָב איך קרעכצען געהערט, האָב איך מיר שטאָלץ געטראַכט: אין מיין פּאַלאַץ וועט קיינער נישט קרעכצען, עס מוז זיין דער ווינט, וואָס רייסט זיך פון די קעלער ארויס...

— דאָס איז עס! שאַרף זענען די מלכים־אויערען פאר יעדער חניפה, און שווער פאר אָרעמע קרעכצען... אַלץ איז דער ווינט!

— נאָר — טרייסט איהם דער קאַרליק — דיין גלות ענדיגט זיך, דו וועסט אויסגעלייזט ווערען... נאָר דאָס מוז בלייבען בסוד— שולמית בלייבט בת־מלכה!

— און מיין טאָכטער, דבורה?!

— וועט גליקליכער זיין — אַלע אוצרות פון דער היכל וועלען איהר געהערען!

זי וועט רייכער זיין פאר אַלע מלכים, פאר אַלע קיסרים. נאָר זי וועט וויסען, ווי אַזוי די אוצרות צו באַנוצען...

אין דערזעלבער רגע האט זיך געהערט בלאָזען ווי פון אַ טראָמפּייט.

דער קאַרליק איז אויפגעשטאַנען:

— עס הויבט זיך אָן! — זאָגט ער — אונזער אויסלייזונג

הויבט זיך אן, דאס בלאזט מיין מוהמע אין גלויבשטיינער וואלד...
דאס איז דער צייכען, אז עס ווערט טאג, אונזער ריינער, העלער
טאג!

אין דער זעלבער רגע זענען צוריק אריין שולמית און די טויב.
און צום קארליק זאגט פרעהליך די טויב:

— שולמית גלויבט! איך האב איהר נאך אמאל אין מ י י ן
נאמען און אין ז י י ן נאמען געשוואוירען, אז זי וועט גליקליך
זיין, און שלמה דעם זיבען־און־צוואנציגסטען וועט קיין איינציגע
האר אויפ'ן קאפ זיך נישט קרימען. און זי געטרויט מיר איהר גע־
שטאלט...

— געדאנקט איז גאט! — האט אויסגערופען דער קארליק,—
דער אדלער ווארט פאר דער הייל!

אין דער רגע האט זיך שולמית מיט דער טויב פארביטען!
די טויב איז געשטאלט פון שולמית איז ארוים פון דער הייל, און
שולמית אין געשטאלט פון א טויב איז ארויפגעפלויגען און האט
זיך געשטעלט אויף שלמה'ס אקסעל...

און דער קארליק האט א פאטש געגעבען מיט דער האנט, און
די הייל האט זיך געעפענט, און שלמה זעהט, ווי אן אונגעהייער
שטארקער אדלער טראגט די טויב, אין געשטאלט פון שולמית, אין
דער לופט.

— קיין גלויבשטיין — זאגט דער קארליק — פליהט זי, מיר
וועלען נאכקומען, אונזערע אדלער ווארטען אויך...
און די הייל האט זיך צוריק פארשלאסען.

## עלפטעס קאפיטעל.

דער שטראל.—דער כשוף־מאכערינס ברכה.—
דבורה'ס חלום.

א בלאסער, סוף־ווינטערדיגער פריהמארגען האט זיך אריינ־
געלאזט דורך א שפארע אין דער הייל פון גלויבשטיינער וואלד,
און האט, גלעטענדיג זי איבער'ן פנים, די כשוף־מאכערין געוועקט.

דער שטראַל, וואָס דער פריהמאָרגען האָט געלאָזט אין דער הייל, איז דער אַלטער עפּעס אויסטערליש געפעלען, גלייך ער האָט איהר פון הימעל אַ גוטע בשורה געבראַכט.

זי האָט אַ פרעהליכען וואָרף געטאָן מיט'ן אַלטען קאָפּ, אַ פאַליע זילבערנע האָר האָט זיך צוטיילט אויף ביידע אַקסעל און עס האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעלדיג פּנים מיט גלאַנצענדיגע אויגען.

עס ציטערען איהר די ליפּען, דאָס זאָגט זי „מודה־אני“, דער־נאָך גיסט זי זיך אָפּ די נעגעל, און הויבט די אויגען אין דער הויך, און זאָגט מיט אַ ציטעריג שטיל קול:

— איך דאַנק דיר און לויב דיך, שעפער פון דער וועלט, פאַר'ן היינטיגען פריהמאָרגען, פאַר דעם גאָלדענעם שטראַל, פאַר די בשורה טובה, וואָס ער האָט מיר געבראַכט, פאַר די אויסליי־זעניש, וואָס הויבט זיך אָן פאַר מיר און מיינס גלייכען...

איך בין שוין מיד געוואָרען, רבונו של עולם, איך האָב שוין אָנגעהויבען בענקען אין מיין רוח אַריין... אַ קראַה וויל אַזוי לאַנג נישט לעבען.

דערנאָך האָט זי געוואָרפען אַ שטאַרקען בליק אויף די פאַר־הענגלער, הינטער וועלכע עס איז געשלאָפען דער פאַר'כשופ'טער יונגערמאַן.

— געלויבט איז גאָט, געהויכט זאָל זיין זיין ליעבער נאָמען! לייכט איז שוין זיין שלאָף, שטאַרקער דער אָטעם, — די פאַר־הענגלער ריהרען זיך! מען קאָן איהם שוין וועקען.

אַצינד האָט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער און איז איבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט הייל צו דבורה'ס בעט. זי לעגט איהר די האַנט אויף'ן שטערן, וועקט זי מיט אַ קוש.

— אַ פרישער, גוטער מאָרגען אויף דיר, טאָכטער.

דבורה וועקט זיך האַלב דערשראָקען און קוקט זיך אַרום פאַר־וואונדערט.

— פון וואַנען קומסט דו, טאָכטער? וואו האָט דיך דער מלאך פון חלומות אַרומגעפיהרט?

דבורה נעמט אַרום דער אַלטערס האַלז און זאָגט:

— אַ שרעקליכער, אַ וואונדערליכער חלום!

— קאָנסט דו איהם דערצעהלען?...

— געוויס, מוהמעשי, איך האב קיין סודות נישט פאר דיר!

די אלטע האט זיך געזעצט אויפ'ן ראנד פון דבורה'ס בעט. און דבורה דערציילט:

— איך בין געזעסן — דערציילט זי — ערגעץ אין דער פרעמד, אין א ווילד־פרעמדער שטאדט, אין אן אפגעלעגענער ענגער גאס, צווישען צוויי שורות קליינע, פינסטער־פארשלאפענע, אפגע־שיילטע הייזלעך... אויף א שטיין בין איך געזעסן... איינע אליין, און האב געציטערט פאר שרעק.

און איבער'ן קאפ האט זיך מיר נידעריג אראפגעלאזט א שווער־צער, א צארניג־פינסטערער הימעל, — ווי מיט א וואלקען באַ־דעקט... שווער און צארניג איז געלעגען דער הימעל איבער דער אויסגעשטארבענער גאס. און איך זיץ אזוי און קלער:

— ווער בין איך? וואס טו איך דא? ווער האט מיך דא פארלוירען?

און מיר דאכט זיך, אז איך דארף ערגעץ געהן און ערגעץ עפעס טון, עס זאל פלוצלונג צוריסען ווערען דער וואלקען, עס זאל אויפגלאנצען א זומערדיג־לאכענדיגער הימעל, עס זאל אויפ־לעבען די טויטע גאס, און די קליינע הייזלעך זאלען אנהויבען וואקסען און וואקסען אין הימעל, ווי די העכסטע פאלאצען און היילינגקייטען, און פון די פאלאצען און היילינגקייטען זאל זיך הער־רען א זינגעריי, א געדרופעריי פון גליק, — א בשורה טובה זאל דורכפליהען פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז...

און אינגאנצען עטליכע מ־ל האב איך געדארפט געהן, און גאר א קלייניגקייט טון; איך געדענק אבער נישט, וואוהין צו געהן און וואס צו טון!

און שרעקליך וועה טוט מיר דאס הארץ! איך געדענק, אז עס דארף עפעס געטאן ווערען, איידער די ארעמע, פארשאלטענע גאס כאפט זיך אויף... איך פיהל, אז אויב נישט, וועט זי זיך אויפכאפען מיט א זינדיגען כעס, ווי א חיה רעה וועט זי זיך אויפ־כאפען, מיט א בריל פון א קללה אויף שוימענדיגע ליפען... און דאַ־מאלט וועט שוין זיין צו שפעט... דער הימעל וועט נאך פינסטערער ווערען, און גאט וועט פארהאמערען די טויערען, און מעהר נישט ארויסלאזען קיין מארגענשטערן, קיין זון... עס וועט זיין שוין אן אייביגע נאכט.

און אלץ האט זיך אז מ י ר געוועגדט, און א י ך האב אלץ פארגעסען!

און פלוצלונג האב איך אונטער'ן שווארצען הימעל א ווייסען, שווימענדיגען פלעק דערזעהן...

פון מזרח־זייט שווימט ער צו מיר, און לאזט זיך אלץ טיפער און טיפער אראפ.

עס איז א ווייסע טויב געוועזען...

זי האט זיך מיר אויף דער שוים געשטעלט, און איך האב דערזעהן, אז זי האט א בריוועלע אויפ'ן האלז, און זי שטעלט מיר אקעגען דעם שניי־ווייסען האלז, איך זאל דאס בריוועלע אראפ־נעמען.

און איך האב אויפגעבונדען דאס רויטע שנירעלע פון ווייסען האלז, און דאס בריוועלע געעפענט, נאר לעזען האב איך נישט גע־קאנט, עס איז צו פינסטער געוועזען!

נאר אין דערזעלבער רגע, האט מיר גלייך איבער'ן קאפ אויפ־געפלאמט א שטערן אויפ'ן הימעל, און האט מיר דאס בריוועלע באשיינט...

דבורה בלייבט שטיל, ווי דעם אטעם צו כאפען.

— און וואס איז געשטאנען אין בריוועלע? — פרעגט די אלטע.

— עס איז געשטאנען... עס איז געשטאנען, אז איך... איך, איך — הויבט אן דבורה צו שטאמלען.

— וועל א י ך דיר זאגען, וואס עס איז געשטאנען!

— דו? דו ווייסט, מוהמעשי?

— אלץ ווייס איך! עס איז געשטאנען, אז דו ביסט נישט יואב דעם רשע'ס טאכטער, אז דו ביסט א בת־מלכה! אז מען האט דיך מיט שולמית פארטוישט!

— יא!

— נאך איז געשטאנען, אז דו זאלסט אנטלויפען פון דער הייל צוריק אין גלויבשטיינער פאלאץ, דארט איז א סעודה א גרוי־סע, יואב מאכט א גרויסע סעודה — און שלמה און שולמית וועלען אויך אויף דער סעודה זיין, און שלמה וועט אויסגעלייזט ווע־רען פון גלות און צוריק קרוינען זיך פאר מלך! דאמאלט — איז געשטאנען — זאלסט דו אננעמען שלמה'ן ביי דער האנט און צו־

פיהרען צו דער געשטארבענער מלכה'ס, עליה־השלום, פארטרעט. און ווייזען, צו ווען דו ביסט עהנליך !...

— אזוי איז געשטאנען !

— און דו זאלסט ווערען בת־מלכה — —

— יא, יא...

— און דו וואס האסט געזאגט ?

— איך ? איך האב דאס בריוועלע אויף פיץ־פיצלעך צוריסען און אויפ'ן ווינט פארזייהט... זיי זענען זיך, ווי קליינע ווייסע פליגעלעך צופלויגען...

— פארוואס ?

— ווייל איך האב געוואוסט, אז מיין וועג, וואס איך דארף געהן, איז נישט קיין גלויבשטיין, און דאס, וואס איך דארף טון, איז נישט א קרוין אויפ'ן קאפ ארויפצולעגען... נאר עפעס אנדערש און ערגעץ אנדערש. כאטש וואו און וואס — האב איך אין חלום נישט געדענקט...

— און אצינד ?

ווי א רויז האט אויפגעפלאמט דבורה'ס פנים :

— מעג איך ? — פרעגט זי מיט ציטערדיגע ליפען.

— ווארט, אביסעל שפעטער ; דערצעהל מיר נאר דעם סוף פון דעם חלום. וואס איז ווייטער געשעהען ?

— ווייטער ? די טויב איז אוועקגעפלויגען, און דער שטערן האט זיך אראפגעלאזט און געשטעלט זיך מיר ווי א קרוין אויפ'ן קאפ...

— דאס איז דיין מזל, דבורה, — קושט זי די אלטע מיט פרייד — שטעה אויף און קום מיט מיר אין וואלד אריין !

## צוועלפטעס קאפיטעל.

**שופר בלאזען.—אחשורוש'ס סעודה.—הוש! הוש! געה וועקען!**

אין דער לופט האט זיך געפיהלט א הויך פון פריהלינג. נאר דער גלויבשטיינער וואלד איז נאך אינגאנצען מיט שניי בעדעקט. די בוימער זעהען אויס ווי אומגעקעהרטע טראלבען מיט ווייסע בלי־

מעלער, און אויפ'ן שנייענעם דיוואן, מיט וועלכען דער וואלד איז אויסגעבעט, בליצען אקעגען דער אויפגעהענדיגער זון מיליארדען שנייענע בריליאנטען.

די אלטע כשוף־מאכערין מיט דבורה'ן זענען ארויסגעקומען פון דער הייל, און דער אלטער אויפ'ן האלז הענגט א שופר אויף א לאנגער גאלדענער קייט.

זי האט זיך אפגעשטעלט, גענומען דעם שופר צום מויל.

— תקיעה!

דער קלאנג פון שופר ציטערט נאך אין דער לופט, און דבורה פיהלט שוין, ווי עס ציטערט די ערד אונטער איהרע פיס פון טויזענטער טריט.

דאס האט דער שופר די שלאפענדיגע סארנעס געוועקט, און פון אלע עקען פון וואלד לויפען זיי זיך צוזאמען, און שטעלען זיך אויס א שורה, דער כשוף־מאכערין צו דער רעכטער האנט.

ציי איז עס א חלום? דבורה הערט, ווי די כשוף־מאכערין באגריסט זיי מיט א פרעהליכען „גוט־מארגען", און די סארנעס, וואס ציטערען פאר קעלט, ענטפערען איהר מיט א פרעהליכען: „גוט יאהר!"

און ווייטער נעמט די אלטע דעם שופר צום מויל.

תרועה!

עס פארקלינגט ווייטער אין דער לופט, און מיט ציטערדיגע פעלעכלער, פון אלע עקען פון וואלד, לויפען זיך צוזאמען אויפגעוועקטע הירשען, און שטעלען זיך אויס אין א שורה, אקעגען די סארנעס, דער כשוף־מאכערין צו דער לינקער האנט!

— גוט מארגען, הירשען!

— גוט יאהר, מוהמעשי!

און צום דריטען מאל נעמט די אלטע דעם שופר צום מויל, צום דריטען מאל בלאזט זי, און די ווייסע קרוינען אויף די הויכע בוימער הויבען אן לייכט צו ציטערען, איבער'ן גאנצען וואלד ווארפען זיך אויף קופקעלעך שניי, און ס'שפרינגען חיה'לעך ארויס, — א געלויפעריי, א געיאגעריי אין וואלד, — האלב־פארשלאפענע וועווערקעס, קעניגלעך, האזען, און העזעלעך, און פיקסלעך קליינע און געלע, און נאך אלערליי קליינווארג פון וואלד, מיט זילבערנע וואנסען, מיט עלפענביינערנע און זילבערנע הערנדלעך.

קומען אנצולויפען, און שטעלען זיך אויס אויפ׳ן פראנט, אקעגען דער כשוף־מאכערין.

— גוט מארגען, חיה׳לעך!

— גוט יאהר, מוהמעשי!

און צום פיערטען, צום לעצטען מאל, בלאזט די אלטע. נאך שארפער קלינגט עס אין דער הויך, און אונטער׳ן הימעל, פון אלע עקען פון דער וועלט, באווייזען זיך שווימענדיגע שווארצע, ווייסע און פארביגע פלעקען, און עס הערט זיך א גערויש, א געזשומעריי, א פליגעל־קלאפעריי, און א גאנצע כמארע פון געפליגעל און פייגעל שוועבען שוין אין דער לופט, און רעדלען ארום דער אלטער כשוף־מאכערינס קאפ.

„גוט מארגען" — „גוט יאהר"; און די אלטע האט צו זיי אזוי געזאגט:

— ערשטענס, זייט מיר מוחל, וואס איך האב אייך היי־יאהר אזוי פריה געוועקט, אזוי פריה צוזאמענגערופען! איבער־א־יאהר, אז גאט וועט שענקען דאס לעבען, וועט איהר דערפאר לענגער רוהען, לענגער שלאפען... ד א ס מאל מוזט איהר מיר טון א טובה!

— גערן! גערן! — ווערט א גערופעריי פון אלע זייטען.— וואס דיין הארץ נאר גלוסט!

— איהר אלע, — זאגט די כשוף־מאכערין, — איהר אלע, וואס שפרינגט, היפעט, טאנצט, לויפט און פליהט! איהר אלע זאלט אייך תיכף ומיד באגעבען צום פעטער קארליק אין דער הייל אריין, אויף אייערע באקאנטע וועגען, מיט אייער קפיצת הדרך, זאגען איהם פון מיר: „גוט מארגען!" און נעמען זיינע אוצרות און איבערטראגען אין גלויבשטיינער פאלאץ אריין! צוויי פוד גאלד זאל נעמען א הירש, צו איינציגע פוד א סארנע, און די קליינע חיה׳לעך — צו האלבע! און די שווארצע פליגעל זאלען זיך אויפ־הענגען ווייסע שנורען פערעל, און די ווייסע פליגעל — ש ו ו א ר צ ע פערעל, און די קאלירטע — אלערליי קרעלען און טייערע שטיינער!

די אלטע בלייבט א רגע שטיל און ווענדט זיך צו דבורה׳ן:

— וואס וואלסט דו געטאן, קינד, יוען מען זאל דיר איבער־געבען דאס גאנצע פארמעגען?

דבורה טראכט אַ ווײַלע און ענטפערט:

— איך וואָלט עס הפקר געמאַכט, דאָס גאָלד זאָל דעם ווערט פאַרלירען, עס זאָל אויפהערען קנאה, שנאה...

— גוט, גוט, — שמייכעלט די אַלטע, — אפשר אויך אַ פּלאַן.

און ווענדענדיג זיך צו די געפליגעל און חיה'לעך, זאָגט זי ווייטער:

— מיט דעם אַלעם זאָלט איהר פליהען, לויפען און טרייבען צום גלויבשטיינער פּאַלאַץ... דאָרט האָלט יואָב...

— דער פאַלשער יואָב, — פאַלען חיה'לעך און געפליגעל אריין אין די רייד:

— נישט אייער זאַך, — בייזערט זיך די אַלטע, — דאָרט האָלט יואָב אַ סעודה!

— און אַ סעודה, — זאָגט ווייטער די אַלטע מיט אַ וואונ־דערליכען שמייכעל, — ווי אחשורוש אין זיין צייט! ער וויל זיך אויך אַ מלכה קלייבען; די שענסטע פון דער גאַנצער מדינה וויל ער!

— דער רשע!

— שטיל זאָל זיין! — טופּעט די אַלטע מיט'ן פוס — זיין טאָכטער שטעהט פאַר אייך!

— עס איז נישט זיין טאָכטער! — עס ווערט אַ גערוישע־ריי: מיר ווייסען, מיר ווייסען!

— און אַז מען ווייסט, — לאַכט די אַלטע, — איז מען קלוג, און אַז מען איז קלוג, שווייגט מען!

און זי מאַכט צוריק אַן ערנסט פנים און זאָגט:

— און אַ סעודה וועט זיין כיד המלך! זיבען טעג און זיבען נעכט אַ סעודה! טויזענט פאַרביגע לאַנטערנען וועלען פלאַמען אין פּאַלאַץ און אין גאַרטען! טישען אָהן צאָהל וועלען זיך ברעכען אונטער דער לאַסט פון עסענוואַרג און ווײַנען, הונדערטער קאַ־פּעליען פון מוזיקאַנטען, הונדערטער כאָרען פון זינגער און שפּי־לער וועלען זיין אין זאַלען און אַלען צוואָוואָרפּען... פון גאָלדענע, עלפענביינערנע און פּערלמוטערנע שיפלעך, וואָס וועלען זיך גלי־טשען איבער'ן בלויען שפּיגעל, וועט שווימען געזאַנג, פון יעדען בלומענשטרוים וועט אַרויסקלינגען, אַרויסזינגען, אַרויסשפּילען...

אויבען אין הימעל וועט שווימען אַ געלע, פאַרשעמטע לבנה

קיין שטערען וועט מען גארנישט זעהן. באהאלטען וועלען זיי זיך פאר קנאה...

אונטען וועלען שענערע זיין! אלע שטערען פון גאנץ וואונ־דערלאנד, — די שענסטע פרויען פון גאנץ וואונדערלאנד וועלען פארבייגעהן פאר'ן טראן... אויפ'ן טראן וועט זיצען יואב, יואב מיט'ן אלטען, פארשרומפענעם פנים, מיט פארגלעזערטע אויגען, מיט א ברייט געעפענט מויל, ווי ביי א פיש... און ער וועט קוקען, קוקען און וועלען זיך אויסקלייבען א מלכה...

— פוי! — ווערט א גערודעריי און געפייפעריי צווישען די חיות.

— שווייגט! — רופט די אלטע שטערנג. — אהין זאלט איהר ברענגען די אוצרות! דער רעשט געהערט שוין צו מיר!

— און אצינד, — זאגט ווייטער די אלטע, — ריהרט אייך! צושיט אייך! צוזאגט, און צופליהט אייך! יואב'ס יעגער קומען אז — ווילדפרעט דארף מען! זאל אייך קיין פייל נישט טרע־פען, קיין קויל נישט ריהרען! הוש! הוש!

די געפליגעל און די חיה'לעך זענען פארשוואונדען געווארען, און די אלטע נעמט ארום דבורה'ן, קושט זי און זאגט:

— אצינד, אין גאטס נאמען, גייע און וועק, וועמען דו ווייסט!

## דריי־צעהנטעס קאפיטעל.

### וואס די אלטע קראה ווייסט און דערצעהלט.

אין די לעצטע טעג איז נישט רוהיג געוועזען אין גלויבשטיי־נער וואלד.

קוים זענען זיך די געוועקטע חיות און געפליגעל צולאפען און צופליגען, האבען זיך אין וואלד גאנצע מאסען יעגער באוויזען. עס איז געווארען א געשיסעריי, א געיאגעריי. זיי האבען געיאגט און געשאסען באזונדער און חברות'ווייז, און מען האט אויסגעטויט פון וואלד דעם רעשט ביסעל פעפער און פוילע, וואס האבען דער כשוף־מאכערינס רופען און בלאזען אין שלאף נישט געהערט, אדער געהערט און איבערגעדרעהט זיך אויף דער צווייטער זייט און ווייי־

טער געשלאפען. — אזעלכע האבען דערפאר די יענער געוועקט און געמוּיט אויף ווילדפרעט פאר יואב'ן צו דער סעודה...

דערנאך האבען אנגעהויבען די געסט צו געהן, צו רייטען און צו פאהרען, פון אלע זייטען פון דער מדינה, אויף אלערליי פוהר־ווערק, מיט אלערליי געשפאן.

שפילער און זינגער און קונצענמאכער — צו־פוס, אדער א גאנצע חברה האט זיך געשלעפט אויף איין פויעריש פוהרעל — א געכאפטע געלעגענהייט. אויך שווערע וועגען זענען געגאנגען, זיי האבען די שענסטע דארף־מיידלער געפיהרט, — פרעהליכע אויגען האבען דורכגעבליצט. פארשידענפארביגע בענדער האבען דורכגעוועהט. לוסטיגע ליעדער האבען דורכגעקלונגען. עס האבען זיך אויך פיעל וואלענטען, קאטשען, קארעטען געוויזען. מיט בליצענדיגע שויבען, מיט גאלד און זילבער באשלאגען געשפאן און טייערע פערד...

עס האבען קיין חיה'לער געוויהערט, עס האבען קיין פייגעל געזונגען און פול מיט גערויש און געזאנג איז געוועזען דער וואלד, און די ערד אונטער איהם האט געציטערט אונטער די פוס־געהער, רייטער און פאהרער...

און אז דאס גאנצע גערויש איז אריבער קיין גלויבשטיין, איז דער וואלד געבליבען שטום, שרעקליך שטום...

צוטרעטען און צומארשטען איז דער שניי; דורכגערעדערט, אויפגעווארפען — דער וואלד.

נאר עטליכע קראהען זענען אויף א וויסטען בוים געבליבען, און די עלטסטע פון זיי דערצעהלט די אינגערע, וואס אין גלויבשטיין איז געשעהען.

זי האלט אין דערמיט ערצעהלונג:

— אז אומגעהויער לאנגע שורה פון שעהנהייטען האט זיך געצויגען פאר יואב'ס שטול...

לאנגזאם זענען זיי געגאנגען, טריט ביי טריט מארשירט, ביי דעם קלאנג פון א שטילער, זיסער, פאר'כשופ'טער מוזיק.

אלע קאפעליען האבען ביי די פענסטער פון פאלאץ געשפּילט, אלע כארען האבען געזונגען, און אין סאלאן האט געבליצט פון בריליאנטען און בריליאנטענע אויגען...

פארשידענפארביגע טואלעטען האבען געבלענדט...

און דער אַלטער יואב זיצט איינגעבויגען מיט אַ בלאַס פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגען, און קוקט...

פּלוצים האָט ער דערזעהן, אַז רעכטס, נישט ווייט פון טראָן, שטעהט אַ שענער יונגערמאַן מיט אַ ווייסער טויב אויף אַן אַקסעל. וואָס טוט ער דאָ? ער קוקט לינקס און דערזעהט זיין איי־גענע טאָכטער דבורה'ן, מיט אַ העל־גלאַנצענדיגען שטערן, ווי אַ קרוין, אויפ'ן קאָפּ, לעבען אַ יונגענמאַן, וואָס האָט אויף אַלעמען מיט צוויי אויגען, ווי צוויי שטערן, געקוקט. און פון פאָרענט זעהט ער — קומט אַריין שולמית...

עס איז נישט שולמית, עס איז איהר געשטאַלט געוועזען.

שולמית איז געשטאַלט פון אַ ווייסער טויב איז געשטאַנען רעכטס, אויפ'ן באַריהמטען שטיקערס אַקסעל; און, אין געשטאַלט פון שולמית האָט זיך צו איהם דער גלגול פון זיין ווייב, וואָס ער האָט אין קעלער פאַרמאַטערט, גענעהנט.

און פון ווייטענס באַווייזט זיך נאָך שלמה, צוריק אין בגדי־מלכות געקליידט...

יואָב פאַלט פאַר שרעק אַראָפּ פון שטול, און אויף אַלע פיער ריטשט ער זיך צו צו שולמית, דאָס הייסט, צו זיין אייגען פאַר־שטאָרבען ווייב, וואָס האָט זיך אין שולמית'עס געשטאַלט פאַר־שטעלט.

ער ריטשט זיך און פאַלט צו מיט ווייסע ליפּען צום זוים פון איהר קלייד און קרעכצט:

„דאָס האָב איך אַלץ אוים ליעבשאַפט צו דיר געטאָן... זיי מיר מוחל, שולמית, זיי מיין ווייב!"

— דער אַלטער נאַר! — רופען די אינגערע קראָהען.

די אַלטע לאָזט זיך נישט איבערהאַקען און דערצעהלט ווײַ־טער:

— אין דער זעלבער רגע איז די וואונדערליכע זאַך געשעהען.

שולמית און די ווייסע טויב האָבען זיך צוריק מיט די גע־שטאַלטען פאַרביטען.

די עכטע שולמית האָט זיך געשטעלט ביי דעם באַריהמטען שטיקער אַז אַ זייט, און די ווייסע טויב האָט דאָס צווייטע און דאָס לעצטע מאָל איהר געשטאַלט געטוישט, און יואב, פאַרדולט און משוגע פאַר תאוה און שרעק, האָט פאַר זיך זיין פאַרשטאָרבען

ווייב דערזעהן. אין תכריכים איז זי פאר איהם געשטאנען, און א ווייס־טויטע האנט איהם אויפ'ן קאפ געלעגט...

און אין דער זעלבער רגע האבען זיך געעפענט דריי טירען, פון פארענט, רעכטס און לינקס...

פיער ווייסע בערען זענען אריינגעקומען רעכטס; פיער ווייסע בערען האבען געטראגען פיער גאלדענע שטאנגען פון א רויט־סאַמעטענער חופה מיט פערל און בריליאנטען געשטיקט, און האבען זיך לעבען דעם באריהמטען שטיקער מיט שולמית געשטעלט און זיי אונטער דער חופה גענומען.

און פונקט אזוינע פיער ווייסע בערען זענען אריינגעקומען לינקס, און האבען אויך אונטער אזא חופה גענומען די צווייטע פאר, דבורה'ן, יואב'ס טאכטער, מיט'ן ליכטיגען שטערן אויפ'ן קאפ, און דעם יונגענמאן מיט די שטערענשטראלענדיגע אויגען...

און פון פארענט זענען אריינגעפלויגען פיער שווארצע, שרעקליך שווארצע קראהען, מיט א שווארצער, שווארצער חופה און האבען זיך געשטעלט אין דער לופט איבער יואב'ס און זיין ווייבס קאפ...

און אונזער מוהמע האט זיך אויך באוויזען...

אונזער אלטע מוהמע מיט די ווייסע האר, ברענענדיגע אויגען און מיט'ן שופר אויף דער לאנגער גאלדענער קייט...

און דער פעטער קארליק האט זיך באוויזען אין שווארץ־סאַמעטענע קליידער און אין א שטריימעל — א שווארץ שטריימעל מיט לאנגע, לאנגע זילבערנע שטראלען — ער וועט ביי די רויטע חופות מסדר קדושין זיין...

און די אלטע האט א בלאז געטאן —

שברים האט זי געבלאזען...

און ביים בלאזען האבען זיך די פיער שדים אין געשטאלט פון קראהען מיט דער שווארצער חופה אויפגעהויבען און ארויסגעפלויגען מיט יואב'ן און זיין ווייב, מיט וועלכער ער איז נאך אמאל געשטאנען אונטער דער חופה צוזאמען...

און אינ'ם פליהען איז אראפגעפאלען די קרוין פון יואב'ס קאפ און האט זיך צוגעקאלערט צו שלמה דעם זיבען־און־צוואנציגסטענס פיס...

און דער סדור קדושין ביי די רויטע חופות האט זיך אנגע־

הויבען... און באלד דערנאך האבען זיך אונזערע חיות און עופות באוויזען און האבען דעם קארליק׳ס אוצרות דבורה׳ן צו די פיס גע־לעגט.

— דאס איז דיין נדן! — האבען זיי געזאגט.

— אויפ׳ן ארט פון דער מלוכה — זאגען די יונגע קראהען און פרעגען:

— און ווייטער וואס איז געשעהען?

נאר די אלטע קראה רופט צו זיי שטיל: הערט, הערט!

א שטיל גערויש איז געווארען אין וואלד, שטילע טריט האבען זיך געהערט.

א חברה קליינע, גאר קליינע מענשעלעך, קארליקעס, אין שווארץ־סאמעטענע קליידער, מיט גאלדענע גארטעל מיט בריליאנ־טען־בליצענדיגע אראפגעלאזטע עקען, מיט קליינע זילבער־בליצענ־דיגע שטריימלעך, און מיט אויגען, וואס האבען אלעם איבערגע־בליצט, האט זיך באוויזען אין וואלד, און האבען רוהיג און שטיל דורכמארשירט.

די קראהען האבען זיי נאכגעקוקט, ביז זיי זענען פארשוואונ־דען געווארען.

— וואס איז דאס? — פרעגען די יונגע קראהען ביי דער אלטער.

די אלטע זאגט זיי:

איך וויים און וועל אייך זאגען.

דאס איז א דעלעגאציע, וואס די קארליקעס שיקען ארויס צו שלמה דעם זיבען־און־צוואנציגסטען.

זיי, די מענשען מיט קליינע גופים און גרויסע נשמות, ווילען שלום מאכען מיט די גרויסע גופים און קליינע נשמות!

— ביז אהער האבען זיי עס נישט געפרואווט?

— בא! זיי ווייסען, אז שאפען, האבען ביז איצט געקאנט נאר גרויסע גופים און קליינע נשמות, וועלכע האבען ביז אהער ליעב געהאט מלחמה צו האלטען; יעדער נצחון איז געוועזען א נייער בריליאנט אין דער קרוין אויף זייער קאפ...

שלמה דער זיבען־און־צוואנציגסטער, רעכענען זיי, וועט שוין קיין מלחמות נישט פיהרען... ער האט גלות געליטען, אויך ביי א קארליק אונטער דער ערד געלעבט, וועט ער זיי אויסהערען און פארשטעהן...

— פארוואס האבען זיי נישט געפּרואווט ביי שלמה דעם ערשטען? ער האט אויך קיין מלחמות נישט געפיהרט און איז א חכם געוועזען...

— ביי איהם זענען זיי טאקע דריי מאל געוועזען און נ י ש ט געטראפען... ער האט אלע דריי מאל צו זיי היין צייט נישט גע־האט.

דאס ערשטע מאל האט ער זיך פּרעה'ס טאכטער פאר'ן טוי־זענטסטען ווייב געבראכט און האט זיך איהר צוליעב, זי צו דער־פרעהען, אויף א גאנץ יאהר פון דער מלוכה אפגערוקט...

דאס צווייטע מאל — האט מען איהם א שטאל מיט פערד פון מצרים געבראכט... האט ער נאך ווענינער צייט געהאט, און דער עולם אין ירושלים האט זיך דערווייל לוסטיג געמאכט איבער די קליינע מענשעלער!

צום דריטען מאל האבען זיי נאך ערגער געטראפען: די מלכה־שבא איז געוועזען צו גאסט!

עס איז, זעהט אויס, א הימעל־זאך געוועזען! מען האט דארט קיין שלום נישט געוואלט, און די קארליקעס האבען אנגעהויבען גאר אינגאנצען מסופק צו זיין, צי איז ער טאקע, דער שלמה, אזא חכם! מאלע וואס א וועלט זאגט!

די אלטע קראה פארשווייגט און פּיקט זיך אין עק שטארק פארקלערט.

— און היינט, — פרעגען די יונגע — ווען זיי פועל'ען?

— ווער ווייסט? — דער היינטיגער שלמה איז עהרליך און גוט... דער באריהמטער קינסטלער איז זיין איידעם, דבורה'ס מאן מיט די שטערען־ליכטיגע אויגען זאל ווערען משנה למלך...

זי פארטראכט זיך ווייטער און פּיקט זיך אין עק.

# דער קרבן.

אמאל איז געווען א גרויסער שר, וואס האט געהאט א פאַ־לאַץ צווישען גערטנער ביים ברעג פון ים.

דער שר איז אַן אלמן געווען, און נאָך אמאל חתונה האבען האט ער נישט געוואָלט צוליעב די צוויי טעכטער. וואס ער האט געהאט, שרה און רבקה.

שטעהט אמאל דער שר אין פענסטער פון פּאלאַץ און וויל זעהן, וואס זיינע אַרויסגעגאַנגענע טעכטער טוען. זעהט ער, אז איי־נע, די עלטערע, מיט'ן נאָמען שרה, זיצט אויף א גאַרטען־באַנק און העפט. ווייסט ער, וואס זי העפט. זי העפט אוים, מיט גאָלד און זילבער און גראַנאַטען אויפ'ן פיינסטען סאַמעט, א פּרוכת אין שטאָדט אריין פאר דער שול. א יפת תאר, און א בריה נפלאה, די הענטלעך פליהען ביים העפטען, און א פרומע נשמה דערצו.

און די צווייטע, מיט'ן נאָמען רבקה, לויפט ארום צווישען די בייטען פון בלומען, און רייסט די שענסטע און די טייערסטע און פלעכט א קראַנץ. ער ווייס, פאר וועמען — פאר'ן ליעבען פאַטער. א יפת תאר און א געשיקטע, און אַזא הארציגע דערצו. און ער הויבט די אויגען אויף, וויטער צו קוקען. שוועבען זיינע בליקען איבער'ן שטילען בלויען ים, און זיין הארץ וואונדערט זיך: פאר־וואס זעהט מען קיין שיפלעך מיט חתנים פאר זיינע טעכטער נישט? ווען וועט ער פון זיי נחת דערלעבען?

און ווי ער קוקט אַזוי, דערזעהט ער: א שיפעל געגעהנט זיך צו צום ברעג. שטיל ריהרט עס צו. די רודערען הענגען פון די רייפען אין וואסער אראָפּ, און א האנט הענגט פון שיפעל ארויס, און איינע פון די הענט הענגט אַזוי שטאַר אין וואסער אראָפּ. איז דער שיפער איינגעשלאָפען פאר מידקייט, אדער א שלאָג פון דער זון באַקומען און פאר'חלש'ט געוואָרען?

אומרוהיג געוואָרען, לויפט דער שר אַראָפּ, שרייט די דינער צוזאַמען, איילט מיט זיי צום ברעג פון ים. די טעכטער האָבען אויך דערהערט און זענען נאָכגעקומען.

איידער מען האָט אָנגעבונדען אַ שיפעל, אָנטקעגען צו שווי־מען און צו רעטען, האָט דערוויייל דאָס בלאָנדזשענדיגע שיפעל אליין זיך צוגעשלאָגען צום ברעג.

אין שיפעל איז געלעגען אַ פאַר׳חלש׳טער יונגערמאַן.

— אוי, ווי שעהן! — האָט אויסגעשריען רבקה. און שרה האָט זיך שווין מיט׳ן קראַנקען פאַרנומען. — מען האָט פון פּאַלאַץ אַ טראָג־בעטעל געבראַכט, מען האָט דעם פאַר׳חלש׳טען, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דערמונטערען, אויפ׳ן בעט געלעגט און, אויף שרה׳ס באַפעהל, צום פּאַלאַץ געטראָגען, אין אַ צימער אריינגע־טראָגען...

— איך רייט אין שטאָדט אריין נאָך אַ דאָקטאָר! — האָט דער שר געזאָגט, און אויגענבליקליך האָבען די דינער פאַר איהם צוגעפיהרט אַ געזאָטעלט פערד...

— איך וועל רייסען בלומען פאַר׳ן שעהנעם קראַנקען! — האָט רבקה געזאָגט. — אַז ער וועט זיך אויפכאַפּען, די אויגען עפע־נען, זאָל ער בלומען דערזעהן...

שרה איז ביים קראַנקענס בעט געבליבען; צוקאָפּענס געזע־סען, און שטילערהייט פאַר איהם תפלה געטאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געוואָרען פאַרנאַכט. די זון געהט אונטער און שטילע שאָטענס וועבען זיך צוזאַמען אין קראַנקענס צימער.

אין דער פאַרשאָטענטער שטילקייט, מיט טיפע רויטע אָפּגלאַנ־צען פון דער אונטערגעהענדיגער זון, עפענט זיך פּלוצלונג די טיר פון קראַנקען־צימער, און עס באַוויזט זיך ווער, מיט שוואַרצע פליגעל, אין אַ שוואַרץ טוך פאַרהילט.

— ווער ביסטו, ווער? — פרעגט שרה דערשראָקען, און קאָן פון דער ערשיינונג קיין אויג נישט אָפּווענדען.

— דער מלאך־המות! — ענטפערט דער געקומענער. מען האָט מיך נאָך דעם יונגענמאַנס נשמה געשיקט...

— אוי, — בעט זיך שרה, — לאָז איהם געמאַך! זעה, ווי יונג ער איז, זעה, ווי שעהן ער איז... ער שלאָפט פאַר׳חלש׳ט, און

א זיסער שמייכעל שפּילט אַרום די פּיינע ליפּען. אַ זיס, ליעב לע־בען חלום'ט זיך איהם... זעה דעם אָפּגלאַנץ פון גע'חלום'טען גליק אויף זיינע בלאַסע באַקען, אויף זיין זיסען שטערן...

— דו האָסט איהם ליעב באַקומען, מיידעל, — ענטפערט דער מלאך־המות — קויף איהם אויס אויף עטליכע מינוט!

— אויף עטליכע מינוט?... מיט וואָס?

ענטפערט ער אויף דער ערשטער פראַגע נישט. נאָר:

— שוואַרצע, — זאָגט ער, — לאַנגע צעפּ האָסטו, שענק מיר דיינע צעפּ!

— נעם! — שרייט שרה אויס.

און דער מלאך נעמט פון אונטער'ן שוואַרצען מאַנטעל זיין שאַרף מעסער אַרויס. שניידט, שרה בלייבט גאָל. דער מלאך פאַר־שווינדט, אָבער נישט אויף לאַנג.

די זון האָט זיך עטוואָס טיפער געזעצט, אין דער שטילקייט הערט זיך רבקה'ס געזאַנג ביים בלומען רייסען; אַ זיס־האַרציג ליעד זינגט זי, די ווערטער הערען זיך נישט — און דער מלאך המות באַווייזט זיך צום צווייטען מאָל:

— די עטליכע מינוט זענען אַריבער!

— איך וויל נאָך עטליכע מינוט פאַר איהם קויפען, אפשר וועט ער דערווייל די אויגען עפענען...

— דו ווילסט זיינע אויגען זעהן? וואָס גיסטו דערפאַר?

— וואָס דו ווילסט, מלאך!

— פאַרבען דאַרף איך, — ענטפערט דער מלאך, — גיב מיר דעם אַלבאַסטער פון דיין לייב, דאָס פורפור פון דיינע ליפּען, דאָס בלויע פון דיינע אויגען...

— נעם! — ענטפערט שרה.

— אויף אַ פּאָר מינוט! — ענטפערט דער מלאך.

— אויף אַ פּאָר מינוט! — זאָגט שרה נאָך, שוין אַן אויס־געבלייכטע, מיט ליפּען בלויע, אויגען פאַרלאָשענע...

דער מלאך פאַרשווינדט, און רבקה'ס געזאַנג קומט פון גאָר־טען אַלץ נעהנטער און נעהנטער. „זי וועט באַלד דאָ זיין!" טראַכט שרה, און ווייס נישט, צי דאָס פרעהט זי, צי עס מאַכט איהר שמערץ. נאָר איידער די שוועסטער איז געקומען, האָט זיך דער מלאך המות צום דריטען מאָל באַוויזען.

— אזוי געשווינד? — שטאמעלט שרה.
— ווילסט נאך צוויי מינוטען קויפען?
— איך וויל!
— שעהנע ציין האסטו?
— נעם זיי דיר!

ער נעמט. דער יונגערמאן עפענט די אויגען נישט אויף. אויף די טרעפ דערהערען זיך שוין רבקה'ס טריט. זי לויפט ארויף; אבער דער מלאך המות קומט פריהער.

— וואס נאך זאל איך דיר געבען? — פרעגט שרה פאר־צווייפעלט, — וואס פארמאג איך נאך?

א נשמה! — ענטפערט דער מלאך — לעבען פאר לעבען. גיב דיין לעבען פאר זיין לעבען!

— איך גיב!

— נישט דא! — ענטפערט דער מלאך, — דו מוזט אין דיין צימער אריין, אויף דיין בעט זיך לעגען, — אזוי איז דיר שטאר־בען באשערט.

— און ער?

— ער וועט לעבען! אויסלעבען זיינע יאהרען.

שרה וואקעלט זיך אפ אין איהר צימער אריין, דער מלאך המות — געהט נאך.

אין דער זעלבער סעקונדע האט רבקה מיט געזאנג די טיר צום קראנקענס צימער געעפענט און האסטיג דעם קראנקען מיט בלו־מען באווארפען.

און ער, דער קראנקער, האט פלוצלונג די אויגען געעפענט, פון בעט אראפגעשפרונגען, און איז צו רבקה'ן, ווי פון א מאגנעט געצויגען, צוגעפאלען:

— א, ווי שעהן דו ביסט, כלה!
— א, ווי שעהן דו ביסט, חתן!

---

# פרינצעסין קוניגונדאַ און פרינץ פראַש.

(אַן אמת'ע מעשה).

געשעהען איז די מעשה אין אלערלייבורג.

וואו אַלערלייבורג ליגט, פרעגט א געאָגראַף; ווען די מעשה איז געשעהען, ווייס געוויס א היסטאָריקער...

איך ווייס נאָר די מעשה אליין, נאָר פאַר דאָס פון דער ערשטער האַנט.

און די מעשה הויבט זיך אָן זעהר אינטערעסאַנט: די קעניגין פון אַלערלייבורג ריכט זיך אין בעט אריין.

געהן צו קינד איז נישט קיין קלייניגקייט; ביי אַן ערשטלינג הענגט דאָס לעבען אויף א האָר; בפרט, אַז עס געהט דאָס ערשטע מאָל צו קינד אַן ערדלע, פּאַטעטישע קעניגין! — גאַנץ אַלערלייבורג איז פאַרנומען דערמיט. ווייבער זיפצען, מענער שאָקלען מיט די קעפּ און דער קעניג —

אויף'ן קעניג, מוז איך זאָגען, פלעגט מען אַביסעל רעדען; שטילערהייט זאָגט מען, אַז ער האָט א האַרץ אַזוי גרויס, אַזוי ברייט, ווי דער קעניגליכער פּאַלאַץ און אַז אַלע הויף־דאַמען וואוינען גאַנץ באַקוועם איןביידע.

אלע איז אייגענטליך איבערטריבען; נישט אַלע הויפדאַמען זענען יונג און שעהן; נאָר די הויפּטזאַך איז, אַז דער קעניג איז נאָר א שעהנגייסט געוועזן; א בעלן אויף א חן־גריבעלע, א פּעַפּערל, אויף עפּעס גאַנץ פּיקאַנטעס, אָבער ווייטער נישט. א הויפּדאַמע, צ. ב., האָט איהם געקאָנט געפעלען מיט גאָר א קלייניגקייט: מיט א קליין, שקאַצעריש־אויפגעריסען נעזעל; נו, פלעגט ער ליעב האָבען אין דעם נעזעל אריינצושנעלען, און צו

צאהלען אין געלעכטער א טאַלער פאר א שנעל, נאַטירליך אויף א האַר־נאַדעל! א צווייטע האָט געהאט א וואונדערליך דין־דורכ־זיכטיג־רויזיג אויערל. פלעגט דער קעניג ליעב האבען עפעס דע־רינען איינצוטרומען; וואס? ווייס איין גאָט, זיי האבען שויןביידע פארגעסען; נאר בשעת מעשה פלעגט די דאמע רויט, און די קע־ניגין בלאַס ווערען. ביי א דריטער, צ. ב., האט ער באמערקט אויגען, ווי בלויע בלימעלעך און ער איז געווען א ליעבהאבער פון בלומען. פלעגט ער שטונדען־לאַנג אין זיי אריינקוקען און דער־וויי‏ל פארהערען, וואס דער מיניסטער ראפּאַרטירט. ער פלעגט מעכאַניש נאָכזאָגען דאָס לעצטע וואָרט: הענגען — הענגען, קעפּען — קעפּען! און דערנאָך זיך וואונדערען: א י ך האב געהייסען? אזוי אויך פלעגט ער אמאל אונטער'ן טיש דערטאפּען א דין פיסעל, און קיין איינציגע הויפ־דאמע האט נישט געטארט האבען קיין הינער־אויגען, זי זאָל נישט אויפשרייען און באאומרוהיגען דעם גאַנצען טיש... סיי ווי סיי, זעהט איהר, אז אין די הויפ־דאמען זענען איהם געפעלען נאר ק ל י י נ י ג ק י י ט ע ן; ווען מען לעגט זיי צוזאַמען, פארנעמען זיי א גארנישט; בשעת, ווען אין דער קע־ניגין האט ער געהאט און פארגעטערט — ג א נ צ ע צ ע ה נ ד ל י ג ע ר מ י י ל ע ן גיטער און שלעסער מיט לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר!

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אז דער קעניג אליין האט זיך אויך באאומרוהיגט און באשעפטיגט מיט'ן וויכטיגען צו־פאַל. און וויי‏ל עס האט זיך דאמאלט אין הויף קיין ניי פּעפּערל נישט באוויזען, קיין רעוואלוציע איז אין דער לופט נישט גע־האנגען, נאר איינציגע סטודענטען — פון קריג־פיהרען איז אויך קיין רעדע נישט געווען, האט דער קעניג זיך גענומען גאַנץ ענער־גיש צו דער זאַך. ערשטענס, האט ער גערופען דעם הויף־שניי־דער און געהייסען זיך פארבארייטען: 1) א גאַלא־מונדיר, אויב די קעניגין וועט בשלום איבערקומען; 2) א טרויער־מונדיר אינ־גאַנצען מיט טרופּע באדעקט — אויב נישט; און דערנאָך באפוי־לען מען זאל צוזאמענרופען אלע מיניסטארען, סענאטארען און גע־היים־ראטען, צו קלערען, וואס צו טון.

עס זענען געפאלען פארשידענע דעות, נאר דער קעניג האט געהייסען יוצא זיין לכל הדעות. מען האט דעריבער באשטעלט

אלע באריהמטע אקושערען און באפוילען, יעדער פון זיי זאל גרייט האבען א גאלדענע צוואנג, טאמער וויל דער פרינץ נישט גערנוויליג ארויס אויף דער ליכטיגער שיין. אויך האט מען באשטעלט צום אויספראוואען אלע היימישע מיטעל. אויסער דעם האט מען גע־וואלטיג געקלונגען אין אלע קלויסטערס, בשעת ווען אין מעטשע־טען האט מען געשריען: אללאה! אללאה! אין אלערלייבורג איז א קליין מנין געצענדינער געוועזען, האבען זיי ארום פאלאץ הקפות געמאכט מיט די שטיינער און ביינער אין די הענט. אין אידען אפילו האט מען נישט פארגעסען, אלע מוזען גאט בעטען, און ווער עס איז נישט געלאפען אין שול אריין, דעם האט מען מיט בליי־ערנע רעמעטלעך אונטערגעשמיסען... א ציגיינער האט מען אויך באשטעלט, אפשר וויל גאט נישט העלפען, זאל ער ביים טייפעל פועל'ן!

דער הויף־נאר (אהן וועלכען דער קעניג מאכט נישט קיין שריט, ער זאל נישט אריינפאלען אין מרה־שחורה) איז אויך דערביי געוועזען, הינטער דעם קעניגס טראן געשטאנען. ער האט אפילו אן אנדער עצה געגעבען. בשעת מעשה, — האט ער געראטען, — זאל עמיץ איינרוימען דער קעניגין אין אויער א ווארט אמת; דער פרינץ וועט דערהערען און ארויסשפרינגען פון דער הויט! ליידער אבער האט מען געזוכט אין אלע הייזער און לאדען א וואר ווארט פאר'ן קעניג און נישט געפונען. טייל האבען קיינמאל די סחורה נישט געהאלטען, אנדערע האבען שוין לאנג ארויסגעווארפען דעם הבל אויפ'ן מיסט. מאנכע האבען אפשר געהאט, נאר געלייקענט שטיין־און־ביין, טראכטענדיג: אדער מען מאכט חוזק, א־ער מען וויל עפעס געוואר ווערען!

פאר דאס האט מען באקומען שטרוי אין די מאסען, און אלע גאסען אויסגעלעגט, די קעניגין זאל רוהיג שלאפען און נישט הערען וואס אין דרויסען טוט זיך.

---

ענדליך איז די קעניגין איבערגעקומען!

ווער אייגענטליך עס האט געהאלפען, ווייס מען נישט ביז'ן היינטיגען טאג; אפשר די מעדיצין, אפשר אימיצער א גאט און אפשר דער ימח־שמו'ניק...

געשווינדער דער ימח־שמו׳ניק — ווייל ווי אויף להכעים איז געבוירען געוואָרען נישט קיין פּרינץ נאָר אַ פּרינצעסין! אַזאַ שפּאַס פּאַסט פאַר אַזאַ פאַרשוין!

מען האָט זיך אין הויף געוואונשען, געזונגען, געשפּילט, גע־טרונקען און געטאַנצט, אפילו גאָט געלויבט; מען האָט דער פּרינ־צעסין אַ נאָמען געגעבען — קוניגונדאַ. נאָר צופרידען איז קיי־נער נישט געוועזען! די מעדיצינער, די גייסטליכע מיט׳ן ציגיינער האָבען זיך געקריגט, געשאָלטען און די האָר אויסגעריסען — יע־דערער האָט זיך צוגעשריבען דעם גאַנצען פאַרדינסט אין דער זאַך. דער קעניג האָט, נאַטירליך, געוואָלט אַ פּרינץ און נערע־בענט, אַז די קעניגין האָט עס איהם צו להכעים געטאָן! ווי אַזוי? אַ קשיא אויף ווייבער! נאָר דער עיקר אומצופרידען איז געוועזען גאַנץ אַלערלייבורג. עס האָט אַזויפיעל געקאָסט — דער גאַנץ־יעהריגער שטייער פון זאַלץ — און צום סוף אַ פּרינצעסין! דער קעניג איז נאָך אפילו יונג, האָט אַפּעטיט, אויפ׳ן פּנים — אַ מאַנס־פאַרשוין, נאָר ווער ווייס! ער צוואוואַרפט זיך אויף פעפערלעך און אַלערליי קליינינגקייטען און וועט נישט צוזאַמענגעמען די כחות אויף אַ פּרינץ! און מאַכט ער חלילה צו אַן אויג, וועט רעגירען אַ נקבה — אַ שאַנד פאַר אַזאַ לאַנד! — אָדער די זעקס און דרייסיג קעניגליכע פעטער וועלען צורייסען אַלערלייבורג, ווי די וועלף!

מיט דער צייט איז דאָך שטיל געוואָרען. די גויט־העלפער זע־נען זיך צופאָהרען, דער קעניג האָט זיך געטרייסט מיט׳ן הויף־נאַר און אַ ניי פעפערל ביי אַ נייער הויף־דאַמע, אַלערלייבורג האָט באַ־קומען אַ וויכטיגער געשעפט צום זאָרגען: עס איז געוואָרען אַ פּגירה אויף שאָף, און אַלע האָבען אָן דער פּרינצעסין קוניגונדאַ פאַרגעסען!

געדענקט אָן איהר האָט די קעניגין אַליין.

ערשטענס: אַ מוטער בלייבט מוטער, און צווייטענס, די קע־ניגין אַליין איז אויך פאַרגעסען געוואָרען, און די פּרינצעסין איז געוואָרען איהר איינציגע טרייסט.

און זי האָט זיך מיט איהר גאַנץ ערנסט פאַרנומען, מיט׳ן גאַנצען האַרץ!

און דער קעניגין איז איינמאָל איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף זעהן די פּרינצעסין קוניגונדאַ זאָל גליקליך זיין.

**פון זיך אליין** האט זי געוואוסט, אז א קרוין אויפ'ן קאפ איז נאך גאר קיין גליק נישט פאר'ן הארץ. גאנץ אפט האט ביי איהר איינענעם מאן דאס איינפאכסטע הויף־פריילין מעהר גליק געהאט פאר איהר. אויך טרעפט זיך, אז אין גאס לאכט מען און מען פרעהט זיך פיעל מעהר, ווי אין פאלאץ. זי האט, דורכפאהרענדיג, געזעהן נאקעטע און בארוועסע לאכען, הונגער־דארע שמייכלען. בשעת ווען זי האט געשנירט די ליפען מיט כח, זיי זאלען נישט ציטערען און אין די אויגען האבען איינגעהאלטענע טרערען, ווי פייער געברענט!

— גליק, — טראכט די קעניגין, — מוז זיין ביי גאט אין די הענט; פיליכט דאס איינציגע, וואס ער האט זיין שטעלפארטרע־טער אויף דער ערד — דעם קעניג — נישט איבערגעגעבען! ווייל דער קעניג אליין איז אויך נישט גליקליך, טיילמאל שלאפט ער נישט! און זי האט ער קוים אכט צי צעהן טאג געקאנט גליקליך מאכען.

„גליק איז ביי גאט אין דער האנט!" און אויף דער קעני־גינס באפעהל האבען זיך נאך אמאל פארזאמעלט די אלע, וואס האבען, לויט זיי אליין אדער אנדערע זאגען, א דעה ביי גאט!

בענשען די פרינצעסין זענען געקומען דערווישען, גלחים און רבנים...

און זיי האבען איינער נאכ'ן צווייטען זיך ביי דער וויג גע־שטעלט; אראפגעלאזט די פרומע אויגען צום פרישען פאמידארען קעפעל אין וויג, אויפגעהויבען זיי צום בלאנקען גאלד־קריסטאלען הענג־לייכטער אין דער הויך; געבלאנקעט זיך מיט'ן בליק אויף אלע פארציטערטע פיער ווענט, אדער ארויסגעשיקט דעם בליק דורכ'ן פענסטער און נאכגעיאגט א לייכטען נעבעל אין בלויען הי־מעל. דערביי האט מען געמורמעלט דעם שפרוך...

דערפאר האט זיי די קעניגין טייערע גארטלען געשענקט; גע־שטיקטע, — פאר די גלחים מיט ברילאנטען, פאר די דערווישען מיט פערעל און פאר די רבנים — מיט גאלדענע פעדים.

נאר די קעניגין איז נישט צופרידען געווען! זיי האבען גרי־כיש, לאטיין, טירקיש און העברעאיש געמורמעלט; אלץ אויף פרעמדע, אויף טויטע שפראכען. צי האבען זיי געבענשט צי גע־שאלטען? ווער ווייס?

זי האָט קיין איינציג וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

און די אַם, — די שענסטע און געזונטסטע פויערטע פון גאַנצען לאַנד, — איז אויך נישט צופרידען פון גייסטליכען שפּרוך. זי רעדט אוים איהר האַרץ פאַר דער קעניגין:

זי גלויבט אין גאָט, זי גלויבט שטאַרק אין גאָט! אז גאָט וויל, — זאָגט זי, — קאָן ער אַלעס. נאָר צי קאָן ער אַזוי פיעל וועלען? ער איז צו אַ גרויסער פּריץ אין זיינע הויכע הימלען און האָט צופיעל צו טאָן. ווּעמען ער מוז אַלץ שפּייזען! פון שוואַכסטען גרעזעל, וואָס ציהט זיך קוים לעבענדיג פון אַ טראָפּען בלאָטע אַרויס, ביז דעם העכסטען בוים, וואָס שפּאַרט זיך מיט געוואַלט אין הימעל אַריין! ער מוז שפּייזען די לייכטע פייגעל אין דער לופט, די פרעסיגע פיש אין וואַסער, די חיות אין וואַלד און אויסער דעם אַלע, אַלע מענשען! טייל דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, אַנדערע כאָטש אַ שטיקעל דאַר ברויט אויף אַ מעת-לעת! וויפיעל פויערען און פויערטעס, וויפיעל אידען און פּריצים, וויפיעל גלחים און גרויסע לייט! ווען רוהט ער? ווען האָט ער צייט צו באַטראַכטען?

זי וויים! טיילמאָל איז ער זיך טועה פאַר איילעניש, און שפּריצט מיט רעגען, ווען מען דאַרף עס זאָל טריקענען דאָס היי, און דאָס פיה נעבעך פגר'ט און פגר'ט! אַן אַנדערש מאָל כאַפּט ער און שיט פייער פאַר וואַסער און פאַרברענט די תבואה אויפ'ן פעלד און מענשען עסען קלייען, קאַרטאָפעל-שאָלען און ליים, און פלאַנצען, אָדער שטאַרבען פאַר הונגער! זי אַליין האָט זיך פריהער געהאַלטען אַן גאָט! שטענדיג פאַר איהם געוויינט און געבעטען זיך, נאָר זעלטען האָט עם איהר געהאָלפען... גאָר עפּעס אַנדערש איז זיין געגנער, דער טייוועל, ימח שמו. (דער „ימח שמו" איז אונזער, די פויערטע קריגט דאָס פיבער ביי זיין נאָמען.) ער איז שוין, זאָגט זי, אַ זיכערער פּאַטראָן! ער איז אויך גרוים, ער האָט אויך אַ פּאַלאַץ פון פייער אונטער דער ערד, נאָר ער פיהרט קיין וועלט נישט; ער האָט צייט! און דערצו איז ער אַ לעב-קינד, אַ פרעהליכע זאַך און קיינמאָל נישט שטאַלץ ביי זיך. טיילמאָל כאַפּט ער זיך אַפילו אַריין אין קרעטשמע און טאַנצט מיט'ן ערשטען בעסטען פויערען-מיידעל, אַז עס פליהען פונקען! גאַנץ אָפט פאַר-שטעלט ער זיך אין אַלערליי מענשען, חיות און עופות און באַ-

וויזט זיינע קונצען! א פרייער פויגעל איז ער, און דעריבער קאָן מען אמאָל ביי איהם מיט א גראָשענדיג ליכטעל מעהר פועל'ן, ווי ביי גאָט מיט וועקסענע ליכט און שטורקאצען!

— על כן, ראָט די אַם, — זאָל די קעניגין ביי איהם בעטען גליק פאר דער פרינצעסין קוניגונדא! זאָלען זיך אויף איהר באַפעהל פארזאמלען אלע כשוף־מאכערינס פון גאנץ אלערלייבורג און ווינשען און בענשען דאָס קינד. און וועלכע עס וועט זאָגען דעם בעסטען וואונש, זאָל באקומען דאָס שענסטע און טייערסטע געשענק.

דער קעניגין איז אביסעל אומהיימליך געוואָרען, דאָך האָט זי אוים ליעבע צו דער פרינצעסין קוניגונדא איבערגעדייבערט די שרעק און געהייסען אויפזוכען אלע אַלטע מכשפות.

דערביי, פאר דאנקבארקייט צו דער אַם, האָט די קעניגין באַפוילען, מען זאָל אויסזוכען דאָס בעסטע ערדענע פייפערל און שיקען איהר קינד אין דאָרף אריין — א מתנה פון דער קעניגין.

די געשיכטע שווייגט, צי דאָס פייפערל איז אָנגעקומען גאנץ אין דאָרף אריין, נאָר דאָס איז זיכער, אז גאנצע זיבען אַלטע, איינגעשרומפענע מכשפות האָבען זיך אויפגעקליבען אין אלערלייבורג; אז זיי זענען אריינגעקומען, איז פינסטער געוואָרען אין צימער, און א שאָטען האָט זיך געלעגט אויף דער פרינצעסינס וויג. די קעניגין האָט געפיהלט, אז די שרעק פרעסט איהר צו דאָס הארץ, נאָר עס איז שוין צו שפּעט געוועזען זיך צוריקצוציהען; באלײדיגען דעם טייוועל טאָר מען אודאי נישט! זי האָט זיך געמאכט א הארץ און האָט צו די כשוף־מאכערינס אזוי געזאָגט:

— אַט, דאָ אין דער גאָלדענער וויג, ליגט די פרינצעסין קוניגונדא! מען זעהט עס איהר דערווייל נישט אָן, נאָר אז זי וועט אויפוואקסען מיט גאָטעס הילף, און ערצויגען ווערען אונטער מיין אויג און אונטער דעם אויג פון אונזער הויף־צערעמאָניע־זינג־שפּיל־און טאנץ־מייסטערין און וועט נאָך רעדען אביסעל פראנצויזיש, וועט זי זיין פרינצעסין אין יעדען צאָל. ווער שמועסט, אז זי וועט אָנטון א גאָלדען געשטיקט קלייד, גאָרנירט מיט טייערע שטיינער און ארויפלעגען א קרוין אויף'ן קאָפּ — וועט עס א בלינדער זעהן! נאָר דאָס, אייגענטליך, ווייסט איהר אליין! — — אצינד הערט:

מיט אלעם גוטען — רייכטום, עהרע, א פרינץ, און פילייכט א פארטיגען קעניג, פאר א מאן, וועלען מיר, דאס הייסט דער קעניג און איך, די פרינצעסין שוין פארזארגען! נאר פון מעהר האבען מוט דער קאפ נישט וועה — ווינשט מעהר, ווינשט וואס איהר קענט, און איך וועל אייך רייך באלוינען.

— גוט, — האבען געענטפערט די זיבען אלטע שווארצע ווייבער און געצויגען קניפלעך אין וואס פאר ארדנונג זיי זאלען צוגעהן צו דער וויג.

און די ערשטע כשוף־מאכערין האט געזאגט:

— גליקליך קינד! א פרינצעסין ביסט דו שוין געבוירען! גיטער און שלעסער און א געקרוינטען מאן, וועלען דיר דער קעניג מיט דער קעניגין מן הסתם געבען! די קעניגין אליין זאגט עס! איך פון מ י י ן זייט ווינש דיר ג ע ז ו נ ט!

די קעניגין האט זיך דערפרעהט. איהר קינד וועט נישט מאזלען, נישט פאקען, נישט ליידען אויף ציינדלעך! עס וועט זיך איהם אפילו פון אויערל נישט גיסען! עפעס א שפרענקעלע איז געשטאנען אויף דעם נעזעל ביי דער פרינצעסין, איז עס אויך ביים שפרוך פארשוואונדען געווארען!

— און לאנג זאלסט דו לעבען! — איז דערווייל צוגעגאנגען און געזאגט די צווייטע.

— אויך א גוטע זאך, — טראכט די קעניגין, — אלטע ווייבער האט אפילו די וועלט נישט ליעב, נאר אלטע פרינצעסינען מוז מען שוין ליידען; איהר וועט מען אייביג קושען די האנט!

די דריטע האט געוואונשען: און שעהן זאלסט דו זיין, ווי די וועלט!

די קעניגין האט זיך נאך מעהר דערפרעהט! אין דערזעלבער סעקונדע איז די קליינע רויטליכע פרינצעסין געווארען ווייס, ווי אן אלבאסטער, באשיינפערליך האבען איהר אנגעהויבען זיידענע הערעלעך צו שפראצען! אך, פון אלע עקען אין דער וועלט וועלען פרינצען און קעניגע קומען און קניען און בעטען איהר האנט!

— און קלוג, — האט די פיערטע געזאגט, — זאלסט דו זיין, ווי די וועלט!

— וואויל! — רופט אויס די קעניגין. זי וועט זיי רעטע־

נישעו שטעלען, קלוגע, מיפע רעטעגנישען, און ווער עס וועט טרע־פען, וועט זיין איהר מאן!

די פינפטע האט געוואונשען: ליעבע צום מאן. די נעקסטע: ליעבע פון מאן צו איהר. ענדליך איז צוגעגאנגען די זיבענטע און געזאגט:

— דו האסט שוין אלעס, פרינצעסין, אצינד ווינש איך דיר, זאלסט קיינמאל נישט פארלאנגען נישט־דיינס, נישט וועלען, וואס פרעמדס איז.

— וואס? — האט אויסגעשריען די קעניגין פארוואונדערט, נאר די אם האט אנגעהויבען ארומצוטאנצען אין שטוב פאר פרייד און גערופען:

— א! א! גוט און פרום וועט זי זיין, מיין פרינצעסין וועט שוין גוט און פרום זיין!

מיט אן אם טאר מען שוין נישט שפארען, און די קעניגין האט געמוזט דער זיבענטער כשוף־מאכערין אויסער אלע מתנות נאך צוגעבען א פאר גאלדענע פאנטעפעלעך, אין וועלכע זי האט געטאנצט צו די תנאים...

---

און עס איז געשעהען אזוינס, וואס זייט די וועלט שטעהט איז נאך נישט געשעהען. אלע זיבען ווייבער האבען אמת גע־זאגט. שוין אין וויג האט די פרינצעסין געבליהט, ווי א רויז, און האט זיך אזוי קלוג געוויזען, אז מען האט זי פאררעכענט אין סע־נאט אריין! נאר באלד דערנאך האט זיך אויסגעוויזען, אז נישט אלץ איז גאלד, וואס עס גלאנצט און אז א כשוף־מאכערין טאר מען פארט נישט טרויען.

איינמאל, שטעלט אייך פאר, זעצט זיך אויף די פרינצעסין אין וויג און זאגט:

— ווינט מיך נישט, פארדרעהט מיר נישט דעם קאפ!...

מען האט איהר צוליעב געטאן.

דערנאך האט זי באפוילען:

— וויגעלט מיך נישט! וואס בינדט איהר מיך? לאזט מיך פריי!

עס איז אפילו א מנהג פון קדמונים, נאר מען האט איהר דאס אויך נאכגעגעבען.

ערגער איז געוועזען, אז די פרינצעסין האט זיך איינמאל אויפגעזעצט און געפרעגט די קעניגליכע מוטער, פארוואס איהרע בריסטען האבען קיין מילך נישט. פייער־רויט איז די ארעמע קע־ניגין געווארען און איז ארויס פון שטוב. די אם ענטפערט במעט מיט כעס:

— א קעניגין איז נישט קיין געוועהנליכע פרוי, זי זאל ארומ־געהן, ווי א קוה מיט מילך...

— און די הויף־דאמען? — פרעגט ווייטער די פרינצעסין.

— דאס זענען דאך מאמזעלען! — שרייט ארויס די אם, פארגעסענדיג, אז זי רעדט מיט א קינד, דאס זענען דאך מאמ־זעלען, זיי פאסט גארנישט צו האבען א קינד, און מילך באשערט גאט נאר דער מוטער פאר איהר אייגען קינד!

— בין איך ד י י ן קינד? — פרעגט די פרינצעסין שארף.

היים און קאלט איז דער אם געווארען.

— מיין קינד, — ענטפערט זי, און פלוצלונג האט איהר א קוואל טרערען געשפריצט פון די אויגען, — מיין קינד איז אין דארף געבליבען, פייכט ברויט זויגט עס... איך בין אהער געקומען דיך, פרינצעסין, צו דערנעהרען! א גרויסער כבוד, א גרויס גליק האט מיך געטראפען!

— און פארוואס וויינסט דו?

— פאר פרייד! — שרייט אויס פארצווייפעלט די אם. נאר עס האט נישט געהאלפען!

— וואס נישט מיין איז, וויל איך נישט! — זאגט די פרינ־צעסין און האלט זיך דערביי שטאל און אייזען; מען האט זי גע־מוזט אנטוועהנען.

נאר דאס איז נאך ווייניג. שפעטער ווערט זי געוואר, אז זי טראגט, וואס פרעמדע האבען אויסגעארבייט, וואוינט אין א פא־לאץ, וואס פרעמדע האבען געבויט, און עסט, וואס פרעמדע האבען פארזייט, געשניטען, געמאלען און געבאקען.

דאס וויל זי נישט!

— וואס דען ווילסט דו, פרינצעסין?

פל־זמן זי קאן אליין נישט ארבייטען, ווי זי אין וואלד אדיין,

אונטער גאָטס הימעל וואוינען, פרוכטען פון פרייען בוים עסען און קליידען זיך, ווי די מוטער חוה מיט בלעטער.

— איז דיר אונזערם פרעמד? — פרעגען דער קעניג מיט דער קעניגין.

— עס איז נישט א י י ע ר ס! — ענטפערט די פרינצעסין און טופעט מיט׳ן פוס.

נאַטירליך איז זי גיך און באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען.

אין געהיים האָט אַלערלייבורג געטרויערט. נאָר אַזוי האָט קיי־נער אפילו נישט דעם מוט געהאַט צו פרעגען, וואו זי איז אהינ־געקומען, איז זי אַנטלאָפען אָדער פאַרשיקט, אויף דער צי אויף יענער וועלט? בייגאַכט, ביי זיך אין דער פינסטער אויפ׳ן בעט האָט נישט איינער געזיפצט. נאָר אַזוי — שאַ!

פון דער כשוף־מאַכערינס ברכה א י ז א ק ל ל ה ג ע־ו ו א ר ע ן!

---

נאָר די פרינצעסין איז נישט אַנטלאָפען, אויך האָט מען זי נישט אומגעבראַכט.

אויפ׳ן קעניגס פּאַלאַץ שטעהט א הויכער טורעם, מען זאָל איהם אין הימעל דערקענען. אין טורעם איז דאָ א קליין אייזערנע שטיבעלע, מיט א פיצעלע פענסטערל, דורך וועלכען עס זעהט זיך ארויס א קליין פיצעלע ערד, נאָר אסך הימעל.

דאָרט אין שטיבעלע, אונטער ריגעל און שלאָס, זיצט די פרינ־צעסין.

בייגאַכט באַטראַכט זי די שטערען אין הימעל און וואונדערט זיך, וואָס זיי זענען אַזוי קאַלט; אַזוי ליכטיג און דאָך נישט וואַ־רעם; בייטאָג האָט זי עפּעס אַנדערש צו טון. נישט ווייט פון פּאַ־לאַץ איז געשטאַנען דעם קעניגס שמידעריי, וואו עס האָט געאַר־בייט אן אַלטער שמיד מיט א מיטעליעהריגען געהילף און א לערענ־יונג, נאָך כמעט א קינד.

ערשטענס, האָט זי ליעב געהאַט צו באַטראַכטען די פונקען.

— א מערכה פאַר׳ן פּאַלאַץ, טראַכט די פרינצעסין, וואָס זיי

צופליהען זיך אזוי לייכטזיניג און ווערען באלד פארלאשען. אניט וואלט שוין לאנג פון פאלאץ קיין שטיין אויף א שטיין נישט גע־בליבען.

— א שאד, — זיפצט ווייטער די קלוגע פרינצעסין, — אזוי פיעל פייער און אהן א שום נוצען!

שפעטער האט זי זיך גענומען צו באטראכטען די ארבייטער אין דער שמידעריי.

— אויפהאקען מיינע שלעסער, טראכט זי, וואלטען נאר ז י י געקאנט! נאר ז י י קאנען מיך באפרייען!

— ליידער, טראכט זי ווייטער, איז דער אלטער שמיד צו אלט! צווישען אייביגען האמערען און קלאפען, איז ער טויבליך. מען זעהט עס אין די תנועות זיינע, און ווען איך רוף זיין הילף, וואלט ער מיך נישט געהערט! זעהן וועט ער מיך אויך נישט! ער קוקט קיינמאל נישט העכער פאר זיין אייגענעם האמער!

זיין געהילף (פיהרען זי ווייטער די געדאנקען) איז אינגער. שטילערהייט ווארפט ער א בליק אין דער הויך, עס איז מעגליך, ער זאל מיך דערזעהן. ווען די ארבייט שטעהט, קאן ער מיך הער־רען! נאר רעטען — וועט ער מיך נישט! ער האט צופיעל שרעק אין אויג, ער בויגט זיך צופיעל און צו טיף, אז עמיץ געהט דורך פון הויף. ער וועט די העזה קיינמאל נישט האבען!

— מיין גאנצע האפנונג, שמייכעלט זי צו זיך אליין, איז דער יונג ביים באלג... איך דערקען אין זיינע פייערדיגע אויגען, אז ער וועט עס וואגען! איך דערקען אין זיין פייפען ביי דער אר־בייט, אז ער האט ווייניג, גאר ווייניג דרך ארץ! טיילמאל גיט ער א מאך מיט דער האנט, גלייך ער וואלט דעם באלג מיט'ן אמבאס צוזאמען איבערגעקערט... אז איך וועל אויפוואקסען און ארויס־שטעקען דעם קאפ דורכ'ן פענסטער, וועט ער מיך דערזעהן, אז איך וועל מיט א קרעפטיגערער שטימע רופען, וועט ער מיך הערען!

און דאמאלט (שמייכעלט זי ווייטער צו זיך אליין און ווערט רויט פאר פארגעניגען) דאמאלט וועט ער זיך פארליעבען אין מיר, מיך באפרייען און איך וועל איהם גליקליך מאכען.

אזוי טרייסט זיך די פרינצעסין קוניגונדא.

אין א צייט ארום (יאהרען רעכען איך נישט) איז אין אלער־לייבורג ווייטער נייעס געשעהען.

אלערלייבורג איז איבערראשט געווארען. עס וועט שוין נישט צוריסען און פארטיילט ווערען צווישען זעקס און דרייסיג קעניג־ליכע פעטער! א נייער פרינץ פון דער נאדעל איז געבוירען גע־ווארען! — דער קעניג אליין האט עס נישט געגלויבט!

הערענדיג, אז די קעניגין פיהלט זיך אנדערש ווי אלע מאל, האט ער, דער קעניג, מיט די פּלייצעס געקוועטשט און גרויסע אויגען געמאכט; ווען די קעניגין איז באשיינפערליך דיקער גע־ווארען, האט ער, דער קעניג, זיך דערמאנט, אז איינמאל האט די קעניגין געטרונקען אין וואלד וואסער פון קוואלען, און האט גע־ווים איינגעשלונגען א פראש, און ער וואקסט איהר אין בויך!

אז מען האט שפּעטער פארגעשלאגען דעם קעניג, מען זאל רופען די אקושערין מיט גאלדענע צוואנגען, איז ער בייז געווארען און געהייסען רופען א מאגען־דאקטאר, ער זאל ארויסטרייבען דעם פראש!

און אז דער קעניג האט געזאגט פראש, האבען אלע נאכגע־זאגט: פראש!

און אז דער פראש איז דערנאך ארוים מיט הענט און פיס און אויגען, ווי א מענש, האט ער, דער קעניג, א געשריי געטאן: צו וועמען איז ער עהנליך? נאר גיך און באלד האט ער אין דער פראגע פארגעסען. אויפ'ן ערשטען באל האט ער געפונען גאר א נייע, פריש, וואונדערליך פּעפּערל און האט אינ'ם פרינץ פראש גאר אינגאנצען פארגעסען.

צו וועמען דער פרינץ פראש איז עהנליך, ווייס מען נאך נישט, נאר נערוועז איז ער און קרענקליך... און דער הויף־דאק־טאר צווייפעלט, צי פון איהם וועט נאך אמאל ארוים באדיי א פרינץ־פליג אדער פרינץ־פלוי.

נאר דער עיקר מעשה איז, אז בשעת דער קעניג האט געעפענט דעם גרויסען באל מיט'ן נייעם פּעפּערל, בשעת ווען טראמפּייטען און פאנפארען האבען געשמעטערט און גאנץ אלערלייבורג האט געשריען „הורא!" האט דער באלג־יונג, וואס איז דערווייל אויפ־

געוואקסען. אויפגעריסען די שלעסער און באפרייט די פרינצעסין קוניגונדא.

זיי זענען דערווייל ערגעץ באהאלטען, נאר מיט דער צייט, רעכענט מען אויף זיכער, וועלען זיי גליקליך ארויס אויף דער ליכטיגער שיין. — און דאמאלט וועלען אלע זיבען ווייבער האבען אמת געזאגט.

# קליינע מעשה׳לעך פאר גרויסע קינדער

## 1.

### אין געמויזעכטס.

אמאל איז זיך געווען א געמויזעכטס. —

עס איז זיך געשטאנען גאנץ אפארט: אפגעטיילט פון דער רעשט לאנקע (וואו בהמות האבען זיך געפאשעט און יונגע פאסטיכער מיט שטיינער געווארפען), מיט הויכען שאווער און שארףשפיציגע דערנער, און אפגעזונדערט פון דער לופט — מיט א פעט־בלישטשענדיג־גרין הייטעל, וואס דער ווינט צורייסט אמאל אין א יאהר. — געלעבט אין געמויזעכטס האבען (ווי דער סדר־עולם איז) גאנץ קליינע ווערעם. וואס האבען געגעסען — נאך קלענערע.

דאס געמויזעכטס איז — נישט לאנג, נישט ברייט און אפילו נישט טיף. די ווערעמלעך האבען עס נאר דעם פעטען שליים, די וואסער־געוויקסען און די פוילע צווייגלעך צו פארדאנקען, אויב זיי קאנען דאס געמויזעכטס נישט דערגרינדען, נישט צושווימען צו א ברעג.

די געמויזעכטס־געאגראפיע שלאפט דעריבער נאך אין וויג. פאר דאס האט די געמויזעכטס־גאוה שוין לאנג אפענע אוי־

גען : די פאנטאזיע איז אונטער'ן פינסטערען חייטעל ביי דער גאנ־צער ממשלה און ביידע צוזאמען שפינען און וועבען.

און מיט דער צייט האבען זיי אויסגעשפונען א מסורה פון קדמונים, אן אמת ווערמיגע טראדיציע.

„דאס געמויזעכטס איז דער ים־הגדול !

„אין איהם גיסען זיך אריין אלע פיער טייכען פון גן־עדן... דער חדקל ברענגט מיט מיט זיך דאס גאלד — — דאס איז דער שליים, אין וועלכען עס שטעקט זייער פרנסה — און די רעשט דריי טייכען ברענגען בלומען — דאס זענען די וואסער־געוויקסען, צווי־שען וועלכע זיי שפילען זיך אין באהעלטעניש אין א יומא־דפגרא — פערעל — אלע זשאבע־שיסעלעך. און קרעלען — די פארפויל־טע צווייגלעך...

„דאס גרינע הייטעל, די פארפעצטע יארמולקע איבער'ן גע־מויזעכטס, איז דער הימעל איבער'ן ים־הגדול ! אן עקסטרא באזונדער הימעל פאר זייער וועלט !"

שטיקלעך אייער־שאלען, וואס האבען זיך דארט פארבלאנ־דזשעט, שפילען די ראלע פון שטערען און מיט א פארפוילטער דיניע האט מען יוצא געווען פאר דער זון...

די שטיינער, וואס פלעגען אמאל אריינפאלען דורך די פאס־טיכער, זענען — גאנץ נאטירליך — געווען אבני־אלגביש־שטיי־נער, וואס דער הימעל ווארפט זינדיגע לייט אין קאפ אריין, און, אז דער הימעל האט זיך געשפאלטען, און עטליכע שטראלען פון דער אמת'ער זון האבען אפגע'שרפ'עט א ווערמיגען מח, האט מען געפיהלט און געגלויבט אין גיהנום !

נאר — וואויל האט זיך געלעבט אין געמויזעכטס, וואו יע־דער איז געווען פון זיך און מיט אלע צופרידען ! ווער עס וואוינט אין ים־הגדול איז שוין בטבע א פיש ! איין ווערימעל פלעגט דאס צווייטע רופען : שלייען, העכט ! אויף מצבות פלעגט מען קריי־צען : קראקאדיל און לויתן ! „פלאטקע" איז געווען די גרעסטע באליידיגונג, פאר „קעלבקים" האט מען זיך יום־כפור נישט מוחל געווען ! דערביי האבען געבליהט : אסטראנאמיע, פאעזיע און פילאזאפיע, ווי די רויזען !

די שטיקלעך אייער־שאָלען האָט מען געצעהלט ביז מען איז דערגאַנגען, אַז מען קאָן זיי נ י ש ט איבערצעהלען...

ראָמאַנטיקער האָבען די „פמליא של מעלה" אויף טויזענטער אופנים באַזונגען; דערביי פלעגט מען פאַטריאָטען פאַרגלייכען צו שטערען, שטערען צו דאָמען־אויגען און די דאָמען אליין צום הי־מעל, אויב נישט גאָר צום גיהנום. די פילאָזאָפיע האָט באַזעצט די פרומע געשטאָרבענע נשמות אין דער פוילע דיגיע אריין...

קורץ — עס האָט גאָרנישט געפעהלט! דאָס לעבען האָט גע־האַט אַלע פאַרבען פון רעגען־בויגען. מיט דער צייט האָט מען צו־געמאַכט אַ קאָדעקס מיט הונדערטער פירושים, עס האָבען זיך איינ־געפיהרט טויזענטער מנהגים. און אַז אַ ווערימעל האָט זיך פאַר־גלוסט עפּעס אַ שנוי, איז גענוג געווען, עס זאָל זיך דערמאָנען, וואָס די „וועלט" וועט זאָגען דערויף — עס זאָל רויט ווערען, חרטה קריגען און תשובה טון!

נאָר... איינמאָל איז אַ חורבן געשעהען!

עס איז דורך אַ סטאַדע חזירים!

שרעקליכע פיס האָבען צוטרעטען דעם הימעל, צוקנעטען דעם שליים, צוריבען די קרעלען, צומאַרשטען די בלומען... און פון דער גאַנצער אָפּגעזונדערטער „וועלט" אַ תהו ובהו געמאַכט!

טייל ווערים זענען טיף אונטער'ן שליים געשלאָפען (און ווע־רים שלאָפען לאַנג), זענען זיי טאַקע נצול געוואָרען... אַז זיי זענען צוריק אַרויף, איז שוין דער הימעל צוריק צוזאַמען־געשוואָומען, זיך צוריק צונויפגעקלעפּט... נאָר — גאַנצע הויפען דערדריקטע, דער־שטיקטע און צוטרעטענע ווערים זענען געלעגען אָהן קבורה, און טויטערהייט עדות געזאָגט אויפ'ן חורבן!

וואָס איז דאָ געשעהען? — פרעגען די פעפער דערשראָקען, און זוכען אַ לעבעדיגע בריאה, וואָס זאָל זיי קאָנען דערקלערען די סבה פון דער שרעקליכער מגפה. נאָר נישט לייכט איז איבערצו־לעבען אַ הימעל! ווער עס איז נישט צוטרעטען געוואָרען, איז גע־שטאָרבען פאַר שרעק; ווער עס איז נישט געשטאָרבען פאַר שרעק, איז געשטאָרבען פאַר וועהטאָג; די רעשט האָבען זיך אליין דאָס לעבען גענומען... אָהן הימעל, איז אָהן לעבען!

איינער איז אפילו יאָ געבליבען לעבען, נאָר, קוים האָט ער זיי דערצעהלט, אַז דער הימעל, וואָס זיי זעהען אַצינד, איז גאָר אַ

נייער פון דער נאָדעל, אז יענעם הימעל האָבען חיות צוטרעטען; אז ער האָט זיי געזאָגט, אז א ווערמיגער הימעל לעבט נישט אייביג... אז אייביג, קאָן זיין, לעבט נאָר דער אלגעמיינער הימעל, — האָט מען באלד דערקענט, אז ער איז אראָפּ פון זינען.

מען האָט איהם מיט גרויס רחמנות געקאָוועט און אין דול־הויז אריין געשיקט.

2.

# אַ קעלבענער קל וחומר.

— דער דין איז: הכל שוחטין — זאָג איך אַ קאַלב — על־פּי־דין מעגען אַלע שעכטען; מען דאַרף קיין סמיכה נישט פון גאונים, קיין בריף פון רבנים, מען דאַרף גאָרנישט, — ווער עס וויל, מעג שעכטען.

— שקר, — ענטפערט מיר דאָס קאַלב — מען דאַרף זיין דערצו אַ איד אַ למדן, מען דאַרף גוט קענען הלכות שחיטה, מען דאַרף קאָנען פּרואווען דעם חלף אויף דער צונג... אויך מוז מען זיין פרום, אויסגעווייקט אין מקוה, דערצו ערנסט מאַכען די ברכה און פאַרגלייכטען די אויגען.

— האָסט אַ טעות, קאַלב, עס איז אַ בפירוש'ע משנה: הכל־שוחטין —

— ניין, — האַלט זיך דאָס קאַלב שטאַל און אייזען ביי זיי־נעם, — נאָר אַן אמת'ער שוחט און — דוקא נאָר אין שעכט־הויז!

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער זאָגט: ער האָט עס פון דער מוטער גע'ירש'נט, מיט דער מילך געזויגט. איך האָב זיין מו־טער, די צנועה, געקענט; אַ חנ'עוודיגע בריאה, און אַ פרומע; זי האָט שטאַרק געגלויבט אין השגחה פּרטית... איך האָב געזעהן, ווי זי איז, געהענדיג אין גאַס, גלייך אויף אַ דישעל ארויפגעקראָכען, ווי דער דישעל האָט איהר די געדערעם דורך דער פּלייצע ארויס־געזעצט; איך האָב געזעהן, ווי זי האָט גע'גוסס'ט, הענגענדיג אויפ'ן דישעל, און געהערט, ווי זי האָט ביי יציאת־נשמה געזאָגט: —

— אַרעמער דראַנג! צי ווייסט דו נישט, אַז מען טאָר נישט שלאָגען?!

נאָר איהר קלוג קאַלב זאָגט נאָך, אַז עס איז אַ קל־וחומר, און

דאס ווייס איך שוין נישט, ביי וועמען ער האט גענומען; און ער מיינט עס ערנסט מיט'ן קל־וחומר:

— מה־דאך, — זאגט ער — מה־דאך א הונט, וואס מען קאן נישט קוילען אויף כשר, וואס איבער זיין פלייש מאכט מען נישט קיין ברכה, וואס פון זיינע ביינער מאכט מען נישט קיין גאלדענע יויך, וואס פון זיין פעטס מאכט מען נישט קיין קוגעל, וואס פון זיין פעל מאכט מען נישט קיין יריעות צו א ספר־תורה, בפרט קיין תפילין מעור־אחד... מה־דאך — זאגט ער — א הונט, וואס טויג אינגאנצען נאר אויף ריצען־אויל, טאר איהם קיינער נישט אנריהרען, נאר א י י ן היצעל, און דוקא פארטאג, ווען דער עולם שלאפט נאך, איך — על אחת כמה־וכמה?!

3.

# העכט.

לכבוד יום־טוב האט מען לעבעדיגע פיש געקויפט. אין א גרויסער, גרין גלעזערנער שיסעל, אנגעפילט מיט וואסער. ליגען צוויי גרויסע העכט און אביסעל ווייטער, אין א שווארצער ערדענער שיסעל ליגען א פאר קליינע קארפען.

דער עולם קומט נ י ש ט פון ים ארויס, נאר דאך פון א גערוימיגען טייך, און עס איז זיי ענג אין שיסעל.

די ארעמע קליינע קארפען אין דער שווארצער ערדענער שי־סעל האבען שוין לאנג פון איהר געוואוסט. זיי ליגען שוין א גוטע שעה אויפ׳ן זייגער און קלערען, וואס דאס קאן זיין פאר א תפיסה, און זיי האבען צייט צו קלערען! איידער די קעכין וועט צוריק קו־מען פון גאס מיט כל־טוב אויף יו״ט, קאן נאך לאנג דויערען. עס קאן נאך א קארפ צום שכל קומען!

נאר די העכט אין דער ג ל ע ז ע ר נ ע ר שיסעל באמערקען נישט איהרע ווענט, זיי צולאזען זיך אלעמאל מיט א כח און טרע־פען מיט די קעפ אין הארטען גלאז. העכט האבען אייזערנע קעפ, נאר שטומפיגע מחות! עס האט יעדערער פון די צוויי געפאנגענע גבורים צו הונדערט קלעפ געקריגען אויף יעדען פונקט פון שיסעל, איידער עס איז זיי איינגעפאלען צו קלערען, אז זיי זענען פאר־מאכט פון אלע זייטען.

זיי פיהלען שוין די וואנט, נאר די שוואכע העכטיגע אויגען זעהען זי נאך נישט... דאס גלאז איז גרין, עס איז גאנץ עהנליך צו קליין טייך־וואסער... און דאך קאן מען נישט ארויס!

— עס איז א כשוף! — מאכט איין העכט צום צווייטען.

— א כשוף! — איז דער צווייטער מודה. — מארגען איז א ליציטאציע אויף פלאטקעס, האבען אונז די קאנקורענטען פאר־כשופ׳ט...

דאס האט אודאי א ראק א ד ע ר א פ ר א ש ג ע־ ט א ן!

---

עס איז נישט לאנג, אז די נעץ האט זיי פון וואסער ארויס־ געצויגנ... און זיי זענען ארויף אויף דער לופט, זענען זיי פלוצלינג חלשות געבליבן. זיי זענען צו זיך געקומען שוין אין א פארהאַ־ מערטען פאס.

— ווי פריה היינט איז נאכט געווארען! — האבען דאמאלט ביידע צוזאמען באמערקט. אין פאס איז ענג געוועזען, קוים זיך אויסצודרעהען. עס האט קוים וואסער פאר אטעם געניגט. פון דעם פריהערדיגען חלשות און שפעטערען שלעכטען אטעמען זענען זיי ביידע פארדרימעלט געווארען. עס האט זיך זיי פון אלץ, אפילו פון יריד, טעאטער און באלעט גע'חלומ'ט, נאר קיין פאס האט זיי דער מלאך פון שלאף נ י ש ט געוויזען...

זיי האבען נישט געהערט — נישט דאס פאס עפענען, נישט דאס גערויש אין מארק! זיי האבען נישט געמערקט דאס ציטערען פון דער וואג, אויף וועלכער זיי האבען זיך געוואקעלט, בשעת ווען די פישערין האט זיך מיט דער קעכין געדונגען... נישט געהערט, ווי דאס שארפע צינגעל האט זיי פארזאגט די ודוי!

טיפער נאך זענען זיי איינגעשלאפען ביי דער קעכין אין קויי־ בער. זיי האבען זיך אויפגעכאפט ערשט אין שיסעל, אונטער דעם שטראם פריש קאלט וואסער. א גוטע שטונדע האבען זיי נישט־ ווילענדיג געשלאגען קאפ אין וואנט. אצינד ערשט רעכנען זיי אויף כשוף...

— וואס טוט מען? — פרעגט איינער דעם צווייטען.

די קארפען ווייסען, אז זיי זיצען תפוס... זיי ווייסען אויך, אז עס איז עפעס געוועזען א לאנגע נאכט און זיי האבען זיך אויפגע־ כאפט אין שיסעל. מן־הסתם — טראכטען זיי — האט מען אונז פאלשע באנקאצעטעל אונטערגעווארפען. עס וועט זיך אויסוויי־ זען — קלערען זיי — מען דארף נאר מיט עמיצען א קלוג ערנסטווארט רעדען!

זיי גיבען זיך א קליינעם ווארף אין דער הויך, דערזעהען די העכט און — פאלען צוריק נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— זיי וועלען אונז אויפפרעסען! ציטערען זיי. זיי האבען

זיך אביסעל בארוהיגט, עס'איז נישט דאמאלט, ווען זיי איז איינגעפאלען, אז די העכט מוזען אויך זיין אין תפיסה...

— דאס האבען ז י י אודאי — מאכט איינער צום צווייטען — מיט פאלשע באנקאצעטעל געהאנדעלט!

— יא, — ענטפערט דער צווייטער, — נאר פון זיי קאן פארט די ישועה קומען! זיי וועלען נישט שווייגען... און מען וועט אונז צוזאמען ארויסלאזען מיט גאטס הילף.

— און זיי וועלען אונז באמערקען — און... אויך (מיט גאטס הילף) איינשלינגען! זיי האבען זיך מיט די זייטען פ ע ס ט ע ר צ ו ג ע ד ר י ק ט צו דער דנא פון שיסעל.

אויף דער פאדלאגע איז געשטאנען א קויבער מיט ציבעלעס.

— ווען מיר נעמען דעם פאדראד און רייניגען אויס די פלאטקעס, וואלטען מיר אזוינע גאלדענע ארדער געקריגען, — מיינט א העכט.

— מיר וועלען נאך, אי"ה, קריגען, — ענטפערט דער צווייטער, — עס איז טאקע א בשוף, נאר...

— וואס נאר?

— עס איז דא אן עצה!

— זאג...

— עס איז אפילו א בושה... נאר... איך מוז דיר זאגען... מען דארף — ד א ו ו נ ע ן... — שטאמעלט ער ארויס — דאס איז די בעסטע רפואה געגען כשוף!

— דאוונען?! אפשר!

אוןביידע העכט דערמאנען זיך, אז זיי האבען שוין יאהרען לאנג נישט געדאווענט... זיי געדענקען נישט א ווארט.

— אשרי... — הויבט איינער אן.

— אשרי... — זאגט דער צווייטער נאך, און שטעה! מעהר נישט א ווארט.

— אוי, ווילט זיך מיר דאוונען — קרעכצט הויך דער ערשטער.

— מיר אויך, — איז מודה דער צווייטער, — דען סוף כל סוף זענען מיר דאך אויך נאר פיש!...

* *
*

עס עפענט זיך א טירעל אין וואנט און צוויי קעפ ווייזען זיך אינ'ם חלל. איינער א פארטרונקענער מענער־קאפ און דער צווייטער א פרויען־קאפ אין פאפילאטען.

— א! — פרעהט זיך דער מענער־קאפ, — עס וועט זיין א פרעהליכער יום־טוב! העכט... קארפ... אל־דאס גוטס...

— ווי דען! איך האב נאך נאך פלייש געשיקט!

— מיין קלוג ווייבעל! — שמייכעלט דער מענער־קאפ.

— נא! נא! נאר אהן דעם...

און די קעפ פארשווינדען.

---

— הערסט, — מאכט איין העכט — עס זענען דא קארפען אויך!

— זיי איז בעסער פאר אונז!

— מיט וואס?

— ערשטענס, האבען זיי דא קיין פאדראדען נישט, און זענען פרייע פייגעל; צווייטענס — קאנען זיי זיך ווארפען... ווען זיי גיבען זיך א גוטען ווארף, וואלטען זיי אהיים אין טייך צוריק!

— אמת!

— און עס וואלט אפשר פון דארט אונז אויך א טובה ארויסגעקומען. ווארט, מיר וועלען פרואווען!

— קארפען! — רופט אוים דער העכט. ביידע קארפען זענען פלוצלונג ארויפגעשווימען און האבען ארויסגעשטעקט די קעפ איבער די שיסעל.

דער העכט האט זיך ארויסגערוקט אקעגען —

— שלעכט, ברידער! — מאכט ער.

— שלעכט! — ענטפערען די קארפען.

— ביטער?

— ביטער!

— וועניג וואסער?

— אוי, וועניג!

— און פארשטונקען?

— עפוש!

— נישט מעגליך דא צו לעבען?

— נישט מעגליך!

— מען דארף צוריק אהיים, אין טייך אריין!

— מען... דארף!

— מען האט גאר אין טייך פארגעסען!

— פארגעסען!

— א זינד!

— א רציחה!

— לאמיר זיך קלאפען על־חטא!

די העכט גלעטען די בייכער אויפ'ן ראנד פון שיסעל; די קאר־פען שלאגען זיך ערנסט קאפ אן וואנט, אז סע הילכט!

— מען דארף אהיים שפרינגען — מאכט ווייטער דער העכט.

— שפרינגען!

— נו!

דער העכט קאמאנדירט און די קארפען זענען ארוים פון שיסעל אויף דער פאדלאגע... און זיי ליגען נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— איך האב גארנישט געוואוסט, — מאכט דער צווייטער העכט, אז דו ביסט אזא בעל־דברן, עס רינט דאך דיר האניג פון מויל! —

די קארפען דערוויייל קרעכצען —

— רוקט אייך! — קאמאנדירט ווייטער דער ערשטער העכט.

די קארפען גיבען נאך א קליינעם שפרונג.

— אוי, — קרעכצען זיי, — מען זעהט נאָך נישט קיין טייך, און די ביינער ברעכען, און אָטעם פעהלט...

— רוקט אייך, נעמט צוזאַמען די רעשט כחות! עס איז שוין נישט ווייט, גיט נאָך א שפּרונג!

נאָר די קאַרפּען הערען שוין נישט.

---

די קאַרפּען גוסס'ן אויף דער פּאָדלאָגע, און די העכט שפּאַרען זיך; ביידע זענען מודה, אז ביי א רעכטען שפּרונג קאָן מען קומען צוריק אין טייך אריין; נאָר א י י נ ע ר זאָגט, אז מען דאַרף דערצו אנדערע פּיש, נישט קיין פּאָדלע קאַרפּען, וואָס קאָנען נאָר שפּרינגען אין וואַסער. וואָס קאָנען נישט אויסהאַלטען א פּאָר שעה אָהן אָטעם און עסען, אז מען דאַרף דערצו — עלעקטרישע פּיש!...

און דער צ ו ו י י ט ע ר מיינט, אז דוקא נאָר קאַרפּען! נאָר מען דאַרף אסך, אסך קאַרפּען! און אויב הונדערט טויזענט וועלען שפּרינגען. וועט איינער טרעפען, און אז איינער וועט טרעפען, הא! הא!

## 4.

# לאמפען־מוסר.

עס איז א ידוע לכל, אז קאנאניקעס, הבדלות, ליכט, לאמטערן און לאמפען פיהרען זיך אמעריקאניש. וואכען, ווען ביי אונז איז נאכט, און שלאפען, ווען ביי אונז איז טאג. — נאר צי וועט איהר קאנען מודה זיין, אז קאנאניקעס, ליכט, לאמטערן און לאמפען האבען א לשון און (אויף זייער אופן) א ריכטיגען באגריף פון טוב ורע? און דאך פרואווט, דערמאנט אייך נאר, ווי עהנליך זיי זענען צו אונז! די כלי, פון וואס זי איז, שפילט די ראלע פון א גוף; דערביי, פונקט ווי ביי אונז, זענען טייל גופים נאקעט, טייל מיט בלומען, גירלאנדען אדער פארשידענע פיגורען פארציערט, מיט גאלד און זילבער באשיינט. דער בוימאויל, אויל, חלב, נאפט זענען א מין בלוט. דאס בלוט איז ביי זיי אויך פארשידען: טייל פון גרעסערען, טייל פון קלענערען יחוס; טייל גאר פון עקסטען פאס! חלב קומט ארויס פון א מאוס'ען ארט, בוימאויל און אויל קאנען זיין כשר און טרפה; וואקס איז גלאט כשר, נאפט איז ריין און אומריין, טיילמאל נאך מיט א שלעכטען ריח! און ווי עהנליך איז די דאכט — די פלאם צו אונזער נשמה!

שלמה המלך זאגט טאקע: „נר אלהים נשמת אדם!“

און ווי עהנליך זייער לעבען איז צו אונזער לעבען!

דער קאנאניק — א שריד ופליט פון אלטע פרומע דורות — שווימט טאקע ארום אויף כשר'ן בוימאויל; ער ברענט טונקעל, ציכטיג און שטיל; פלאקערט נישט אויף מיט טייוולאנישער גאוה, רעדט זיך נישט איין, אז ער וועט באלייכטען און באשיינען די וועלט... נישט זיין וועלט, ער דארף זי נישט פארזארגען!

זיין אייגען ווינקעלע איז פאר איהם גענוג, פאר דאס מאכט ער קיין שרפות נישט אן! איהר וועט ביי איהם נישט געפינען קיין צייכען פון אנארכישע אידעען!

דערצו ברענט ער טרויעריג, ווייל קורץ איז דאס לעבען, קיר־צער, ווי „א שאטען פון א פויגעל, וואס פליהט נאר אדורך!“

ער איז פול מיט „מרה שחורה“!

„מה אנו מה חיינו“? א קנייטעל מיט א „טפה־סרוחה“ — בוימאויל, און מען שטארבט יעדע מינוט! ער געדענקט שטענדיג אינ'ם טויט און דעריבער האבען מיר עס טאקע פאר טויטע באַ־האלטען.

הבדלות, חנוכה־ליכט זענען „דברים שבקדושה“ כמעט אהן גופים! טייל זענען כפול־שמונה, נאר אלע פארדרעהט און פאר־פלאכטען... און דערביי געל — ווי הייליגע דארפען אויסצוזעהן! און ברענען מיט קאפעטש, אויך ווי הייליגע טוען; עס שטעקט דער־רינען מעהר אמונה, ווי חכמה, מעהר התלהבות, ווי ליכט, מעהר „לשם מצוה“ ווי לתשמיש...

ליכט, לאמטערען און לאמפען זענען וועלט־לייט! לאמטערען און לאמפען ווייסען שוין גארנישט פון קיין אידישקייט! ליכט ווע־רען אפילו גענוצט אלס נשמה־ און בענש־ליכט, נאר גלויבען טאר מען זיי נישט...

דאס זענען איין אין וועגס קארטען־שפילער און דינען נאך צו אלעם בייז, פון וועלכען עס איז בעסער, אז מען רעדט נישט... ליכט, בפרט סטעארין ליכט, כשר'ע נישט אויסגענומען, זענען אהין און אהער!

לאמפען און לאמטערען: ראטשילדס און באַסע־קאמאנדע! די ערשטע וואוינען אין שטיבער, סאלאנען, טיילמאל — צווישען כל־טוב; די צווייטע — אין הויז, אין גאס צווישען ווינט און שניי...

פון א י י ן מין, ברידער פון א י י ן טאטע־מאמע, גופים פון א י י ן גלאז, א י י ן בלוט — נאפט, א י י ן נשמה — איינערליי דאכט, און — בשעת, ווען דעם לאמפס לע־בען שיינט רוהיג און שטיל, אדער פלאמט מיט אלע קאלירען פון רעגענבויגען דורך פארשידען־פארביגע גלעזער...

בשעת, ווען לאמפען טאנצען אויף אלע חתונות און בעלער, שטעהען אויבען אן ביי יעדער פאמיליען־פארזאמלונג, באגלייטען חתן־כלה ביז דער לעצטער מינוט, — שטעהט דער לאמטערען אין הויז פון א זאיאזד. דער צוג פון געגען־איבער אפענע טויערען פארכאפט איהם דעם אטעם.

דער נוף איז צובראכען. די זייטען געשפאלטען און באלעגט מיט ברודיגע פלאסטער, און ער ברענט און צאנקט, און גוסס'ט צווישען א שרעקליכען ריח...

און אויף וואס פאר א ווינטען, שטורמען, רעגען, שנייען, איז אויסגעשטעלט זיין חבר אין גאס! יעדער רגע ציטערט ער פאר זיין לעבען. עס ווייזט זיך עמיץ אין גאס, — עס קאן זיין א שכור, וואס וועט איהם מיט א שטיין אויף פיץ־פיצלעך צוברעכען.

— נאך וואס לייכט ער ביינאכט, אפילו ווען לבנה און שטער־רען שלאפען?

איז דאס אנדערש, ווי אונזער לעבען? און פארוואס זאלען זיי קיין שפראך, קיין ידיעה נישט האבען?

זיי מוזען האבען! איך בין שטענדיג געווען דאפיר, אז א לץ לעבט, א לץ פיהלט, א לץ ווייסט, וואס גוט און פרום איז, און איינמאל האב איך אליין געהערט, ווי מיין גרויסער הענגעל־לאמפ האט מוסר געזאגט א קליין טיש־לעמפעל, וואס איז גראד געשטאנען נישט ווייט פון איהם.

—„אינגעל, — מאכט ער, — פיהר דיך בדרך־הישר! ברען גלייך, ווי א ליניע, ברען, ווי אויפ'ן מזבח! ברען גלייך צום הימעל ארויף און פאראייניג דיך מיט יענע גרויסע ליכט, וואס לעבען אייביג! לאז דיך פון א ליאדע ווינט נישט פארפיהרען אין א זייט אריין! — געדענק, אז דיין זיידע (זכרונו לברכה) איז א הייליגער קאנאניק געוועזען! דיין פעטער איז אן הבדלה! און חנוכה־ליכט, נשמה־ליכט, און שבת־ליכט זענען דיינע נאהנטע קרובים!"

„האלט דיך פעסט אין דיין דרך, פיהר דיך נישט, ווי די באסע־קאמאנדע אין גאסט־הייזער און אין אלע גאסען! ארויף דעם קאפ! ווייס, פאר וועמען דו שטעהסט! וועמען דו דארפסט אפגעבען דין־וחשבון! געדענק, אז יעדען פריה־מארגען פליהט דיין דאכט אין הימעל אריין צו פארשרייבען אלע דיינע תנועות!"

„פארגעס נישט — אז אויב דו וועסט דיך פיהרען אין גלייכען וועג, וועסט דו זוכה זיין צו אלעם גוטען!"

— „אמן"! — האט געענטפערט דאס קליינע טיש־לעמפעל.—

## 5.

# די פרומע קאץ.

דריי זינג־פייגעלעך זענען געוועזען אין איין שטוב און אלע דריי, איינס נאָכ'ן צווייטען — האָט די קאץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאץ נישט געוועזען, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגען די ווייסע גוט־אידישע יופע און געהאַט אויגעלעך, אין וועלכע דער הימעל האָט זיך געשפּיגעלט...

עס איז א פרומע קאץ, א טבילה־קאץ געווען! צעהן מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשען... און געגעסען האָט זי שטיל, ערגעץ אין א זייט, אין א ווינקעלע...

א גאַנצען טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילכדיגס, און ערשט, אז די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָט זי געגעסען פלייש, כשר מויזען־פלייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי א גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּילענ־דיג... זאָל דאָס מייזעל לעבען נאָך א רגע, נאָך א רגע... זאָל עס אביסעל ארומטאַנצען, אפּציטערען, ודוי זאָגען — א פרומע קאץ כאַפּט נישט...

אז מען האָט אין שטוב אריין דעם ערשטען זינג־פויגעל גע־בראַכט, האָט זי אויפ'ן באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אזא שעהנס, — זיפצט זי, — אזא קליינס, אזא מחיה'דיג פויגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבען!

— און עס קאָן קיין עולם הבא נישט האָבען! — איז זיכער די קאץ —

ערשטענס, וואַשט זיך עס דייטשעריש, מיט'ן גאַנצען לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטענס, אז מען האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס

שוין א חיה־רעה, כאַטש א יונג, זיס און פיין זינג־פויגעלע... האַלט עס שוין מעהר פון דינאַמיט ווי פון שלחן־ערוך!

היינט דאָס זינגען אליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופייפען און דאָס קוקען גלייך אהן א שום דרך־ארץ אין הימעל אריין! דאָס רייסען זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיגער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענסטער...

צי איז נאָך אמאָל א קאַץ אין א שטייג געזעסען? צי האָט נאָך אמאָל א פרומע קאַץ אַזוי געפּיפען, אַזוי זמרי־בן־סלוא׳דיג געפּיפען?

— און א שאָד! — וויינט דאָס פרישע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך א לעבעדיגע זאַך, א טייערע נשמה, א פונק פון דער הויך!

דער קאַץ קומען טרערען אין די אויגען:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיגער גוף איז אַזוי שעהן, דער עולם־הזה דעריבער — אַזוי לוסטיג, דער יצר־הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פויגעלע זיך אַקעגען שטעלען דעם שרעק־ליכען גרויסען יצר־הרע?

און וואָס מעהר עס לעבט, מעהר זינדיגט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף...

הא!

און א הייליג פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן... און זי איז אַרויפגע־שפּרונגען אויפ׳ן טיש, וואו די שטייג מיט׳ן זינג־פויגעלע איז גע־שטאַנען, און —

עס פליהען שוין פעדערען אין צימער...

---

מען האָט די קאַץ געשלאָגען... די שלעג נעמט זי אָן פאַר ליעב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט א יאַמערליכען על־חטא...

מעהר וועט זי שוין נישט זינדיגען...

די קלוגע קאַץ פאַרשטעהט, פאַרוואס מען האָט זי געשלאָ־
גען... מעהר וועט זי אויף קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מען האָט זי געשלאָגען — פאַרשטעהט די קאַץ, — דער־
פאַר, ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב; ווייל אויפ'ן ווייסען גע־
שטיקטען טישטוך זענען געבליבען פלעקען פון בלוט...

אַזאַ פסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל
קיין פעדער נישט פליהען, קיין טראָפּען בלוט נישט פאַלען...

און — אַז מען האָט דעם צווייטען זינג־פויגעל געקויפט און
אין שטוב געלאָזט, האָט זי איהם שוין שטיל און פיין דערוואָרגען
און מיט די פעדערען צוזאַמען איינגעשלונגען...

---

מען האָט די קאַץ געשמיסען...

אַצינד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגען פע־
דערען געהט עס, נישט וועגען פלעקען פון בלוט אויפ'ן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טויטען! אַז מען דאַרף
ליעב האָבען, מוחל זיין... אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פאַר־
בעסערט מען די זינדיגע וועלט!

מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגען, צום הארץ רעדען!
אַ קאַנאַרעק, אַ בעל־תשובה, קאָן קומען צו אַזאַ מדרגה, צו
וועלכער די פרימסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכען!

און די קאַץ דערפיהלט, ווי עס וואַקסט אין איהר דאָס הארץ
פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און הארטע צייטען! אויס בלוט
פאַרגיסען!

רחמנות, רחמנות, און נאָך אַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטען קאַנאַרעק!
— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי, מיט דער ווייכסטער שטי־
מע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציגען האַלז, — זינדיג ביסט
דו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טון, ווייל איך האָב
רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך
אפילו נישט אַנריהרען!

דו שווייגסט? — זעהר גוט! איידער פרעכע ליעדער צו זינ־גען, איז גלייכער שווייגען!

דו צאפּעלסט — נאך בעסער! צאפּעל, צאפּעל, מיין קינד, נאר נישט פאר מיר, פאר׳ן בורא עולם צאפּעל, פאר זיין ליעבען נאמען!

הלואי זאלסט דו שוין אזוי בלייבען — שטיל, ריין און צאַ־פּעלדיג...

איך וועל דיר העלפען צאפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכען אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאל אריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינ־דעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאץ פיהלט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי א פרייד עס איז יענעם אריינצובלאזען מיט׳ן הויך פרומקייט און עהרליכקייט.

און עס וואקסט דאס פרימסטע הארץ אין דער פרימסטער ווייסער קאץ —

נאר דער קאנארעק קאן אין דער קאצען־לופט נישט אטעמען— עס האט איהם דערשטיקט!

6.

# דער דין־תורה.

חנינא בעל־עגלה האָט געהאַט א דין־תורה מיט דער שקאַפּע; זי האָט גע'טענ'עט: גיב האָבער, וועל איך געהן, ער — געה, וועסט דו קריגען האָבער. די בייטש האָט זיך אריינגעמישט, איינמאָל און דאַס צווייטע מאָל, ביז די קלאַטשע האָט פאַרשוויגען און אויסגעצויגען די פיס...

חנינא האָט קוים אהיים געשלעפּט דאָס וועגעלע, פאַר־תכל'עוועט א שינדער די הויט, און ער זוכט זיך שוין א ניי פערד...

קיין גרויס עגמת־נפש האָט ער נישט דערפון; ער איז שוין געוועהנט מיט אַזעלכע זאַכען — ער פלעגט קויפען נ אַ ר אַזעל־כע פערד, מיט וועלכע ער פלעגט האָבען סאַמע דין־תורה'ס, פלעגט ש ט ע נ ד י ג רופען די בייטש פאַר א בורר און נאָך דער בייטש איז דער שינדער, מעשים בכל יום.

דער קרוג טראָגט אבער אזוי לאנג וואסער, ביז ער בלייבט אָהן אויערען, און קוים האָט חנינא ארויסגעשיקט דעם שינדער נאָך דער פעל, פאַרגלייסט ער די אויגען, פאַלט ארונטער מיט'ן קאָפּ, פון מויל שפּריצט פּיאַנע — ער האָט דעם „שלאַג" געקריגען!

דאָס ווייב מיט די קינדער ראַטעווען; ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט. ער פיהלט, אז עס איז זיין עק...

פאַר דער גסיסה איז ער אביסעל צו זיך געקומען און געזאָגט, אז די שקאַפּע רופט איהם צום בית־דין של מעלה. —

---

קיין גרויסע מורא דערפאַר האָט ער נ י ש ט.

חנינא איז געוועזען א שטיקעל בקי אין משפטים! —

דורכפאהרענדיג לעבען א סטויג היי צי א פעלד מיט קאָניצינע,

פלעגט ער שטענדיג, מכלומרשט, איינדרימלען, דאָס הונגעריגע פערד זאָל באַלד אראָפּ אין א זייט און אונטערלעהנען זיך מיט פרעמ־דער פראַצע. דאָס דרימלען זיך בשעת הכושר האָט איהם נישט איינמאָל געפיהרט אין סאַנד אריין, נאָר ער האָט זיך שטענדיג אויסגעדרעהט.

זיין צושפּרונג צו דער פּרנסה איז געוועזען מעקלעריי ביי אד־וואָקאַטען. נו, אביסעל האָט ער גענאַשט און אביסעל איז ער גע־וואָר געוואָרען, אז די גאַנצע מעשה איז חוזק; פאַר׳ן ערגס־טען פאַל, האָט ער געוואוסט, איז פאַראַן א פשרה!

דערוויילע האָט ער מיטגענומען פּאַרשוינען!...

אז דעם סאַנד איז שוין נמאס געוואָרען דאָס דרימלען בשעת הכושר, און דער צד שכנגדו האָט פאַרלאַנגט שרפ״ט פאַר דער פשרה, איז ער באמת אפגעזעסען א צייט, האָט ער זיך באמת אויס־גערוהט די ביינער, האָט זיין זוהן געמוזט זיך צוגעוועהנען צו דער מלאכה! טאַקע א שאָד בטול תורה (זיין זוהן האָט געלע־רענט אין א חדר). נאָר סיי ווי סיי — געוועהנט איז ער געוואָרען מיט משפטים; קיין מורא האָט ער נישט געהאַט! מיט׳ן ווייב וויל ער דערפון נישט רעדען, וואָס ווייסט א אידענע? נאָר דעם נושאים־מאַן זאָגט ער: איך הער זי, ווי די קאַץ, איך וועל מאַכען א בעסערען אַטוואָד פאַר פלוידערמאַן פּיאַניצע! נאָר א שאָד, וואָס איך קאָן אהין נישט מיטנעמען קיין פאַרשוינען...

גיט מיר (מאַכט ער שפּעטער) כאָטש מיט די בייטש, אהן איהר וועל איך גאָר זיין, ווי אהן א האַנט...

פאַר׳ן בית־דין של מעלה.

אונזער חנינא איז טאַקע באַלד ארוים מיט אַן אַטוואָד; פאַר א שקאַפע — זאָגט ער — איז געגוג א גמינע סאַנד.

— זעהסט, חנינא, — זאָגט דער פּרעזעס, — זאָלסט געוועזען שבת וועניגער שלאָפען און הערען בעסער די סדרה אין שולכעל, וואָלסט דו געוואוסט, אז א שור הנסקל געהער אויך צום סנהדרין!

— עט, — האַקט איבער חנינא — אין שולכעל האָט מען נישט די סדרה, נאָר אַלשיך, געלערענט! קיין מוסר בין איך נישט געקומען הערען, און דעם אַטוואָד — בין איך מודה — האָב איך געמאַכט נאָר פאַר שעהנקייט וועגען, איך זאָג מיך פונ׳ם אָפּ!

דער בית־דין גיט דער שקאפּע דאָס וואָרט.

עס הערט זיך אַ יאָמערליך געוויין:

— ער האָט מיך דער׳הרג׳עט, מיט דער בייטש דאָס לעצטע ביסעל כח פון לייב אַרויסגעיאָגט. —

נאָר חנינא לאָזט נישט רעדען. — „די שקאַפּע — שרייט ער — איז דאָך מ י י ן! איך האָב זי פון שינדער דאָך מציל געווען; מען האָט זי לעבעדיגערהייט געוואָלט פּטור ווערען! אַ שינדער האָט צוויי רובל געגעבען און איך האָב אַ צעהנערל מוסיף געווען... און געיאָגט האָב איך זי אויך נאָר פאַר איהר טובה וועגען... אין דערהיים וואָלט איך איהר אַ היי געוויזען, נישט פון סדור׳ל...“ — וויצעלט ער.

— נאָר כח, וואו נעמט מען כח? — צוגיסט זיך די שקאַפּע.

— איך פאַרשטעה נישט — בייזערט זיך חנינא — ווער רעדט האָט כח? איך האָב כח? איך האָב נאָר צו שאַפען! און אָהן אַ בייטש וואָלסט דו געגאַנגען? און אַ טריט געמאַכט וואָלסט דו יאָ? ווי קאָן זיין אַ בעל־עגלה אָהן אַ בייטש?

---

דאָס בית־דין של מעלה קלערט אַ ווײַלע און גיט אַרויס אַ פּסק:

—„אַזוי ווי דאָס בית־דין קאָן נישט משנה זיין סדרי בראשית... און לויט סדרי בראשית מאַכט קיין פערד קיין טריט נישט כמעט אָהן אַ בעל־עגלה, מוז בשעת הדחק דעריבער זיין אַ „בייטש“; נאָר פון צווייטען צד — ווייל כל־זמן, אַז פערד זענען פערד, איז פאַרט אַ יושר גדול, אַז עס זאָל זיין מעהר רחמנות צווישען די „צדדים“, על כן —

„זאָלען ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף יענער וועלט.

„חנינא זאָל אַריין אין אַ שקאַפּע און די שקאַפּע זאָל ווערען אַ בעל־עגלה!“

מיט דער צייט, הייסט עס, וועלען זיי זיך אויסגלייכען און, צייט צו וואַרטען פעהלט נישט דעם בית־דין של מעלה.

## 7.

# פון קבר.

אז א מענש שטארבט, לעגט מען איהם שערבלעך אויף די אוי־גען און מען פארשיט איהם מיט ערד... מיר — כאטש מיין ווייב פלעגט זאגען, אז איך בין גאר קיין מענש נישט, און כאטש איך האב קיין קינדער נישט געהאט — האט מען דאס אייגענע געטאן.

איך האב אלץ געפיהלט, נאר עס האט מיר ממש נישט וועה געטאן. איך האב פראסט קיין צייט נישט געהאט צו דעם וועהטאג! ערשטענס, האב איך געהאט ביים גאנצען רחמנות א שטיקעל נקמה אויף מיין ווייב, וואס איז געגאנגען נאך דער מטה, און מיט איהר אייגען מויל געשריגען: אזא מענש! אזא מענש!

צווייטענס, האב איך מיר גע'חזר'ט מיין פסוק!

און איך האב גלייך געטאן. דער מלאך דומה איז געקומען טאקע, ווי א לייב, נאר, — אז איך האב איהם געזאגט: אדם בבהמות... און ווי ווייטער שטעהט, וואס מיין פסוק איז, איז ער אוועקגעגאנגען כאחד האדם, טאקע ווי א לעמעלע.

אויך בין איך צופרידען געווען פונ'ם קבר, וואס מען האט מיר אויסגעקליבען... ממה־נפשך, לעבט מען אין קבר, דארף מען דארט אויך האבען גוטע שכנים; הערען און זאגען א גלייך־ווער־טעל! און דא הער איך — וועל איך האבען רעכטס ר' מנחם זא־סעש און לינקס — ר' יוסל דוואשעס! אויף בעסערע שכנים האב איך מיך נישט געקאנט ריכטען!...

קוים מען האט אפגעזאגט קדיש, מען קלאפט פון דער רעכטער זייט:

— ר' מנחם? — פרעג איך.

— יא, און איהר ווער זענט?

איך זאג איהם.

— געלויבט איז גאט, — מאכט ער — טאקע — ברוך דיין אמת! איך האב פון יענער זייט (נישט פאר קיין איך געדאכט) א רופא, זאל גאט שומר ומציל זיין! ערשטענס, שמייסט מען איהם יעדע נאכט, ווייל ער געדענקט נישט דעם נאמען, איז ממש קיין אויג נישט צוצומאכען, און צווייטענס, רעדט ער א גאנצען טאג עזות'קייטען. ער מוז האבען היץ, צי וועלכע שווארצע יאהר, נאר אזא טרפה מויל! אצינד — כאטש היימישע מענשען.

— איהר האט לינקס — מאכט ער ווייטער — ר' יוסלען. דורך א לעדיגען קבר קאן מען נישט רעדען; דאס קול ווערט פאר־לוירען. אצינד פרוואוט איהם נאר וועקען, אפשר איז ער נאך נישט איינגאנצען פארפוילט.

איך קלאפ אן — ר' יוסל האלט זיך נאך, און מיר האבען שוין, ב"ה, „מזומן" צו א רעכט ווארט...ביידע פרעגען, וואס עס הערט זיך אויף יענער וועלט, און איך האב זיי דערצעהלט דאס לעצטע נייעס, הן פון דערהיים, הן פון בית־המדרש, הן פון פאלי־טיק און דערנאך געפרעגט פון מיין צד, וואס עס הערט זיך אויפ'ן עולם־אמת.

— גארנישט, — זאגען זיי — שטיל! דער מלאך דומה הייסט נאר געשווינדער פוילען; טוט ער נישט קיין שלעכטס! מען דארף נאר וויסען ווי מען הייסט, דען אז נישט, קאן ער נישט פארשריי־בען אין מתים־פנקס, איז מען, ווי דארטען אויף יענער וועלט, אהן א פאספארט; בייזערט ער זיך און שמייסט!

— און מכה גיהנום? — פרעג איך.

— אל תפתח פה לשטן — וואונדערען זיי זיך — פארוואס? זיי פרעגען נאר: פארוואס?! מילא, פון מ י י נ ע חטאים וויל איך נישט רעדען; דען טאקע, א פראסטער מענש, איז קיין חידוש נישט. נאר אויף ר' יוסלען האט מען געמורמעלט, אז ער שינדט די הויט ביי הלואות, און, אז עס לאזט זיך, איז ער זיך נאר טועה אין חשבון אויך... עפעס אן אלמנה האט געזאלט דורך איהם שטארבען, באשר־בכן, ער האט איהר עפעס א פקדון בא־האלטען... איך וויל נישט מיין מויל אין קבר צו קיין בייזען ברענ־גען, נאר געמורמעלט האט מען; ווער שמועסט — ר' מנחם! אויף איהם זאגט מען אפילו, אז ער האט אויפ'ן לענטשנער יריד א סוחר, פשוטו כמשמעו, ביינאכט די קעשענעס אויסגעשניטען און

דערנאָך איז טלית און תפילין אָפּגעלייקענט שטיין און בײַן... זיי זענען דערבײַ אפילו געװעזען גאַנץ אָרענטליכע מענשען, בני־תורה, מיט שיחת חולין קיין מעשה נישט, אָבער „אל תפתח פה לשטן״. עס פאַלט זיי גאָרנישט איין, גאָרנישט!

מילא, טראַכט איך, זאָל זיין אַזוי.

— און מכח גן־עדן? — פרעג איך װײַטער.

— גן־עדן, — קרעכצט מנחם פון איין זײַט און יוסל פון דער צװײטער זײַט, — גן־עדן... צו גן־עדן, ברידער, מוז מען שױן זײַן רעכט טױט, דורך און דורך גוט פאַרפוילט! עס איז אַ סברא, אַז כל־זמן עס איז דאָ אַ לעק מח, איז נישט דאָ אויף װאָס צו האָפען! און טאַקע נישט אומזיסט שרײַט דער מלאך דומה: פוילט, ברי־דערלעך, פוילט, לאָמיך אײַער פּטור װערען! נאָר, בטחון אין גאָט! די װערים רוקען זיך װײַטער און װײַטער, פון האַרץ בין איך שױן כמעט פּטור...

און יוסל זאָגט:

— דאָס האַרץ, זעהסט דו, האָט מיר אפילו נישט װעה געטאָן...

— צו מײַנעם, — זאָגט מנחם, — האָט פריהער קיין װאָרעם נישט געװאָלט שמעקען! דער מלאך־דומה האָט מיר נאָך פריהער געזאָגט, אַז דאָס ערגסטע איז דאָס ה א ר ץ ביי צדיקים! ק י י ן װאָרעם װיל זיך נישט צוריהרען דערצו!... נאָר יענעם חדש האָט מיר אַ גליק געטראָפען, עס איז גראָד קיין פרישע מתים נישט געװעזען, האָב איך מײַנס פאַרצוקערט!...

---

עס הױבט מיך אַן קיצלען אונטער די אָרעם; איך פרעג מײַנע שכנים, װאָס דאָס באַטײַט.

— געלױבט איז גאָט, — ענטפערען זיי — אַ סימן פון אַ צדיק, אַז די װערעם קיצלען און טוען נישט װעה! די רשעים, זעהסט דו, שפרינגען באַלד פון דער הויט!

— סמן טוב ומזל טוב! — זאָגען זיי װײַטער — נאָר פאַר דאָס, װעסט דו אויך לאַנג ליגען אין קבר... װעסט דיך אפשר גלײַך מיט אונז זיך אויף תחית המתים דערװאַרטען. נאָר רשעים האָבען

קיין געדולד נישט! באַדיי אין גיהנום אריין — שרייען זיי — אבי נישט צווישען ווערעם!

וואס קומט מיר אבער ארויס פון אלע נחמות, איך בין פאַרט קיין צדיק נישט, איך פיהל פאַרט, אז די ווערעם זענען שוין ביי מיר אין אלע אברים; עס קיצעלט שוין נישט! איך פיהל שוין, אז דאס הארץ ברעכט, די לעבער פוילט, און דער מח — אַ! דער מח קנאַקט און קנאַקט!

זאָל איך אויך אפשר רעדען עזות׳קייט?

## 8.

# הינערשע חלומות.

אמאָל איז געווען א הון, א גרויסע הון און א מיוחסת. דעם גרויסען קוקוריקוס א קעבס־ווייב און א חכמה דערצו. און די גרויסע הון. די מיוחסת, זיצט (פאַרשטעהט זיך, נישט, חס־ושלום, אין תפיסה, נאַר אויף דער „שאַדאַלע”) אודאי אויף פיערציג אייער.

אז מען רייבט זיך נישט אַן דער וואַנט און מען האָט נישט אין זין קיין פּאָליטיק — העלפט גאָט.

און די אייער זענען דעריבער גרויסע און, מן הסתם, פולע; פון די אייער וועט ארויס — —

נאַר וועגען דעם חלום׳ט טאַקע די הון.

---

זי זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגען און דאַך זעהט זי, ווי פון די אייער טרעטען ארויס א שטיק פיערציג הענער —

הענער, קיין איינציגע הון! און איינס אויף איינס הענער פון הענער־לאַנד, גרויס־געוואַקסענע, שטאַרק געבויטע, אויף קור־פערנע פיס, מיט שאַרפע קרעלען; פליגעל, ווי ביי אַן אדלער, און רויטע: וואַס רויטע? — פלאַמענדיגע קאַמען!...

מען זאָל זיי נאַר קיין עין־הרע נישט געבען!

און גלייך פון די אייער טרעט ארויס די מחנה גבורים און לאָזט זיך געהן אויפ׳ן הויף... זי געהט נאָך, און דאָס האַרץ אין איהר וואַקסט און וואַקסט, עס וואַקסט, ווי אויף הייוון. ארויס־שפּרינגען וויל עס, זאָל עס שפּרינגען!

— קוקוריקו! — שרייט דער עולם — אַזא קול האָט נאָך די וועלט נישט געהערט!

— קוקוריקו! דאָס בערגעל מיסט אין דער זייט ביי דער קיך שאָקעלט זיך און פאַלט. אינגאַנצען הויז ציטערען די שויבען.

— קוקוריקו!

און, אַלע, אַלע ארום בלייבען שטעהן, ווי פאַרשטיינערט! ווער זענען די גבורים?!

דער אַלטער קודלאַטער הונט קריכט אַרויס פון זיין שטיבעל, און בלייבט אויך שטעהן פאַרגאַפט — ער האָט די צונג אין מויל פאַרגעסען, ער בילט נישט!

די חברה קעץ האָבען זיך אויסגעזעצט אויפ'ן פּלויט, וואָס צוימט ארום דעם הויף, און קוקען זיך די אויגען אויס...

מויל-ווערף קריכען פון אונטער דער ערד אַפיר; האָזען האָבען זיך באַוויזען אין עק וואַלד — פאַרגאַפט, כאַטש כאַפּ זיי מיט דער האַנט!

און ער, וואָס וועט ער זאָגען? ער, דער גרויסער זאַמד-גריבלער, דער גרויסער קאָרן-שלינגער, איהר מאַן?! צי וועט ער נאָך קוקען אויסער איהר אויף אַ הון?!

ניין!

און דאַמאָלט, דאַמאָלט וועט זי שוין זיין אויפ'ן שפּיץ פון איהר גליק, אז ער וועט וויסען און זעהן, וואָס זי קאָן, אַז די וועלט וועט געוואָר ווערען, וואָס זי האָט איהם געגעבען, דאַמאָלט — וועט זי שוין מעגען שטאַרבען! דאַמאָלט וועט זי אַליין צוגעהן צו דער ברייטער קעכין, און אויסשטרעקען דעם האַלז.

— נעם, וועט זי זאָגען, און קאָך וויעטשערע!

עס פּיקט אונטער דער הון, נאָר זי הערט נישט. טרויעריגע געדאַנקען זאַמלען זיך אין קעפּעל —

„נעם און קאָך וויעטשערע!"

— נאָר — פאַרוואָס? פאַרוואָס מוז זיך אַלץ ענדיגען מיט'ן מעסער? פאַרוואָס זאָלען מענשען עסען איהר פלייש, דער הונט— די ביינער און פון די פעדערען זאָל מען מאַכען בעטגעוואַנט?

צי איז אויף דער וועלט קיין רחמנות נישטאָ, קיין יושר? פאַרוואָס זאָל מען נישט וויסען אויף דער וועלט אַן אונטערשיד פון אַ הון ביז אַ הון, פון אַ לויפערקע, אַ מויל-מאַכעריין, אַן אונטערינגאַנטקע אָדער אַזוי אַ שלים-מזל אַ הון ביז אַ הון אַ מיוחסת, אַ

טון, וואס שטעלט צו דער וועלט אזוינע הענער, אזוינע העלדען, אזוינע העלדען, ווי איהרע וועלען זיין?!

— פיק! פיק! פיק!

נאר זי הערט נישט.

האלב פארשלאפען ציהט זי ווייטער איהרע טרויעריגע חלומות.

— און נאכ'ן מעסער? צי איז שוין אן עק פון אלעם? צי אויף יענער זייט צוים איז שוין גאר נישט דא?

נאכ'ן צוים איז באלד דער וואלד, און דערנאך, נאכ'ן וואלד וואס איז?

צי זאמלען זיך נישט דארט די נשמות פון פרומע היגער און פיקען האבער, גערשטען און ווייץ פראנק און פריי און אהן א שרעק פאר'ן מעסער?...

— פיק, פיק, פיק!

זי הערט נישט...

זי איז א מאמע, און א מאמע מוז אן זיך אליין פארגעסען! נישט אין איהר לעבען געהט עס, נאר אין זייער לעבען!

געזונט און פריש מוז זי זיי ארויסגעבען דער וועלט!

כאטש אין א צייט ארום וועלען זיי די אייגענע מוטער נישט דערקענען! די אייגענע מוטער אוועקטרייבען פון א פעטען בערגעל מיסט.

נאר זי וועט איהרס טון...

פיק-פיק-פיק! פיק-פיק-פיק!

זי דערהערט!

נאר אזוי געשווינד אויפהויבען וועט זי זיך נישט!

זי ווייסט, אז אין דרויסען איז א ווינט, א שטורעם-ווינט און די גבורים איהרע וועלען זיך נאך יונגערהייט פארקיהלען!

— וואס פיקט איהר? צי איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטערס שוים? נישט ווארעם, נישט זיכער אונטער איהרע פליגעל?

ווארט, קינדערלעך, ווארט!

נישט אייביג וועלען בלאזען שלעכטע ווינטען, נישט אייביג וועלען זיין די וואלקען אין הימעל...

גאט וועט זיך דערבארעמען, גאט וועט זיינע הענער נישט

פארגעסען! רייניגען וועט זיך דער הימעל, שײנען וועט די זון, און עס וועט זײן א וועטער, א וועטער!

---

עטליכע הינער, וואס האבען שוין לאנג ארויסגעפיהרט זייער יונגוואַרג אויפ'ן הויף, קומען צו דער פארשפּעטיגטער יולדת.

— מזל־טוב, מזל־טוב! — ווערט א געפּיקעריי.

נאר זי ענטפערט נישט, זי וועט מיט זיי נישט פּיקען... זי בויגט איין דאס קעפּעל און באהאלט עס צווישען די פעדערען אויף דער ברוסט...

די הינער אנטלויפען פארשעמט און זי הויבט אויף אויף דאס קעפּעל מיט חכמה און גאוה צוזאמען...

זי דאנקט גאט, וואס מען האט זי אליין געלאזט, אליין מיט איהרע געדאנקען, מיט איהרע גבורים...

און דאס הארץ צוגעהט אין איהר אין נחת; וואס פאר א פּיינע קינדער זי האט! זיי זענען אודאי גרעסער, ווי אנדערע קאפּ־הענער! נאר, אז די מאמע הייסט, ליגען זיי שטיל, ווארטען זיי. קיין איינציגער פּיקט שוין נישט!

קלוגע קינדער, ז י י ן גבורה און איהר ע ר ע ל ק י י ט, א י ה ר גוטסקייט!

---

און גאט ווייסט, ווי לאנג די קלוגע הון וואלט געזעסען אויף איהרע גבורים, ווען נישט די קעכין, וואס האט זיך אן איהר דער־מאנט און איז אריין, ווי א בליץ זי אראפּצוּיאַגען פון דער שאַ־דאלע!...

און אז מען האט די „מוטער" אראפּגעיאגט פון דער שאדאלע, האבען זיך באוויזען קליינע, שוין לאנג דערשטיקטע, איינפאכע הינדלעך...

## 9.

# מיסט־חלומות.

פון אלטע שטיוועל און קאמאשען מאכט מען פאנטאפעל, און די אויסגעשניטענע פשישוועס און די אפצאסען פארקויפט מען א שוסטער אויף לאטקעלעך!

אין פארמעגליכערע הייזער, וואו פאר דריי גראשען איז נישט כדאי צו רעדען מיט א שוסטער, ווארפט מען זיי ארויס אויפ'ן מיסט. איז זיי אייגענטליך בעסער. דען, אז זיי קומען צוריק אין שוסטערשע הענט, ווערען די שטיקער פשישוועס נאך אויף קלענערע שטיקלעך צושניטען און פון די אבצאסען צוגלידערט; פון יענע ווערט לאטקעס צי פשישוועס און כאליוועס, און האבען מיט אל און דראטווע צו טון; און פון די אפצאסען ווערט לאטקעס צו פאדעשוועס און זיי באגעגענען זיך נאך אמאל מיט אל, שטיפט און האמער. און אזוי ווערען בײדע געשטאכען, געלאטעט און דערנאך ווייטער געטרעטען... נאר דאס טרעטען און שטעכען איז נאך גאלד געגען דעם מאראלישען אומגליק! יעדער אפצאס, שוין יאהרען לאנג פון כמעט גלייכע שטיקלעך צוזאמען־געשלאגען, און בפרט א פשישווע „מעור אחד“, האבען זיך שטענדיג געפיהלט גוט צוזאמען, אצינד ווערען זיי צוטיילט און צודראבעלט און זיי צופאלען זיך אין פרעמדע שטיוועל אריין! אויפ'ן מיסט האבען זיי כאטש מנוחה... אמת, זיי פוילען, נאר ערשטענס — פוילט זיך יעדערער אינגאנצען, נישט געבענקט, אהן א צוריסען הארץ; און צווייטענס, איז לעדער אזוי הארט און הארטנעקיג, און זיי פוילען אזוי לאנגזאם, אז זיי פיהלען עס נישט כמעט! און, אז עס טרעפט יא, אז איינער דערפיהלט, טראכט ער דאך: עט! איידער עס וועט מיך אינגאנצען דורכנעמען, קאן נאך א מלחמה ווערען... משיח וועט קומען!

און דערווייל איז כּאַטש וואָרעם! קיינער טרעט נישט, ווייל קיינער וויל קיין שטיוועל אין מיסט אריין נישט שטעקן... עס טרעפט זיך, עס פאַלט אַמאָל אַרויף אַ שכּור, שלאָפט ער זיך אויס — וְאִינְנוּ! מען ציטערט נאָר פאַר די שמאַטשאַרקעס!... דאָס איז אַמאָל אַ לוסטיג פאָלק געווען, גאַנצע שיך אוועקגעוואָרפן, היינט קלייבן זיי שטיקלעך און טראָגן זיי צום שוסטער! אָט, דעריבער טאַקע באַגראָבן זיי זיך טיף און טיפער אינ'ם בערגעל מיסט... און טיף אין מיסט איז וואָרעם און דושנע... די אַלטע אָפּצאַסן און שטיקער פּשישווע קריגן אַביסעלע היץ און פּלוידערן פון וועג, און אַז מען ספּלאָוויעט דאָס מיסט אין קאַנאַל אריין, חלום'ט זיך זיי — גלגול מחילות... און זיי וואָלטן אַזוי גליקליך חלומ־דיג דערפוילט זייערע יאָהרען, ווען נישט דער שטן — דאָס מחלוקת... זיי האָבן קיין אחדות נישט אין מיסט: פּשישווע מיט קנאַפּעל ווילען זיך נישט קענען, צוויי אָפּצאַסן פון איין שטיוועל בלאָזן זיך אודאי — דער רעכטער שרייט, אַז ער איז דער רעכ־טער, און דער לינקער — אַז ווען פיס זאָלען תפילין לעגען, וואָלט ער געהאַט בלויע צייכען פון דער רצועה! פון פאַרשידענע שטיוועל איז פּונקט איינער אַ שפּיציגער פראַנצויז און דער צווייטער אַ פלאַך־שטייפער ענגלענדער; אָט, טרעפן זיך שוין צוויי פראַנצוי־זען אָדער צוויי ענגלענדער, באַקוקט מען זיך אַ האַלבע שעה פון אַלע זייטען, און אַז איינער דערזעהט, אַז דער צווייטער איז מעהר אָפּגעשליפן, מאַכט ער פליטה פון קבצן. און דעריבער פוילען זיי אין דער מאַסע מיט מיסט, און דאָך איינזאַם און טרויעריג. יעדער פוילט, און יעדען חלום'ט זיך באַזונדער... און אַזוי שווימען זיי אָפּ זייער באַשערטען גלגול מחילות...

נאָר יעדען פרייטאָג־צונאַכטס, ווען דער חזן זאָגט „לכה דודי“ און זינגט: התנערי, מעפר קומי! דערפיהלען זיי אַ ציטער־ניש אין די ביינער און ווילען זיך אויפהויבען! נאָר יעדעס שטיק באַזונדער איז פאַרפוילט און אָהן כּח, און זיך צוזאַמענעמען איז נישט מעגליך...

און אַזוי פוילען זיי ווייטער משבת לשבת.

# אָבער דאַוונען מוז מען דאָך.

בערל שניידער האָט קוים דערלעבט זיין זוהן, דער דאָקטאָר, וואָל צוריק אהיים קומען. אין דער היים וועט ער האָבען פּראַקטיקע, מען וועט שוין קרענקען!

געקומען איז דער זוהן פרייטאָג, און שבת וויל איהם דער פאָטער מיטנעמען דאַוונען.

— איך וועל נישט געהן, טאַטע! — מאַכט דער דאָקטאָר...

— וואָס, שעמסט דיך מיט מיר צו געהן?

— גאָט באהיט, טאַטע, וואָס פאַלט דיר איין...

— אָבער, אז מען איז א דאָקטאָר, מיינסט דו, דאַרף מען שוין נישט גאָט בעטען, גאָט לויבען?...

— נישט דאָס, טאַטע...

— וואָס דען? זאָג! ביסט אפשר מיר, חס ושלום, נישט געזונט.

— ניין, טאַטע! נאָר געהן וויל איך נישט.

— איך בין א בעלן צו וויסען פאַרוואָס.

— נו, אדרבא, זעץ דיך, טאַטע, איך וועל דיר זאָגען פאַרוואָס.

דער אַלטער לעגט אוועק דעם טלית און זעצט זיך.

— נו, זאָג אדרבא, לאָמיך אויך פאַרשטעהן א זאַך!

— גוט... שטעל דיר פאָר, טאַטע, אז דו ביסט רייך, אזוי רייך, אז עטליכע רובל מאַכען ביי דיר גאָרנישט אויס...

דער פאָטער זיפצט אָפּ. כדי פון זוהן א דאָקטאָר צו מאַכען, האָט ער זיך איבער'ן קאָפּ פאַרזעצט. א הייזעל האָט ער געהאַט — אויס הייזעל, קאַמאָרינע זיצט ער, די מאַשינען אויך פאַרקויפט.

— נו, — מאַכט ער, און זיפצט שווער אָפּ.

— אלזאָ, די ריסט רייך, און קעגענאיבער דיר וואוינט אן

אלמנה, א שוואכע, א קראנקע אלמנה, לאז נאך זיין מיט קינדער און מען דארף זי שטיצען.

— וואלט איך אודאי געשטיצט!

— גאר, צי וואלסטו געווארט, ביז די אלמנה זאל דיך קומען בעטען, חלש'ען פאר דיר, אויסגיסען ביכען טרערען?

— חס־ושלום? נאך וואס? אז איך ווייס...

— און גאט — וואס איז ער, בעסער אדער ערגער פאר דיר?

— וואס רעדסט דו, א שאלה דאס איז!

— נו, טריאומפירט דער זוהן דער דאקטאר, אז גאט איז בעסער, ווייס ער אליין, וואס אן ארעמער, שוואכער און קרענקליכער מענש באדארף, און וועט נישט ווארטען, מען זאל איהם בעטען...

— אבער...

— גאט לויבען, מיינסט דו?

— זאל זיין...

— נו, טאטע, ווי וואלט דיר געפעלען, עס זאל זיך דיר עמיץ אנטקעגען שטעלען און לויבען אין די אויגען אריין: א וואוילער שניידער, א גוטער שניידער, אן עהרליכער שניידער, אבער וואס הייסט א שניידער! גאר אן אמת'ער שניידער! אן איינאיינציגער שניידער!

— אך, — מאכט אומגעדולדיג דער אלטער, — די גרינגע גאל געהט זיך אן!

— און ווייסט דו פארוואס? ווייל דו ביסט קיין נאר נישט, זאלסט הנאה האבען פון נארישען לויבען. און דו ביסט א מענש, א שוואכער מענש, וואס שענדען קאן דיר שאטען, און לויבען העלפען...

— אבער...

— קיין אבער! טאטע, קיין אבער! גאט איז קליגער פאר אונז, און ער, מיינסט דו, דארף אונזער לויב! ער דארף מען זאל זיך דריי מאל אין טאג אנידערשטעלען: א גוטער שניידער, א וואוילער שניידער —

— וואס רעדסט דו...

— נו, זאָל זיין: אַ גוטער גאָט, אַ וואוילער גאָט, הימעל און ערד באַשאַפען... צי וויים ער נישט בעסער?

דער אַלטער פאַרטראַכט זיך אַ רגע און כאַפּט זיך אינמיטען אויף:

— אַלץ ריכטיג, — זאָגט ער, — אָבער ד א ו ו נ ע ן מוז מען דאָך!

# דער גולם.

גרויסע לייט פלעגען אמאל באווייזען גרויסע נסים... אז מען איז אין פראג אמאל באפאלען די געטא און מען האט געוואלט מטמא זיין די ווייבער, אפבראטען די קינדער און אויסקוילען די רעשט; אז עס איז שוין געוועזען „כלו כל הקצין", האט דער מהר"ל אוועקגעלעגט די גמרא, ארויסגעגאנגען אין גאס, צוגעגאנגען צום ערשטען בעסטען בערגעל ליים פאר א מלמד'ס טיר, און האט אויסגעקנעטען א ליימיגען גוף. — דעם גולם האט ער אריינגעבלאזען אין דער נאז — און דער האט זיך אנגעהויבען ריהרען; דערנאך האט ער איהם איינגערוימט אין אויער אריין א שם, און אונזער גולם איז ארויס פון געטא. — דער מהר"ל איז צוריקגעגאנגען אין בית־המדרש אריין לערנען, און דער גולם איז באפאלען אונזערע שונאים, וואס האבען די געטא באלאגערט, און האט גערדראשען, ווי מיט צעפעס... מענשען זענען געפאלען, ווי די פליגען!

פראג ווערט פול מיט הרוגים... אזוי האט עס — דערצעהלט מען — געדויערט מיטוואך, דאנערשטאג; עס איז שוין פרייטאג, עס שלאגט שוין צוועלף דער זייגער, און דער גולם טוט אלץ ווייטער דאס זייניגע.

— רבי! — האט זיך קהל געבעטען, — דער גולם הרג'עט אויס גאנץ פראג! עס וועט נישט בלייבען, ווער עס זאל שבת די אויוועז הייצען, די לייכטער אראפנעמען!

דער מהר"ל האט ווייטער מפסיק געוועזען פון לערנען, געשטעלט זיך צום עמוד און אנגעהויבען „מזמור שיר ליום השבת"!

דער גולם האט אויפגעהערט צו טון זיין מלאכה. ער איז צוריקגעקומען און געטא, אין ביהמ"ד אריין, און איז צוגעגאנגען צום מהר"ל. דער מהר"ל האט איהם ווייטער עפעס איינגערוימט אין אויער; עס האבען זיך דעם גולם די אויגען צוריק פארמאכט,

די נשמה איז פון איהם ארויס און ער איז צוריק ליימיגער גולם געווארען...

דער גולם ליגט עד היום באהאלטען אין פראגער שול אין דער הויך, באדעקט מיט'ן שפינוועבס, וואס וועבט ארוים פון אלע פיער ווענט, און פארשפרייט איבער דער גאנצער ארקאדע, עס זאל איהם, דעם גולם, קיין אויג נישט זעהן, בפרט טראגענדיגע ווייבער פון עזרת־נשים! דעריבער טאקע טאר מען דאס שפינוועבס נישט ריהרען, און ווער עס ריהרט דאס אן — — שטארבט... די עלטסטע מענשען געדענקען שוין נישט דעם גולם, נאר דער חכם צבי, דעם מהר"ל'ס אייניקעל קלערט נאך: צי מען מעג אזא גולם מצרף זיין צום מנין אדער צו מזומן...

דעם גולם, זעהט איהר — האט מען דאך נישט פארגעסען... ער איז דא! נאר דער שם, ווי אזוי מען זאל בשעת הדחק דעם גולם לעבעדיג מאכען, דער שם איז ווי אין א וואסער אריין! און דאס שפינוועבס וואקסט און וואקסט און מען טאר עס נישט ריהרען. — טו עפעס!

# ביי די פרעש צו גאסט.

קליין איז דאס געמויזעכטס, קלענער פאר מאנטע־קארלא, עט־ליכע מנינים פרעש אינגאנצען, און איך האב עס ליעב. דאכט זיך, וואס? קווא און קווא? און קווא איז וואסער, דערצו נאך — אומ־ריין וואסער. עס דאכט זיך אבער נאר אזוי. הערט אייך גוט איין צום קווא, וועט איהר געוואר ווערען שאטירונגען, מאדולירונגען, הונדערטער קווא־וואריאנטען; עס צושפרייט זיך, ווי פונקען פון אונטער'ן האמער, אויף טויזענטער באדייטונגען.

פאראן קווא — פלעביסציט! דער גאנצער זומפ, אהן אונטער־שיד פון גלויבען, נאציאן, געשלעכט און אפילו אלטער. ווערען קלוג געבוירען די פרעש! פאראן קווא—מארסעליעזע: פרעש גע־הען אויף א באסטיליע, פאלען ווי די פליגען... פאראן א תשעה־באב'ער און א יום־כפור'דיגער קווא... און א שווערער קווא, נאך ציבעלעס, קאשע, קוגעל, פלייש, עס גרעבצט: „רבקה, קום, רבקה..." און א קווא פראנק, פראנק, לייכטזיניג־קנאקענדיג: „מארגאריטא, פארוואס האסטו מיך נישט ליעב?" הייסט עס. — און א קווא צום הימעל ארויף, צום בורא עולם, א שבח און א דאנק פאר'ן היימיש־ליעב־ווארעם פאטערלאנד, לעבען זאל עס! עס איז דען צום אויסרעכענען...

און דאס קליינע פאטערלאנד פון פרעש, מיט דער אפיציע־לער קווא־שפראך און קווא־מוזיק, ציהט מיך גאנץ אפט צו זיך. דערהויפט זומער פארנאכט. אין שטאדט ווערט מען דערשטיקט. דערשלאגען פון גאסען־גערוד, מיט שוויים און שלעכטע פערמוכע־געמישט: דער בלענד פון שילדען. שוי־פענסטער און ברענענדיגע, זינד־ און הונגער־ברענענדיגע אויגען, פארטויבט פון רעדער און שפיל־קאסטען — —

איהר ווייסט, וואס שפיל־קאסטען זענען? איהר מעגט וויסען,

און זאָגען וועל איך אייך: שאַרמאַנקעס, קאַטערינקעס, אָדער ווי מען רופט זיי... נגונים זענען אריינגע'כשופ'ט אין זיי: פון „מאַר־גאַריטאַ, פּאַרוואָס ווילסטו מיך נישט קושען“, ביז „לא אבדה תקותנו“!... און א שפּאַלט האָט דער קאַסטען, פון א קופּערנעם צעהנער די גרויס, וואַרפסט אריין און — וואָס דו ווילסט!...

אנטלויף איך, קוים לאַכענדיג, צום געמויזעכטס...

זעץ מיך אויף דעם ראַנד פון קליינעם פאַטערלאַנד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שעהן זענען די פרעש. סאַמעטען, גלאַט־גרין־גלאַנצענדיג די הויט. דער עיקר אָבער זענען די דריי מעלות, וואָס עס האָבען די פרעש:

1) זיי ווערען אין הייבעלעך געבוירען; שוין אזא מזל.

2) טוישען אַלע פיער וואָכען די הויט; ברויכען קיין ווייסע וועש, און — גאָטס גנאָד!

3) די באַוועגליכקייט פון דער אונטערשטער ברעם ביי פרעש! געשיהט אַן עולה אין זומפּ — אין פאַטערלאַנד, א ציה ארויף די אונטערשטע ברעם; בעסער ווי א שלאָף־מיץ איבער די אויערען! נ י ש ט געזעהן, ג אָ ר נישט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און א באַקאַנטע האָב איך אין זומפּ, זעהר אַן אינטערעסאַנטע. שעהן — ווי נאָר א פראָש קאָן זיין און דערצו — קלוג! אחיתופל אַמאָל, ביסמאַרק ערשט נישט לאַנג — סטאָליפּין היינט, קיין פאַר־גלייך.

— אַלץ — זאָגט זי — איז זומפּ.

קהלת האָט געזאָגט: אַלץ איז נאַריש; זי — אַלץ איז בלאָטע. אַלע לעבען אין בלאָטע. ציהען חיונה פון בלאָטע — געמויזעכטס...

— און די פיש! — פרעג איך אַמאָל.

— טריב וואַסער! — מעהר אָדער ווייניגער קוים...

— זי האָט — זאָגט זי — דאָרט אויך מחותנים.

— און פייגעל?

זי האָט אפילו קיין ישוב נישט; גלייך דער שכל ליגט איהר באַלד אויפ'ן שפּיץ צונג:

— לעבען אין דער לופט? און וואָס איז לופט? נים אין

מרחץ וואסער אויף די שטיינער, ווערט פארע — לופט... שטעל זומער א שיסעל וואסער אויפ׳ן פענסטער, ווערט לופט...

געלערענט פיזיק!

— און די סאלאמאנדרע?

פארגלייסט זי שוין די אויגעלעך:

— ערשטענס, — זאגט זי — איז אפשר איהר נאטור אזוי, צווייטענס — זיך צוגעוועהנט, און דריטענס — איז עס איינגאנצען א לעגענדע...

און טרילערט צו: קווא—קווא—קווא! וואס האט געהייסען אויף אונזער לשון:

בלאטע, בלאטע, בלאטע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מאדאם פראש — זאג איך איהר אמאל — איך וויל דיר דערצעהלען א מעשה׳לע!

— דערצעהל!

און א געטליך־פאר׳כשופ׳טער שמייכעל צולעגט זיך איבער׳ן גרין־גלאנצענדיג־סאמעטען פנימ׳ל.

— און אויב — גיט זי צו — עס וועט נישט זיין צו נעבעלדיג־מאדערן, וועל איך עס איבערדערצעהלען צום דרוקען דעם הויפט־רעדאקטאר פון זומפ־הויפישען מאניטאר.

— איך וויים נישט... עס וועט, דאכט זיך, שמעקען מיט קבלה...

זי פארקרימט זיך, ווי נאך א לעק ציטרין און מאכט רע־זיגנירט:

— נו...

— א מעשה מיט א מיידעל א קאליקע...

נאך א פארקרים.

— אבער א זעלטענע קאליקע. זי קאן די אונטערשטע ברעם נישט אראפלאזען, פארשטעלט איהר א האלב אויג...

— נו?

— זעהט זי נישט, וואס עס טוט זיך נידעריגער פאר׳ן אויג. קאן, אויף קיין פאל, נישט קוקען אראפ. די אויגען זענען שטענדיג, פון געבוירענהייט אן, באוועגט ארויף, נאר אין דער הויך ארויף...

— או — פע! — כאפט זיך די דאמע ארוים, — אזוינע

מוז דאַך האַלטען אין איין פּאַלען... זעהט דאַך גישט, וואָס אונטער די פּיס טוט זיך.

— עבען... און עס איז זי זעהר שווער געווען אויסצוּלערנען געהן... וואַקעלט זיך, פּאַלט, ווי איהר זאָגט. ערגער איז אָבער געווען דערמיט, וואָס זי האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זעהן און צו דערקענען איהר יונג הויזגעזינד, שוועסטערלעך און ברידער־לעך...

— אַסך געווען?

— נישט געצעהלט... שפּעטער, אַז זי וואַקסט אויף, זעהט זי שוין נישט די עלטערע, אפילו ניט פאָטער און מוטער...

— ע! — רופט אויס די דאַמע און איג'ם „קוואַ" — קלינגט עטוואָס שרעק, עטוואָס באַדויערען און דראָהען...

— און די עלטערען, און אַלע קרובים ארום זענען בייז: „האַלט זיך גרויס און פּאַרשייט", זאָגען זיי, „זי וויל אונז נישט זעהן!"

— האָט מען זי בייגאַכט, אין דער שטיל — דערוואַרגען?

— ניין, מען האָט געפּרואווט זי שיקען אין שול אריין. דעם לעהרער וועט זי דאָך זעהן! אַ הויכער, זיצט אויף אַ קאַטעדרע!

— און זי האָט'ן געזעהן?

— אַ קורצע צייט. דערנאָך — נישט אַ האָר; גראָד גאַל־קעפּיג געווען אויך... האָט ער איהר געגעבען איבער די הענט. האָט זי געשריען, האָט ער זי ארויסגעטריבען, איז זי אנטלאָפען — —

— אַהיים?

— זי האָט מורא געהאַט, מען זאָל זי, בייגאַכט, אין דער שטיל, נישט ווערגען. — אין דער וועלט אריין!

הינטער דער שטאָדט האָט זי אין דער לופט פייגעלעך דער־זעהן... אַ מאַסע...

— פייגעלעך, פייגעלעך, נעמט מיך מיט!

זיי האָבען קיין צייט נישט, און קאָנען אפילו נישט ענט־פערען. פליהען צו די נעסטען, צו די קינפּעטאָרינס אין די נעס־טען, פול ווערעמלעך אין מויל... פליהען זיי אַוועק שטילשווייגענ־דיג... קומט אָן צו פליהען אַן אָדלער...

— אַזוי?

אַן אָדלער מאַכט שטענדיג אַן איינדרוק, אַ לופטיגער רינאַל־דאָ־רינאַלדיני...

— אדלער, אדלער, נעם מיך מיט!

— אויך קיין צייט נישט געהאַט? אויך צו דער נעסט?

— ניין, דער אַדלער איז אויך עפּעס עלענד געוועזן... איינער אליין אויף א הויכער, מיט א וואלקען ארומגעגארטעלטען פעלז האט ער געוואוינט...

— פון יענער הויך — זאגט ער איהר — זעהען אויס, די אלע, וואס געהען דא, אויף פיער צי אויף צוויי, ווי מילבען...

— איך האב פיינט מילבען — זאגט דער אדלער, און ער טוט עס...

— און ס'איז געווארען א לעבען! און איינס פון צווייטען פארהעלט נישט, באהאלט נישט, האט קיין סודות נישט — א זיס לעבען?

— נישט שטענדיג...

כל־זמן דער אדלער פליהט און רעדעלט איבער איהר קאפּ, זעהט זי איהם... ליעבט זי איהם... דארף ער פרנסה —

— לאזט ער זיך אראפּ? א ו י ב ע ן נישט פאראן?

— עבען... פארלירט זי איהם פון די אויגען — —

א שטאדט־זייגער שלאגט פּלוצלונג: אכט.

— פארדאן, — בעט מיך איבער די דאמע אין מיט מעשה'לע. זי האט א קאנצערט אויף ארעמע לייט אין זומפּ, שטעהט ביי די אפישען און „ציור“ — זי איז שוין דערינגען...

און איך לאז מיך צוריק, מיד, פארדראסען און זויער, אין שטאדט, אין שטוב אריין, ווארף מיך אויפ'ן בעט. עס שלאפט זיך יא, עס שלאפט זיך נישט. און בילדער, אהן מיין ווילען, אהן מיין וויסען כמעט, שלאגען, יאגען זיך, רייסען זיך, — ווייסט איין גאט, ווי אזוי... שוויים, פערפומעס, זינג־ און הונגער־אויגען, געמויזעכטס, שפּיל־קאסטען... און ס'ווילט זיך אזוי אנטלויפען פון דעם אלעם —

# פען דע סיעקל*).

**א בלוי** זיידען פּרוכת, וואָס מיר רופען „הימעל“, טיילט אָפּ **א י י ן** וועלט פון דער **צ ו ו י י ט ע ר.**

**א י ב ע ר ' ן** פּרוכת איז סאַמע „רוחניות“ — הוילע גייס־טער; קיין „גוף“ און קיין „כח בגוף“, קיין שטויב פאַר א מיליאָן!

**א ו נ ט ע ר ' ן** פּרוכת איז פאַרקערט — סאַמע עפר ואפר, סאַמע זומפּ, סאַמע ערד. צי עס האָט זי דער האַמער, וואָס שמידט אוים די וועלטען, צוזאַמענגעשלאָגען אויף פּעסטע, מאַסי־ווע, איינגעשפּאַרטע, פינסטערע שטיקער, צי ער האָט זי מיט א זעץ צושטויבט און צושפּריצט, און זיי פליהען אַרום פראַנק און פריי אין די לופטען אין דער הויך — בלאָטע בלייבט בלאָטע!

„פון חזיר־האָר קאָן מען קיין שטריימעל נישט מאַכען“ און אויפ'ן פאַרשימעלטען זומפּ וואַקסען תאוות, ווי די הונטס־שוואַמען.

און דאָס בלוי־זיידענע פּרוכת איז די גרענעץ צווישען ביידע וועלטען, און די זון, די לבנה מיט אַלע שטערען — סיי די גאָלדענע, סיי די זילבערנע — זענען די יעגער, וואָס היטען די גרענעץ, וואָס לאָזען נישט אַרויף קיין שטויב פון דער בלאָטיגער ערד.

און וואָס געשיהט, אַז עס הויבט זיך טיילמאָל אויף א שטויב צו הויך און וויל דוקא אין הימעל אַריין?...

טייל זאָגען, אַז דער „עזות־מחוצף־פּנים“ ווערט פאַרברענט.

---

*) פען־דע־סיעקל — דער סוף פון יאָהר־הונדערט (היינט—פון ניינצעהנטער), און ווייל דער געבילדעטער ניינצעהנטער יאָהר־הונדערט האָט זיך גאָר צום סוף איבערגעדרעהט און איז פרום־אַנטיסעמיטיש גע־וואָרען, דעריבער, וואו מען זעהט א אָפּגעלאָזטקייט, א מידקייט, א שגעון, א נאַרישקייט, א ווילדקייט, א וואָס עס איז נישט געוועהנליך — זאָגט מען: „פען־דע־סיעקל“, דאָס ברענגט אַלץ דער „סוף פון יאָהר־הונדערט“.

און אנדערע, אז ער ווערט אין פייער גערייניגט און — ארויסגע־לאזט...

איבער'ן פרוכת איז — ווי געזאגט — סאמע רוחניות.

רוחניות איז דער הימעל — גאטס פאלאץ.

רוחניות — די מלאכים, זיינע לאקעען, די זאנפט־ליכטיגע — ווי די היים ברענענדיגע...

גייסטיג איז אויך אלץ אינ'ם פאלאץ פון כסא הכבוד, וואס פארבלענדט מיט טויזענטער זונען, ביז'ן פארשעמטען טעלערל, וואס שטעהט אינ'ם טונקעלסטען ווינקעלע...

גייסטיג זענען אויך אלע טויזענטער קלייניגקייטען, וואס זע־נען צוואווארפען ביים „זעיר אנפין" אויפ'ן טיש.

און — איך וויל אייך אויסזאגען א סוד — פון א קורצע צייט קומען אט די קלייניגקייטען אונזערע נשמות ארויס.

איהר פרעגט, וואו עס איז אהינגעקומען דער אוצר הנשמות?

ער איז דא!

דאס איז א מאגאזין מיט טויזענטער, טויזענטער מינים סחורה — געמיינע, בעסערע, גוטע, גאר גוטע, סופער־פען, נעק־פליוס־אולטרא און גאר דאס אויבערשטע פון דער סמעטענע.

איי, איי, וואס פאר א טייערע נשמות עס זענען דארט פא־ראנען!

למשל: נשמות עליונות!

אז אזוינס כאפט זיך אראפ אויף דער וועלט, פליהט עס ארום אין גאטס וויינגארטען, ווי — להבדיל — א ביהן, און זויגט אויס דעם האניג פון אלע בלומען, אדער (ווי די געלעהרטע זאגען) „די לאגיק פון די פאקטען!": אין אלץ וואס עס געשיהט, דערזעהט עס נישט נאר א שכל, טיילמאל אפילו א יושר. און עס איז בטבע אזא גוטע בריאה, אז, קוים דערטאפט עס דעם יושר, פאטשט עס בראווא, און ארום שטעהט אן עולם מיט אפענע מיילער און פאטשט נאך!

געניאלע נשמות, אדער — ווי די לשון־קודש שרייבער זאגען: „גאונים" — דאס זענען אזוינע לייט, וואס געהען פאר'ן פינסטערען פאלק ביינאכט, ווי א פייערדיגע זייל, פאר דאס זענען זיי רויכיג און וואלקענדיג בייטאג. נאר סיי ווי סיי האבען זיי די זכיה — צו פיהרען די דורות איבער דעם מדבר; ווי אמאל דאס פעבעל

נישט געהן, הונגעריג און מיד פון שווערען זאמד, כאפט עס א גע־ניאלע נשמה אן ביי די האר און שלעפט.

עס טרעפט זיך אויך פארקערט: דאס פעבעל ווערט בייז און כאפט אן די געניאלע נשמה ביי די האר אוןווארפט זי אין א לייבענגרוב, אין א קאלד־אויווען, אדער אזוי אין א בלאטע אריין; נאר דאס מאכט נישט אויס, אזוי איז דער גאנג איבער דעם מדבר!

אט די עדלע נשמות — דאס זענען אזוינע גאלדענע גאר קליינע פליגעלעך; זיי לייכטען נישט, זיי ווארעמען נישט, נאר שעהן זענען זיי און אין דער פינסטער צולאזען זיי זיך, ווי פונקען איבער׳ן דאך פון א שמידעריי...

אין טייל נעכט איז מען יוצא מיט זיי פאר שטערען, בעלי־בתים זעהען זיי און לעגען זיך אויס אויף׳ן גראז, מאכען צו די אויגען און זעהען די שענסטע חלומות.

דאמאלט ווערט זיי לייכט און ווייך אויף׳ן הארץ, זיי וואלטען די גאנצע וועלט געהאלזט און געקושט, א י י ן העלפט אודאי.

אינטערעסאנטער נאך זענען די אריגינעלע.

אזא בריאה האט א געוועהנליכע הויט, אן איינפאכע נאז, פראסטע אויערען, אלץ, ווי גאט האט פאר אלע באשאפען, נאר אינעווועניג — אביסעל פארקנוידערטע נערוועו.

אזא נשמה זעהט דעם קול פון טראמפייט, הערט דעם טעם פון האניג, פיהלט דעם ריח פון לבנה־שטראלען און קאן אנטאפען דעם שאטען פון א לאנג געשטארבענעם מפיל־קינד!

תמוז באדעקט זיי גאנץ אפט א גענזענע הויט פאר קעלט, און אינמיטען ווינטער שוויצען זיי פאר היץ, און א גאנץ יאהר עסען זיי ווערמוט פאר האניג שטאק.

דער פראסטער עולם זאגט: משוגע! נאר מענשען, וואס פאר־שטעהען, זאגען: הע! הע! וואו נעמט מען אסך אזוינע!

עס זענען נאך פאראנען האר־שפאלטענדיגע, שארף־נאדעל־שפיציגע נשמות.

זיי גנב׳ענען ארויס ביי דער שטיפמוטערישער נאטור אלע סודות, מאכען זיך אויף זיי פאטענטען און פיהרען זיי ארויס צו פארקויפען אויפ׳ן וועלט־מארק...

היינט — נשמות ראקעטען!

דאס זענען אזוינע נשמות, וואס בליצען אויף, פליהען פיי־

פענדיג דורך אין דער לופט און ווערען פארברענט, אפילו מיט ווע־ניג נוצען, נאר פאר דאס מיט גרויסער פראכט! און — וואס פאר בראווא זיי קריגען!

איהר זעהט, אז איך לייקען נישט אין אוצר הנשמות: פאר־קערט — איך בין מודה, אז ווער עס קריגט אזא נשמה, גלייך פון אוצר ארויס, נישט קיין גלגול, וואס האט זיך שוין ארומגעוואל־גערט אין אן אקס, א טכויר, און גאט ווייסט וואס נאך פאר א חיה — אז דער, וואס קריגט אזא נשמה דירעקט, איז א מענש; א מענש, וואס, ווי עס איז, אנטלויפט ער נישט פאר זיך אליין, שעמט זיך נישט מיט'ן אייגענעם פנים און באהאלט עס נישט אין בלאטע, שעצט זיין קורץ לעבען און פארשפילט עס נישט אין דריידעל, צי אין קארטען!...

יא, עס זענען אמאל געווען בעסערע צייטען!

דער אוצר הנשמות איז געשטאנען אפען, פראנק און פריי! אויפ'ן טיש איז געלעגען דאס גרויסע בוך פון הוצאה והכנסה, און דער מאגאזינער, — דאמאלט נאך א יונגער מלאך, מילך און בלוט, — האט געשריבען און געשריבען: נשמות אריין, נשמות ארויס.

רעכטס פלעגען ארויספליהען פרישע ווייסע טייבלעך מיט פע־דערלעך, ווי שניי, און לינקס פלעגען אנקומען אביסעל אונטער־נעברודיגטע, מיט מאטע אויגעלעך, איינגעבויגענע קעפלעך און אביסעל אויסגעציפטע פליגעלעך. און דורך א רעהר האבען זיך גע־הערט די באפעהלען פון זיבענטען הימעל, איין באפעהל נאכ'ן צווייטען: א נשמה — לק"ק רייזעוועז, דריי — לכרך טישוויץ, זעקס — קיין האציפאלאץ, א האלב שאק — קיין טייוועלסקוויט, אמאל א נשמה קיין ווארשוי אויך... און נאכט אויף נאכט פלעגט ארויס א טראנספארט נשמות...

היינט איז די ראסע א פיזישע זאך; די פייכקייט אין דער לופט, ווייסט מען, זעצט זיך אפ אין געשטאלט פון טראפען, אויף די אפגעקיהלטע בלעטער און גראזען, און דאס איז דער טוי.—

דאמאלט איז עס טרערען געווען, טרערען פון די פרישע נשמות, וואס האבען אינ'ם פליהען די פינסטערע ערד דערזעהען, און האבען זי פאר שרעק מיט די טרויעריגע פערעל פארזייהט...

און אלע האבען דאמאלט געקריגען נשמות און אמת'ע נשמות, פונ'ם רב ביז'ן בעדער. נאך איידער א מלמד'ס פוס האט אנגע־

ריהרט די קאלטע פארלאגע, האט זיך שוין א מלאך, מיט א נשמה־לע אונטער׳ן ארעם, אויסגעגלייכט די ווייסע פליגעל, געמאכט זיך גרייט אין וועג אריין...

ליידער, — אמאל איז געוועזען!

היינט איז דער אוצר פארהאמערט, די וועגען אריין און ארויס באוואקסען מיט גראז...

אינעווייניג זיצט דער אייגענער מאגאזינער, נאר ער האט שוין אן אנדער פנים. א קיילעכדיגע לבנה אויפ׳ן קאפ, אן נאכגעלאזטע אונטערשטע ליפ און א ציטעריג שיטער גרוי בערדעל... מיט מע־שענע ברילען, פארדוקט אויפ׳ן פארמעטענעם שטערן, זיצט ער און דרימעלט; נעמט ער אמאל די פעדער אין דער האנט, רייניגט ער אויס מיט איהר די שאקעלדיגע ציין...

פון צייט צו צייט הויבט אן א נשמה ערגעץ אין א ווינקעלע צו געגעצען, עס טוט נאך א צווייטע, א דריטע, עס גענעצט דער מאגאזין — דער מאגאזינער כאפט זיך אויף, מאכט א שטרענג פנים, עפענט דאס מויל אנצושרייען און — גענעצט מיט...

איך ווייס נישט, ווי אזוי עס געהער זיך אן ד י וועלט מיט י ע נ ע ר וועלט... צי איז י ע נ ע וועלט דער איידעלער אפגלאנץ פון ד ע ר, אדער ד י איז נאר א פארגרעבטע י ע נ ע — נאר „אוי־בען איז אויך פעו־דע־סיעקל“.

דאס פרוכת פון יענער צייט זעהט אויס, ווי א כמארע פאר א וואלקען־בראד, אנגעזאפט מיט שוועבעל... די שטערען זענען עהנליך צו די געלע מעשענע נעגעלעך אין אן אלט־מאדישער קאנאפע... די לבנה זעהט אויס, ווי א צינערנער פורים־טעלער אויף מחצית השקל... איין זון, וואס האט נאך א לייטיש פנים, נאר ווער זעהט זי?

פעו־דע־סיעקל שלאפט נאך מארפינע בייטאג און שלענדערט זיך ארום דערנערווירט ביינאכט אין אלע גאסען...

פעו־דע־סיעקל אין הימעל!

פויל־גרין אדער וואקסען־געל — זענען דארט די איינציגע מא־דערנע קאלירען... פויל אוועקמאכען מיט דער האנט, ווי אפצובוי־גען א פארעם שפינוועבס פון פנים, איז די איינציגע באוועגונג! ריהרען זיך אמאל א פאר בלאנעבלויע ליפען, איז „עט!“ דאס איינציגע ווארט, וואס ווערט פויל קוים אויסגעאטעמט...

טײלמאל הויבען זיך שװערליך אויף א פאר שיטערע ברעמען, עס באװײזען זיך א פאר מילכעדיגע לבנה'דיג־תם'עװאטע אויגען און קוקען זיך אום, נישט פארװאונדערט, נישט אינטערעסירט, איין גאט װײסט נאך װאס, און זײ פאלען באלד צוריק...

„נאך װאס לוינט צו עפענען דעם אוצר הנשמות!"

„און אז מיליארדען פונקען װעלען אריין אין דעם זומפ, װעט עמיץ ביי זייער גלאנץ א י י ן סעקונדע גליק דערזעהן?"

„און װאס העלפט עס, אז מען שיקט פון צייט צו צייט אראפ געניען? זיי קומען צוריק ריינע פורים־שפילער, באהאנגען מיט פאַפירענע מעדאלען און נאכשלעפענדיג מיט א גדלות די האלצערנע שװערטען!"...

„און אז איינער פארגעסט נישט זיין ראלע און קאפעט אװעק די פינסטערע װעלט פון ארט, — שלענדערט זי זיך צום ערשטען בעסטען שטיין אויפ'ן װעג און פארזינקט נאך טיפער אין דער בלאטע"...

„און שיקט מען זיי ליכטיגע נשמות, נשמות מיט אידעען, פארטװישען זיי די אידעען אויף איבערצייגונגען, אויף פריהער־פונקטען, װאו דער מח װערט געפרוירען און פארגלעזערט אויף אייביג און קאן שוין קיין אנדערע געשטאלט נישט באקומען"...

„פון די איבערצייגונגען װערען נייע שטיינער אויפ'ן װעג"...

אזוי טראכט דער פען־דע־סיעקל אין הימעל. —

און אז דער מלאך הממונה על ההריון קלאפט אן נאך א נשמה פאר'ן גרעסטען גביר'ס בן־יחיד װעגען, לאזט כביכול אראפ פארשעמט די הייליגע אויגען; ער פויקט װייטער אין דער שויבען־טיר, „זעיר אנפין" װערט אומגעדולדיג און װארפט איהם ארויס, װאס עס איז פון שטוב... װאס עס איז... װאס עס קומט איהם אונטער דער האנט, אונטער'ן פוס, קלייניגקייטען, װאס עס לאזט זיך לייכטער אנכאפען און ארויסשליידערען דורך טיר און פענסטער... און פון די קלייניגקייטען קומען ארוים קליינע, דראבנע נשמה'לעך! זיי זענען אפט גאנץ שעהן, טײלמאל אויך נוצליך, אפילו געלעהרט, נאר דראבנע... זיי זענען אזוי קליין, אז די גרויסע װעלט קאן אין די קליינע מחות נישט אריין... מען מוז זי קינסטליך שפאלטען אויף פעלקער, מדינות, פראװינצען, אפילו דערפער און שטעדט...

און יעדע שטאָדט און יעדעס דאָרף טיילט זיך ערשט אויף קלאַסען...

„דער זאַטער איז דעם הונגעריגען קיין חבר נישט!"

„ווייסע הענט און שווארצע הענט קאָנען נישט צוזאַמען כהנים דוכענען!"...

און יעדעס קליינע וועלטעל האָט זייַנע קליינע נביאים, דראַבנע פּאַטריאָטען, פּיצלעך פּאָליטיקער... ווייל דאָס איז אַלץ קליינינקייטען פון טיש אַראָפּ...

אָט — פון א פּרעספּאַפּירל ווערט א קליין בעל־בתי'ש טירענדעל איבער ווייב און קינד; ער קאָן נישט אנדערש!

פון א שנייץ פון א סטעריןְ־ליכט ווערט א מלמד, א לעהרער, א „פון דאַנען ביז דאַנען", וואָס רויבערט און קאָן קיינעם נישט ליכטיג מאַכען אין מח...

פון א האַנט־שערעל ווערט א רעדאַקטאָר, א ליטעראַט צי אַן אויסשניידער, פון א טיש־גלעקעל — א פּאָרזיצענדער פון א קליינער צדקה־חברה, מיט גרויסע וועטשערעס...

פאַלט אמאָל ארוים א צאָן־בערשטעל, ווערט פון יעדען האָר א דענטיסטקע.

איינמאָל (פאַרצעהלט מען אויף זיכער) איז אין הימעל א זייגער שטעהן געבליבען און דער אומרוהה איז ארוים דורכ'ן פענסטער; ער האָט זיך צושפּריצט אויף טויזענטער קהל'ם לייט, שתדלנים, מליצי־יושר, רעדעל־פיהרער, קליינע משיח'לעך... עס רוישט און קלינגט: טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק... עס דוכט זיך, מען טוט, מען געהט און מען ריהרט זיך נישט פון אָרט...

אפילו די געלעהרטע זענען אזוינע דראַבנע, פּיצלעך נשמה'־לעך, ווי די שפּילקע־קעפּלעך... יעדע זיצט זיך אין איהר ספּעציאַליטעט... קעניגט אין איהרע אַפּגעמאָסטענע פיער שפּאַן!

אַ, דאָרט קען זי אַלץ! יעדע שפּאַרע, יעדעס שפּעלטעל! דאָרט ווערט יעדער שטויב געמאָסטען און געוואויגען, באַשמעקט און באַטאַפּט, און פאַרזוכט! און אַלץ ווערט פאַרשריבען לזכרון — דער טעם און דער ריח און אפילו דער שאָטען, וואָס איין שטויב וואַרפט אויפ'ן צווייטען...

נאָך די פיער שפּאַן, איז זי אין א פרעמדער מלוכה אָהן א „בעדעקער" און אָהן א פּאַספּאָרט.

דארט איז זי בלינד און פלאטערט, און שלאגט מיט די פלי־געלעך, ווי א פלעדער־מייזעל אינמיטען שעהנעם העלען טאג!

דארט איז שוין א פרעמדע וועלט, דארט זיצט שוין אן אנדער שפּילקע־קעפּעל און גריבעלט, און טאפּט, און שמעקט, און מעסט אויס יעדען שאטען פון יעדען שטויב...

פון די קליינע פונקען קאן קיין פייער נישט ארויס, זיי קומען זיך קיינמאל נישט צוזאמען און דעריבער איז אזוי קאלט, אזוי נאס, אזוי גרוי און קויטיג די גאס, דער מח, דאס הארץ...

נאר פראקטישע מענשען זאגען, אז אזוי ד א ר ף זיין! אז קויטיג גרוי און בלאטיג איז — דאס לעבען, דער אמת, דער פאקט! אז וואס עס גלאנצט (און עס איז דערביי קיין גאלד נישט), נארט אפּ, וואס עס האט קאלירען, איז קינדער־שפּיל, זייפען־בלעז־לער, חלומות וויסטע...

און יעדער פראקטישער טאטע, איידער ער פארמאכט אויף אייביג די קלוגע, כאטש שוין האלב־פארשטארטע אויגען, כאפּט אן מיט דער ביינערינגער האנט דעם איינציגען זוהן און באשווערט איהם: הויב דעם קאפּ פון דער בלאטע נישט אויף! וועסט דיך נאר, חס־ושלום, פארקיהלען און דעם קאטער קריגען!

און דעריבער פאלט די הארצגעטרייע מאמע אויפ׳ן האלז פון דער בארעקטער טאכטער, און נעצט איהר דורך דעם שלייער מיט הייסע טרערען, און בעט זיך ביי איהר, און חלש׳ט: טאכטערשי, זאל זיך דיר אין לעבען נישט חלומ׳ען!

און דעריבער לעגט דער שטרענגער פראפעסאר דעם דארען פינגער אויף דער שארפשפּיציגער נאז און ווארענט די שילער:

— קינדער, היט אייך פאר פארבען!

און דער סטרוזש פון הויז בלייבט פון צייט צו צייט שטעהן אינמיטען הויף, אנגעשפּארט מיט דער גאמבע אויפ׳ן בעזעם, און קוקט צו די לאקאטארען אין די פענסטער אריין, צי גלאנצט נישט, חלילה, ערגעץ א שויב...

און די אלע פראקטישע, קלוגע מענשען, אויב זיי געהען ארויס אין מארק און טרעפען א מענש מיט שטראלענדיגע אויגען, לויפען זיי זיך צוזאמען א רעדעל און קאפּען הינטערוויילעכטס אוועק מיט די פיס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַט — איך ליג אַזוי און קלער און דאַ שפּאַלט זיך דער תּי־מעל און איך זעה, וואָס עס טוט זיך אין פּאַלאַץ ביים זעיר־אנפּין...

אַ מלאך פּויקט ווייטער אין פענסטער אַריין; ע ר ווערט, כביכול, בייז, כאַפּט אַראָפּ די קרוין פון קאָפּ און וואַרפט זי איהם פון פענסטער אַרויס...

און איך זעה, ווי כביכול, דער זעיר־אנפּין, איז געבליבען זי־צען אָהן דער קרוין, מיט אַ רויטען פּאַס אויפ׳ן געטליכען שטערן. — דאָס האָט איהם געמאַכט דעם שאַרפען ראַנד פון דער קרוין, — און אַ הייליגער טראָפּען שוויס איז אַראָפּגערונען פון אונטער׳ן רויטען פּאַס...

און ע ר, כביכול, האָט אָפּגעאָטעמט פריי און אַ הייליגער, דערבאַרמהאַרציג־גוטער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין געט־ליכען פּנים!

און דערווייל האָט די קרוין אויפ׳ן האַרטען קאָפּ פון מלאך געפּלאַצט... זי האָט געפּלאַצט און איז צושפּריצט געוואָרען... און טויזענטער, טויזענטער שפּריצען פון בריליאַנטען און רובינען, פון סאַפּיר און אָפּאַל זענען זיך צופלויגען פון דער געטליכער קרוין.

און עס זענען אַראָפּ אויף דער וועלט טויזענטער, טויזענטער נשמות פון די שפּריצען פון דער געטליכער קרוין! און זיי זענען זיך צופלויגען אין שטעדט און אין דערפער, אין פּאַלאַצען, הייזער, צעלטען און היילען! און וואו עס איז אַריין אַ שפּריץ פון דער געט־ליכער קהוין, דאָרט האָבען זיך געעפענט אַ פּאָר געטליכע אויגען.

און דערפון זענען אויפגעוואַקסען נאָר אַנדערע, אַנדערע מענשען...

מיט קלענערע מאָגענס נאָר פאַר דאָס מיט גרעסערע הערצער און מחות, און אין יעדען מח האָט זיך אָפּגעשלאָגען די גאַנצע וועלט נישט קיין דראַבנער חלק פון איהר... און די הערצער האָבען גע־שלאָגען פאַר אַלע, פאַר אַלע פון דער געטליכע קרוין נישט נאָר פאַר היימישע, פאַר אייגענע...

און איינער האָט דעם אַנדערען און נאָך בעסער זיך אַליין פאַרשטאַנען... און קיינער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געהיט, פאַר קיינעם נישט אַנטלאָפען און קיינעם נישט געיאָגט...

און עס איז ליכטיג און העל געוואָרען אויף דער וועלט, און איינער האָט אינ׳ם צווייטען דעם ברודער דערזעהן און דערקענט—

און א פאליציימאן איז ארויסגעגאנגען אין אלע גאסען מיט א פויק און האט גערופען: לערענט אייך, לערענט אייך! וואס איהר וועט דערקענען, דאס וועט איהר ליעב באקומען!

ליידער איז עס דערווייל נאר א חלום געוועזען!

# חוזק.

— איהר קענט חוזק'ן?

— אודאי!

— וואו געפינט מען איהם?

— וואו נישט? אין גאס, אין הייזער, אין שול, אין בית־המדרש, אפט זיצט ער תפוס!

— א שעהנער פארשוין!

— ער וועט דען שטארבען אויף זיין בעט?

— ווי זעהט ער אויס?

— ווי חוזק! הויט און ביין; א הויט פון פארמעט מיט לאַבענדיג־וויינענדיגע ווארצעל, האפטען און שראמען. אויגען האט ער אויך משונה'נע; זיינם א בליק קאן קיין בעל־בית'ישער מענש נישט אויסהאלטען. ליפען האט ער פארברענטע, דינע, צוזאמען־געפרעסטע. עס דאכט זיך, ער עפענט זיי נישט און דאך שיטען זיך איהם נאדלען פון מויל, אז עס שטעכט יעדען אין אלע אברים.

— ווי אזוי קליידט ער זיך?

— קרוע־בלוא: וואס קלערט איהר! א טוץ בגדים, נאר סאמע לעבער און חוזק שטארט פון אומעטום ארויס...

— פון וואנען לעבט ער?

— פון צרות, בויך־ צוין־ לעבער־ און הארץ־וועהטאג! פון וואנען זאל ער לעבען? אז א מענש איז א לא יוצלח! ער איז אפילו בקי אין די קליינע אותיות, נאר טויגען — טויג ער צו גארנישט. איידער מען האט איהם דערקענט, האט מען אויף איהם רחמנות געהאט, טאקע, א תלמיד־חכם, פארוואס נישט! האט מען איהם געמאכט פאר א מגיד. העלפט גאט — שטארבט א ראש־הקהל, א איד א גביר, א רעדעל־פיהרער, מאכט ער אזא הספד, אז דער גאנצער עולם איז שיער נישט צוקאַקט געווארען פאר געלעכטער; די

ווייבערשע שול האט געלאכט, איהר פארשטעהט? ! אז אזוי, אוים מגידות! מען מאכט איהם פאר א בדחן; מאכט זיך ווייטער א גביר'ישע חתונה, שי"ן אלף רו"כ נדן... איז ער אזוי משמח חתן כלה, אז מען ווערט צוגאסען פאר געוויין! און דער הספר איז דוקא וויינענדיג, דאס בדחנות לאכענדיג, נאר דאס פנים, די גרימאסען ברענגען ארוים פון די כלים. אז מען שמועסט א לא יוצלח! א פארשאלטענער מענש!

— פארשאלטען?

— אמת פארשאלטען. וואו ער ווייזט זיך, קומט אריין די קללה! ווייז אין קעלער ווערט זויער, מילך אין שטוב — גערונען, שעהנע מיידלעך און חנ'עוודיגע ווייבלעך ווערען נמאס ומאוס; פון בעלי־צדקות — שווינדלער, נישטען — פון די גרעסטע בעלי־בתים! פון גבאי'טעם — ר"ל, וואס עס ווערט! למשל—מען מאכט א חשבון פון צדקה־געלט, מתן בסתר, מאיר בעל־נס, אזוי א חברה, עס דארף זיין עודף! די פושקע האט א שלאס, די גבאים קאן מען פאר פיינע לייט, הוצאות זענען קליינע, הכנסות — די והותר. חוזק קומט אריין — פעהלט שוין דריי פיערטעל געלט! עס ווערט אונטער די הענט פארשוואונדען! וויל ער, ווייזט ער נאך זיינע שווארצע קונצען און געפינט דאס געלט ביים רב אדער ביים גבאי אין שטיוועל! אז ער איז דא, געהט אפילו אומגעצעהלט געלט לאבוד! וואו ער שטעקט אריין די נאז, איז אוים אמונה, אוים בטחון, אוים קרעדיט!

— ווי לאזט מען אזוינס אריין אין א אידיש הויז?

— מען לאזט טאקע נישט, ער גנב'עט זיך דאך אומעטום אריין... וואס קלערט איהר, מען היט זיך פאר איהם, ווי פאר פייער. דער רב אנטלויפט במטחוי קשת, דינים חלש'ן, בעלי־בתים'ס בייד בער טרייסלען זיך, ווי אין א פיבער, די גרעסטע משכילים פאר־געסען די צונג אין מויל, בעלי־צדקה לאזען די אויגען אראפ ווי די גרעסטע גנבים, און נשים — רחמנא־לצלן — זענען מפיל פאר שרעק! אפילו בתולות...

— פון וואנען קומט איהר צו דער סחורה?

— ווייסט איין בורא עולם! וואו מען זייהט איהם נישט, קומט ער ארויס! דא פון אונטער דער ערד, דא פאלט ער אראפ

פון הימעל, דא יאגט איהם אז דער טייוועל ערגעץ פון א זייט... ער אליין ווייסט נישט, פון וואנעט ער נעמט זיך.

— און איינער אליין?

— עלענד, ווי א שטיין! קיין קרוב, קיין גואל... און עס איז קיין וואונדער נישט: קיינער וויל זיך צו איהם נישט דערקענען. און ער אליין וואלט זיין אייגענעם טאטען נישט דערקענט...

— א כשוף?

— א כשוף!

# בוימער.

אין א ברייטע אלעע שטעהען ווי־זא־ווי צוויי בוימער. עס קומט דער פריהלינג מיט גאטס זעגען, מיט פריש לעבען, מיט בלומען, טוי און געזאנג... עס קומט דער פריהלינג און די טרויעריג־געבויגענע בוימער גלייכען זיך אויס. עס ווערט אלץ ווארעמער און ווארעמער; די שרעקענדיגע ווינטלעך בלאזען לייכטער, לוסטיגער און פרעהליכער; די זון ווערט מילד און פארשווענדעריש; גאנצע בונטען ליכט פליהען אין דער לופטען, די צווייגען ווערען גרין און גרינער, זיי צוזאוואקסען זיך אין אלע זייטען און ווערען מיט בליטען און בלעטער באדעקט.

און די רייכע גליקליכע בוימער בויגען זיך צו איינס צום צווייטען; עס מישען זיך אויס די צווייגען, עס האלזען זיך די בלעטער, עס קושען זיך די בליטען! פוןביידע דערוויטערטע שטאמען ביז דער קרוין טרייבט זיך ארויף די שפע פון לעבען און ליעבע, וואס האט זיי אצינד צוזאמענגעפארט!

גליקליכע בוימער! גליקליכע ליעבע! דער בלויער הימעל איז איבער זיי די חופה, די געפליגעלטע קאפעלע שלעפערט זיי איין מיט זיסע טרעלען, זיי חלומ'ט זיך אייביג גליק און פארגעסען זיך איינס אינ'ם צווייטענס ארעם...

---

עס בלאזט א קאלטער ווינט... עס פאלען אראפ די בליטען, און די נאקעטע בלעטער טוליען זיך דערשראקען איינס צום צווייטען... עס בלאזט נאך קעלטער... די פייגעל געזעגענען זיך טרויעריג און פליהען אוועק... זיי קאנען אהן ווארעמקייט און ליכט נישט

זינגען, נישט לעבען... עס בלייבען נאר קראנקע, וואס דער שניי וועט באגראבען...

דער הימעל באדעקט זיך מיט א גרויען וואלקען, עס הויבען אן פאלען די בלעטער; גאלע, טרויעריגע צווייגען כאפען זיך אויף פון זיסען שלאף, עס פארשווינדען די זיסע חלומות... זיי ציהען זיך איין, זיי ווערען קירצער און קירצער...

עס פאלט דער ערשטער קאלטער שניי, — די בוימער האבען זיך צוריקגעצויגען איינער פון צווייטען, זיי שטעהען שוין צוריק אפגערוקט ווייט מיט די שטאמען צוגלייך... זיי האבען שוין איינס דאס אנדערע פארגעסען... אט, שטעהען זיי שוין פרעמד, קאלט, קוקען אויף זיך מיט בייזע אויגען... און אונטען געהט א מערדע־רישע מלחמה צווישען די ווארצלען איבער א טראפען זאפט...

צי וועט נאך צוריק זומער ווערען?

— איך וועל איהם שוין נישט דערלעבען! — צאפעלט און נוסס'ט אן איבערגעלאזטע שוואלב אין שניי.

— קרא—קרא—קרא! — רופט לוסטיג די שווארצע גנב'טע, די קרא, עס וועט שוין קיינמאל קיין זומער נישט זיין — און לאזט זיך אראפ מיט'ן שארפען שנאבעל צו דער פארפרוירענער ערד.

— פהי! אוים זומער! בלאזט דער קאלטער ווינט...

# אויף דער גרענעץ.

ביי דער גרענעץ, צווישען יא און ניין, זיין און נישט זיין, האט זיך באגעגענט דער אוועקגעהענדיגער זומער מיט'ן קומענדיגען ווינטער.

— וואס זעהסט דו עס אזוי שלעכט אויס? — קריגט דער ווינטער רחמנות אויף זיין געגנער, וואס שטעהט פאר איהם מיט געבוויגענע פיס, מאטע, האלב־פארלאשענע אויגען און א פארמע־טען פנים.

— דו וועסט אויך נישט בעסער אויסזעהן! — ענטפערט דער זומער מיט א זיפץ.

— אלץ האט זיין ענדע, — פילאזאפירט דער ווינטער.

— דאס רעדעל דרעהט זיך, — שטימט דער זומער צו.

זיי שווייגען א ווייל, דערנאך פרעגט דער ווינטער:

— און דארט וואס הערט זיך?

— נישט רוהיג, — ענטפערט דער זומער, — נישט רוהיג...

— די בוימער?

— זיי אויך! דער שווארץ יאהר ווייסט זיי, וואס זיי סוד'ען זיך! טאג און נאכט נאר געשאקעלט זיך, געשושקעט. דאס פלא־טערען פון די לייכטזיניגע בלעטער געפעלט מיר אויך נישט; נאר, די ווערען אויך געפעהרליך, יד אחת, אפנים! אויך אין איין רו־דערען זיך...

— פוילען זאלען זיי! — רופט דער ווינטער.

און עס הויבט זיך אויף א ווינט און יאגט איבער דער וועלט... פון זיין אטעם ווערען די בלעטער טרוקען, פויל, און פאלען מיד אראפ פון די צווייגען... אויך דינע צווייגלעך פאלען. עס קנאקט. א שוואכער צווייג רייסט זיך אפ פון בוים, פאלט ארונטער און וואל־גערט זיך ארום אויף דער ערד מיט די פוילע בלעטער צוזאמען.

— און די טייכען? — פרעגט דער ווינטער.

— האלטען מיט! רוישען און מורמלען... זיי איז אויך ענג אויף דער וועלט... איין פאליע שטופט אונטער די צווייטע, איין וואל ברומט צו צום צווייטען: ריהרט אייך, ריהרט אייך! ארויס אויפ'ן זאמד, אויפ'ן פרייען זאמד, צום פרישען גרינעם גראז... ווער גרע־נעץ, וואס גרענעץ!

משוגעים... א פאליע וויל גאר ארויף אין דער הויך! מען שטופט זי אונטער, מען הויבט זי אויף די אקסעל... זעה, וואס דארט איז און דערצעהל...

טיילמאל זידט עס און קאכט, ווי א גיהנום...

— קייטען! — גיט דער ווינטער א באפעהל... און געשמידט ווערען די פרייע טייכען... פריהער ציהט זיך איבער זיי א דינע, קאלטע הויט, נאר זי וואקסט, די הויט ווערט דיקער און הארטער, דריקט אלץ צו, דערשטיקט אלץ... שטיל ווערט ארום... מען הערט שוין קיין רוישען, קיין מורמלען...

רוהיג, שטייף, טויט...

פייגעל פליהען אוועק פאר שרעק, עס ווערט נאך שטילער, טרויעריגער...

— און די אלטע מכשפה וואס מאכט? די ערד?

— זי לעבט... פוצט זיך... מאכט חנ'דלעך, רייסט אפ מענשען־אויגען פון הימעל, זיי זאלען בעסער קוקען אויף איהר שעהנהייט, אויף איהר חן...

— תכריכים! — באפעהלט דער ווינטער, און די ערד ווערט פארדעקט מיט ווייסע, ווייסע תכריכים און שטארבט אין זיי.

זי שטארבט אפ — אויף א צייט.

# האלט ס'מויל.

דער הימעל איז באדעקט מיט א בלייערען־בלויען וואלקען. דער ווינט בלאזט און שאקעלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאנגען די שארפע קאסע און איבערגעלאזט נאר עטליכע דערנער. די ערד איז גאל און וויסט... דער קאלטער ווינטער געהט!

ערשט דאמאלט האט זיך מיישב געווען א ר ו י ז, און האט אנגעהויבען ארויסשפראצען איינע אליין אויף א קרזשאק, אויפ'ן פרייען פעלד!

און שארלאך־רויט איז זי געווען, געציטערט און געצאפעלט שוין פאר קעלט. זי האט מיט אלע כחות אויסגעצויגען איהרע לאנגע, שוואכע בלעטלעך צו כאפען נאך א ווארעמען, נאך א ליכ־טיגען שטראל.

— אומזיסט! צו שפעט!

ערגעץ אנדערש איז איצינד זומער! ערגעץ אנדערש ערוואכט ערשט דאס נייע לעבען; נייע האפנונגען, נייע פרייד, נייע לוסט! ערגעץ אנדערש בליהען נייע, פרישע רויזען — אבער דא, דא מוז אלץ שטארבען...

דער ווינטער, דער מלאך־המות געהט! זיין אטעם איז פראסט, זיין הויך איז שניי...

—„אך, גאט! — וויינט די רויז — האב רחמנות אויף מיר! איך בין אזוי יונג, איך וויל אזוי לעבען! פארוואס באהאלט זיך פאר מיר די זון? פארוואס זאל מיך פאר דער צייט אונטערשניי־דען דער פראסט, פארשיטען דער שניי? וואס בין א י ך שול־דיג, אז איך בין צו שפעט געקומען, צו שפעט גערופען? פארוואס זאל זיך שטארבען גאר אומגעלעבט? פארוואס זאל איך אוועק־

געהן פון דיין וועלט אהן א שטראַל פון דער זון, אהן א ווארעמע, גוטע רגע?״

—„האלט ס׳מויל!״ — האָט א פייף געגעבן דער בייזער ווינט, און האָט פארשיט די וויינענדיגע בלום מיט שטויב און פוילע בלעטער...

— לעבעדיגערהייט האָט ער זי באַגראָבען! —

# ציריק־ציריק!

**(אן איבערזעצונג פון שוואלבען־לשון).**

עס איז געווען ענדע זומער, באלד נאכ'ן שפינוועבס, און צווי־שען — שוואלבען, ערגעץ אין א וואלד...

אין א וואלד, וואס האט אויפגעצויגען אזויפיעל בייז און קרי־כענדיגס לעבען, אבער אביסעל הויך און געפליגעלט לעבען אויך...

און צווישען דעם אומרוהיגען שוואלבען־פאלק, וואס האט גע־וואלט אמאל דעם בית־המקדש רעטען, מיט'ן אייגענעם בלוט דאס פייער פארלעשען, און האט נישט געקאנט, און איז דעריבער פון דער געשיכטע ארויס, ווייל זי רערט נאר פון ג ל י ק ל י כ ע פעלקער און ג ע ר א ט ע נ ע זאכען...

און דער זומער, וואס האלט איצט צו ענדע, איז אן אומרו־היגער זומער געווען: מאסען שוואלבען־נעסטען האבען שלאגס־רע־גען פארפלייצט: אונטער מאסען נעסטען האט זיך דער לעבענס־צווייג געבראכען; זיי זענען אראפגעפאלען, און דאס יונגווארג איז צושמעטערט געווארען...

גאנץ אפט איז דער זיסער שוואלב־שלאף ביינאכט געוואלטיג איבערגעריסען געווארען. עס האבען זיך יעגער באוויזען, עס האט געקנאלט... און אין שליטען פריה־מארגען האבען זיך אויף צווייגען בלוטיגע פלעקען באוויזען, איבער וועלכע עס האבען, מיט איין עק צונעקלעפט, פעדערלעך געפלאטערט... כאטש מען האט די שוואלבען נישט געמיינט.

און דאס מארגען־לויב, דער געפליגעלטער ליכט־געזאנג פון שוואלבען־מחנות אונטער'ן בלויען הימעל, איז אויך גאנץ אפט פארשטומט געווארען... קנאל־קנאל! עטליכע פון זיין ליעבען נא־מענס זינגערלעך זענען אין דער לופט פארציטערט געווארען און אראפגעפאלען, צווישען גראז אראפגעפאלען, יאגד־הינט האבען זיי

אויפגעזוכט, און וואו מען דארף אפגעטראגען, גוסס'ענדיגע צוויי־שען די ציין... און די יעגער האבען זיי נישט אנגענומען... נישט די שוואלבען האט מען געמיינט, מען האט זיך שיסען געלערענט, די הינט אויסגעפרואווט...

און דאס אזכרת נשמות געבעט פון שוואלבען־פאלק איז אי־בער'ן זומער געוואקסען און געוואקסען...

איין קרעכץ נאר פאר א טויטע שוואלב; פון די קרעכצען אבער איז איבער'ן זומער א קלאג־ליעד געווארען! א קלאג־ליעד, ווי דער גלות לאנג...

דערפאר האבען זיך אויך די נסים געמעהרט; זעהר פיעל שוואלבען האבען נסים געהאט... מן־הסתם זכות אבות:

אראפגעפאלענע האבען נאר די פיסלעך צובראכען, א גליד נאר אויסגעלענקט... טייל האט מען נישט ריכטיג געטראפען און נאר די פליגעל אונטערגעשאסען; פארוואונדעטע האבען נאר די קראפט און די ליעבע צו לעבען פארלוירען, אבער נישט דאס לעבען אליין...

און די צאהל פון על־הנסים'ניקעס איז איבער'ן זומער גע־וואקסען, און מיט זיי צוזאמען — די צאהל פון גם־זו'ס אויך!

— אבי מיר לעבען! פארלאזען מיר נישט די צווייגען; זיצען מיר איבעראנאנד... און מאי כולו האי? מיר האבען פארלוירען די הויך, שפרינגען מיר נאר צווישען גראז... לעבען מיר, ווי די פעלד־מייז... ווי די קליינינקע פעלד־מייזלעך; אויך גאטס באשעפעניש...

— דאס זענען פרומע! — האבען די שוואלבען אויף זיי גע־זאגט. מאנכע האבען געענטפערט: הייליגע! און מען האט זיי גע־שפייזט אויף קהל'שען חשבון...

---

נאר אט איז ענדע זומער!...

דער „ציריק־ציריק" הערט זיך טרויעריג און באנג.

דאס הייסט אויף אונזער לשון: עס ווערט וואס א ווייל קיה־לער...

קיהלער ווערען די טעג, לענגער די אומרוהיגע נעכט, די קאל־טע...

און דער הימעל ווערט וואָס אַמאָל מעהר גרויליך, ווי בלוויליך;
און די זון איז קיין עכטע זון נישט; מעהר שפּיגעל, ווי זון...

און פאַרגליווערטע שטיקער ציהען, מאַרמאָר שטיקער. און אפשר גאָר ווייסע בערען... זיי שווייגען אונטער'ן הימעל, און זיי זוכען אייך, און באַהעפטען זיך איינער צום צווייטען און פאַר־שטעלען וואָס אַמאָל מעהר הימעל און ליכט...

און עס ווערט שוין אַ דערשראָקען געריפעריי: ציריק־ציריק! ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: די פרנסה און די לופט ווערט קנאַפּער, וואָס אַמאָל קנאַפּער... די בלעטער קריגען גאָלדענע רעמלעך, נאָר זיי ווערען שוואַכער; זיי קאָנען שוין די לייכטסטע שוואַלב אויף זיך נישט דערהאַלטען... און די דינע צווייגעלעך דאַרען און פלאַגען און ברעכען זיך...

און עס טראָגט זיך דאָס געריפעריי פון צווייג צו צווייג, פון בוים צו בוים, פון איין עק וואַלד צום צווייטען: מען דאַרף זיך אַ עצה האַלטען... הויבט אייך אויף!

און עס ווערט אַ גערויש פון הונדערטער און טויזענטער ציר־טער־פליגעלעך; פון צווייגען און ביימער הויבט זיך דאָס גערויש... און די אסיפה פון שוואַלבען שווימט שוין אין דער הויך... און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער — מען זעהט זיי שוין נישט, נאָר טויזענטער געלע פלעקען שווימען אונטער'ן גרויען הימעל...

און פון דער הויך זעהט זיך אַ ווייטע, ווייטע וועלט.

און נאָך אַ ווייַלע לאָזט זיך די מחנה אַראָפּ מיט אַ פרעהליך געפּייפעריי: ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: מען דאַרף אַוועק, אַוועק פון דאַנען! ווייט, ווייט אַוועק!

מען מוז אַפּטרעטען דער קעלט, אַפּטרעטען דעם שניי; מיר דאַרפען וואַרעמקייט און ליכט!

---

נאָר אַז די אסיפה איז, פאַר'ן אַוועקפליהען, דאָס לעצטע מאָל צוריק אויף די ביימער אַראָפּ, האָבען זיי געמוזט אויסהערען אַביסעל מוסר...

א שטראָף־רעדע האָט מען זיי געהאַלטען...

די פאַרוואונדעטע און אונטערגעשאָסענע האָבען גערעדט:

— „וואוהין ווילט איהר פליהען? קאָן מען דען אַנטלויפען פאַר׳ן טויט? אין גאַטס האַנט איז ער! זעהט, צי טראָגט אייך נישט דער שלעכטער געדאַנק? צי פליהט איהר נישט אויף די פליגעל פון יצר־הרע?

„דאָ איז אייער היים! דאָ אין וואַלד, וואָס האָט אייך די אויגען געעפענט, די פליגעל צושפרייט, זינגען געלערענט, און וואו איהר האָט פאַר יונגע נעסטען געבויט, אַלטע באַטרויערט און טויטע באַוויינט... די בוימער האָבען מיט אייערע ליעדער געבליהט, אין דער לופט העננט נאָך אייער מאָרגען־ און אָווענט־געזאַנג...

„לייכטזיניגע פייגעל זייט איהר, מיט נשמות אין פליגעל און פיס, גאָרנישט אין הארץ!

„און לאָזט איהר אונז איבער, ווער וועט אייך אין דער הפקר׳דיגער הויך מוסר זאָגען, שטראָפען און שטראָף־רייד רעדען?“

געזונטע דאַך הערען נישט און פליהען...

# פליגעל.

א קאלטער, פריהער ווינטער־מארגען.

א געדיכטער, ווייסליך־גרויער נעבעל הילט איין די הייזער און הויבט זיך לאנגזאם איבער'ן נאך נישט געריהרטען שניי.

אומעטיג און קאלט.

פון נעבעל לאזט זיך אראפ א יונגע, שווארץ־גלאנצענדיגע קרא, מאכט עטליכע נידעריגע רעדלעך, און שטעלט זיך אויפ'ן הויף־אויסגעבעטען שניי.

זי איז הונגעריג, דזשאבעט אינ'ם שניי און זוכט זיך איהר עסען.

צי מעג מען?

עס באוועגט זיך אן אפגעריסענער גאסען־הונט; אפגעע־חלומ'ט און פארוואגעלט, שלעפט ער קוים די דינע פיס; דער קאפ אראפגעלאזט, די אויגען פארלאשען... נאר — ער דערזעהט די קרא.

ער דערזעהט זי, און אין דער רגע צוכט ער זיך אויס, די אויגען פלאמען איהם.

— הור־ר! הור־ר! — בילט ער און שפרינגט צו צו דער קרא!

אפנים — מען טאר נישט!

די קרא שרעקט זיך דאך ווייניג, שטיל און מיט חן שפרינגט זי אפ אין א זייט; דער הונט ווארפט זיך נאך, שפרינגט זי הינ־טערווייליעכטס צוריק, דער הונט מאכט א י י ן טריט, די קרא פ י ע ר...

— הור־ר! הור־ר! הור־ר!

דער הונט פאלט שוין אין רציחה אריין; דאס בילען ווערט

שטארקער און שטארקער. דאס ווארפען זיך נאך דער קרא שנע־לער און שנעלער.

— הור־ר! הור־ר! הור־ר!

ענדליך איז דער קרא נמאס געווארען דאס בילען מיט׳ן אפ־שפרינגען.

זי הויבט זיך לאנגזאם און שטאלץ אויף אין דער לופט און ווערט פארשוואונדען אינ׳ם נעבעל.

זי וועט געפינען א שניי, אויף וועלכען קיין הונט האט נישט צו שאפען...

נאר איך?... איך?... וואו נעם איך פרייען שניי? וואו זענען מ י י נ ע פליגעל?

# די רויז.

עס געהט צו פסח, עס איז פריהלינג, און אין זאקסישען גארטען װעלען זיך באלד די רויזען באװייזען.

איהר האט עפּעס ליעב רויזען? אין אייער שמייכעל ארום די ליפּען דערקען איך, אז יא! איי, װאס פאר א ליכטלעד עס האבען זיך אין אייערע אויגען אנגעצונדען! לאזט נישט אראפּ די ברעמען! בהן צדקי — איך װעל קיינעם נישט אויסזאגען! נאר, אז איהר האט ליעב, װעל איך אייך טאקע דערצעהלען א מעשה פון א רויז...

אמאל איז געװען א רויז.

געװאקסען האט זי אין אן עפענטליכען (אפשר אין זאקסישען) גארטען, אויפ'ן טראװניק, נאהנט צו דער אלעע, אויף א שטעכעדיגען שטרויס.

בשעת, װען איהרע שװעסטער האבען שוין לאנג אינ'ם בליהען פארגעסען, איז זי נאך יונג און גרין געװעזען. זי האט נאך דאמאלט אויף אנעמיע געליטען: װעניג, ארעם בלוט געהאט, און האט זיך געשעמט פאר דער װעלט צו װייזען. זי האט זיך באהאלטען װי אם טיפסטען צװישען די שטעך־נאדלען.

נאר אין שטילע נעכט האט זי זיך אמאל ארויסגערוקט, אז אויג געװארפען אויף איהרע שװעסטער, אויף אלע ראמאנטישע גליקליכע בלומען, און פון זיי אויפגעהויבען דעם טרויעריגען בליק צום בלויען, קלארען הימעל מיט א שטילער, נאר א װיינענדיגער פּרעטענסיע צו גאט, פארװאס ער האט אין איהר א י י נ ע ר פארגעסען, זי א י י נ ע פארטיילט, איהר א י י נ ע ר אזא טרויעריגע, איינזאמע, עלענדע יוגענד געגעבען...

דאס פלעגט אבער נישט לאנג דויערען. זי פלעגט זיך גיך און באלד פאר עפּעס דערשרעקען, און, פארציטערט, זיך צוריק באהאלטען אין שטרויס. מיט אמאל דאכט זיך איהר — מען שיסט; דאס

האבען ערגעץ, למזל טוב, עטליכע קנאספען געפלאצט. אט הערט זי זיפצען — דאס גוסס'ט נאר ערגעץ אין זאמד א צוטרעטענע בלום... עס הערען זיך עטליכע האלז־ און נאז־טענער — א פארשפעטיג־טער קארטען־שפילער געהט זינגענדיג אהיים, און לאזט זיך הערען אין גאס.

דאך איז זי נישט זיכער, צי זי זעהט עס און הערט עס וואכענ־דיג אדער נאך אין חלום. טיילמאל דאכט זיך איהר, אז איהר גאנץ לעבען איז א חלום... אז זי איז גאר א געוועהנליכער דארן, און א רויז נאר אויפ'ן עולם־הדמיון! אז זי וועט זיך גיך און באלד אויפ־כאפען שפּיציג אין פארקרימט און פול מיט ברענענדיגען, גיפטיגען זאפט!

* * *

מיט דער צייט איז דער רויז בעסער געווארען. איהר דאק־טאר איז געוועזען דיווארעמע זון און עטליכע טראפען זומער־רע־גען... זי איז אלעמאל געזונטער און פולער געווארען. דאס עדעלסטע רויזען־בלוט האט איהר אנגעהויבען צו קרייזלען אין די אדערען. זי ווערט רויט און רויטער, מיט יעדער מינוט שעהן און שענער. דערביי ווערט זי אויך מוטיגער און שטארקער ביי זיך!

און וואס רויטער און געזונטער זי ווערט, הויבט זי זיך אלץ העכער און העכער, און קוקט אלעמאל זיכערער און לעבעדיגער ארוים דאס גאנצע קעפעל הויך איבער'ן שטרויס, אום אלץ מיט צייט, זי איז שוין אינגאנצען צ י י ט י ג, פול מיט ז א פ ט און שארלאך־רויט! אצינד הויבט זי זיך אויף אינגאנצען, שטרעקט ארוים דאס גאנצע קעפעל הויך איבער'ן שטרויס, אום אלץ מיט אפענע אויגען צו באטראכטען, און פון אלעמען באטראכט צו ווע־רען!

* * *

**זי קוקט זיך אום און פארוואונדערט זיך! אלע איהרע שוועס־טער זענען שוין פארשוואונדען געווארען; זי איז געבליבען איין** רויז אין גארטען, איינע אליין. עס פרעהט און שרעקט זי צוזא־מען!... כאטש זי האט אלץ נאר ווי אין חלום געהערט און געזעהן.

ווייסט זי דאָך, וואָס דאָס פֿאַרשווינדען באַטייט! זי ווייסט, אַז איהרע שוועסטער זענען פֿון די שטרויסען אַראָפּ אין דער וועלט אריין זוכען גליק. וואָס דאָס „גליק“ אליין איז, דאָס ווייסט זי נישט, נאָר עפּעס טרוימט איהר, אַז עס איז אַ גליק פֿאַראַנען, אַז דאָס גליק וואַקסט נישט אויפ׳ן שטרויס, אַז צוליעב איהם מוז מען אַרויס פֿון דער שטעכעדיגער אַרעמער היים אין דער פֿרייער וועלט אריין. צוגעזעצט צו עמיצענס אַ ברוסט!

זי שרעקט דאָס גע׳חלומ׳טע גליק און דאָך ציהט עס זי ווי אַ מאַגנעט... זי דערמאָנט זיך, אַז איינמאָל האָט זי געהערט אַזוי זיס מוזיקאַליש רעדען פֿון גליקליך זיין און גליקליך מאַכען... מענשען האָט זי נישט איינמאָל געזעהן און געהערט באַהאַלטען אין שטרויס... טייל עלענדע, טרויעריגע, פֿאַרקרימטע מענשען... נאָר טייל פֿרעהליכע, גליקליכע מיט רויזען אויפ׳ן האַרץ. און די האָבען געשמייכעלט, און דאָס פּנים האָט זיי געשטראַלט מיט גליק. זי וויל אויך אויסגלייכען, בלאַנק מאַכען אַ זויער־טרויעריגע פּנים, זי וויל אויך ליכט אָנצינדען אין האַלב פֿאַרלאָשענע אויגען...

זי וויל זיך אליין אָפּרייסען פֿון שטרויס און צוקאָלערען זיך צו דער אלעע, וואו מענשען וועלען באַלד אָנהויבען שפּאַצירען... עס „פּאַסט“ דאָך נישט; זי ווייסט שוין, אַז דער סדר עולם איז נישט, רויזען זאָלען זיך אָפּרייסען אליין... מען מוז וואַרטען... אויך אונטען וועט מען זי נישט באַמערקען! עס קאָן דורכגעהן אַ פֿאַרטראָגענער סוחר, אַ פּראָצענטניק, וואָס לויפֿט נאָך זיין אָפּפֿער אָדער וואָס אַנטלויפֿט פֿאַר׳ן גזלן... אַ טרעגער מיט אַ שווערער לאַסט אויף די פּלייצעס, וואָס וועט אויף איהר גאָר קיין מבין נישט זיין און נישט אָפּטרעטען פֿון וועג... און אונטער אַזוינע פֿיס וויל זי אודאי נישט שטאַרבען. זי מוז בלייבען אויפ׳ן שטרויס, כאָטש אַזוי איינזאַם און טרויעריג!

— מען וועט דאָך באַלד קומען! — טרייסט זי זיך! מיינע שוועסטער זענען דאָך אויך נישט זיצען געבליבען!

* *
*

**עס איז אַ קלאָרער, העלער פֿריהמאָרגען; זיי וועלען זיך באַלד באַווייזען! דער הימעל איז אַזוי העל־בלוי, אַזוי צוזאָגענדיג, אַזוי**

שמייכעלדיג, אזוי גוט! אין אזא שעהנעם העלען טאג מוז איהר גליק געבוירען ווערען, און — ווי א זילבערנער שטראל פון הימעל, ווי א ברכה פון גאט, אראפפאלען אויף איהר! זיי וועלען זיכער קומען און איינער פון זיי... איינעם פון זיי וועט זי באגליקען!

זי הויבט זיך נאך העכער איבער׳ן שטרוים. זי גלייכט אוים און צולעגט איהרע רויטע קליידלעך, מיט חנ׳עוודיגע טוי־בריל־יאנטען באשיט. זי לעגט דאס קעפעל אביסעל אין א זייט; אזוי פיהלט זי זיך שענער און נעהנטער צו דער שמאלער אלעע.

* *
*

עמיץ געהט!

עס הויבט אן ציטערען דאס קליינע רויזען־הערצעל. זי וויל זיך שוין צוריק באהאלטען, זי האט חרטה... נאר דער, וואס קומט אן, כאטש ער זעהט זי נאך נישט, ציהט זי שוין צו ווי א מאגנעט.

* *
*

עס געהט א יונגערמאן מיט אראפגעלאזטע אויגען...

— אך! ער וועט מיך נישט דערזעהן! — טרייסט זי זיך און שרעקט זיך צוזאמען.

דער יונגערמאן קומט נעהנטער. זי האט נאך אזא טרויעריג פנים נישט געזעהן! א דינער ביטערער שמייכעל בלאנדזשעט ארום א פאר קליינע בלאסע ליפען... דער יונגער שטערן איז געראנצעלט, אויף די בלאסע באקען איז שוין לאנג, אפנים, קיין פרעהליכער שטראל נישט געפאלען... זיינע אויגען זעהט זי נישט, נאר זי פיהלט, אז זיי מוזען זיין בלוי און שעהן, ווי דער הימעל, נאר טרויעריג — ווי עס קאן נאר זיין א הימעל אהן זון!

— און קיין איינציגע פון מיינע שוועסטער — וואונדערט זי זיך — האט זיך פאר אזוינעם נישט געאפפערט?

דער יונגערמאן הויבט פלוצלינג אויף די אויגען; זי האט געטראפען! דארט קאן זיין א הימעל, נאר דערווייל איז א ים פון

לייך! ער דערזעהט זי אויך; רייבט זיך מיט דער האנט דעם שטערן, ווי איינער, וואס דערמאנט זיך עפּעס; זיין פּנים ווערט בלאַסער, און דער דינער ביטערער שמייכעל ווערט ברייטער און ברייטער און פאַרשפּרייט זיך אַלץ העכער און העכער ביז די אויגען צו... נאָר באַלד פאַלט דערויף אַ געדיכטער שאָטען פון וועהטאָג! ער פאַרברעכט די הענט:

— אַ רויז, — ציטערען זיינע ליפּען — אַ רויז! — ווען יענע האָט מיר „יאָ" געזאָגט, האָט זי אַ רויז געטראָגען... נאָר די איי־גענע צירונג האָט זי געהאַט אויף דער ברוסט, ווען זי האָט מיך אָפּגענאַרט... די אייגענע רויז!

— אַך, דאָס נאַרישע האַרץ! — בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין — ער קאָן נאָך אין איהר און אין ר ו י ז ע ן נישט פאַרגעסען!

— מאַרש! — קאָמאַנדירט ער זיך, און רייסט זיך אַוועק מיט געוואַלד, און פאַרשווינדט אין אַן אַנדערע אַלעע.

— אַך, גאָט, גאָט, — קלאָגט זיך די רויז — וואָס מיינע שוועסטער קאָנען!

אַה! זי וועט עס נישט טון... ביז'ן לעצטען אָטעם, ביז'ן לעצ־טען הויך! אַ, ניין! אינ'ם טרייעם אָפּפערען זיך איז דאָס העכסטע גליק פון אַ רויז!

* *
*

עס קומען אַן צוויי עלטערע דאַמען; געהענדיג, באַטראַכטען זיי אַלע שטרויסען; אַלע זענען לער!

זיי מוזען דערוואַקסענע זיהן האָבען! — טראַכט זיך די רויז.

— נאָר פאַרוואָס קומען זיי נישט אַ ל י י ן — זעהט עס איהר וואונדערליך אויס.

— מיר האָבען זיך פאַרשפּעטיגט — מאַכט איין דאַמע צו דער אַנדערער.

— איך זעה שוין, — ענטפערט די צווייטע — עס וועט שוין דאָס יאָהר קיין ר ו י ז ע ן נישט זיין!

די רויז וויל ד אַ ד. מען זאָל זי באַמערקען, אַבוואָל דאָס

רחמנות אויף י ע נ ע ם קלינגט איהר נאָר אין הערצעל. זי באוועגט זיך און עס גערעט איהר!

— אַט, א רויז! — מאכט איינע.

— איך זעה שוין — זאָגט די צווייטע — „קיין מעשה נישט" פון א רויז, נאָר איינע איז קיינע! פאר מיינע נעסט דאַרף איך וועניגסטענס — א טאָפּ איינגעמאכטס... נאכט אויף נאכט ווייז און קאָרטען! דאַרף ד אָ ס א ו י ך נישט פעהלען.

— איך — וועניגסטענס איין עמער זאָפּט...

די אָרעמע רויז דאנקט גאָט, אז די דאמען זענען פארבייגע־גאַנגען. זי שטויסט זיך אפילו נישט, ווי אזוי מען ד ר י ק ט ארויס דעם זאַפט פון רויזען, ביי וואס פאר א פייער עס פּרעגלען זיך קאָנפּיטורען... נאָר די דאמען אליין זענען איהר נישט געפע־לען; אזוינע דיקע, שמאַלציגע פּנימ'ער!...

א רויז איז פון נאַטור צו עדעל, עס זאָל איהר אזוינס גע־פעלען!

* *
*

מיט א גרויסען פּאראסאָל אין דער האַנט, מיט גרויסע קאַלאַ־שען אויף די פיס, מיט א דיקען פּאַלעטאָט, פאַר־מאכט אויף אַלע קנעפּ, מיט א ווייס טוך פאַרבונדען די ציין, מיט א הויכען צילינ־דער אין דער לינקער און אין דער רעכטער האַנט א דיקען וויין־שטאָק, איבער וועלכען דער גאַנצער קערפּער בויגט זיך אינ'ם גאַנג; מיט א גאָלען קאָפּ און דאָפּעלטע ברילען אויף דער דאַרער, געגאַרבעט, שפּיציג־ביינינגער נאָז, קומט אַן — שלעפּענדיג א פוס נאָך א פוס — אן אַלטער „דייטש"!

די רויז האָט זיין שטילען גאַנג נישט דערהערט, און קיין צייט נישט געהאַט זיך פאר איהם צו באַהאַלטען.

ער שטעלט זיך פאר איהר אָפּ, שלעפּט צו איין פוס צום צווייטען! מאכט צורעכט די דאָפּעלטע ברילען און באַטראַכט די פרישע בריאה...

ער רונצעלט דאָך די נאָז; זי איז איהם נ י ש ט געפעלען.

— פהי! — בלאָזט ער ארויס פון צווישען די בלויע ליפּען.

און דערפון ווערט א ריח און א גערויש, גלייך א פויל בלאט וואלט געפלויגען אין דער לופט.

— פהי! שוין נישט פאר מיר! צופיעל אנטוויקעלט... צו אלט! איך דארף יונגער, פרישער; נאך גרינלער, עפעס אזוינס —

ער לעגט צו צוויי פינגער צו די ליפען, וויל ענדיגען מיט א וואויל־יונגערישען פייף, נאר עס קומט ארוים קוים א צישען פון א שלאנג — — און געהט ווייטער.

— ברעך די פים! — קאן זיך די רויז נישט איינהאלטען.

*   *
*

אט עס קומט אן א מענש אין די מיטעלע יאהרען. עלעגאנט געקליידט. דער אויבערציהער מיט דער העלער אונטערלאג אויפ'ן אקסעל, מאדישע זעק אלס ביינקליידער. אן אפענער זשאקעט, פון וועלכען עס קוקט ארויס א גאלדען (אדער א געגילדט) קייטעל, און ענדיגט זיך נאבלעסיג, אראפפאלענדיג מיט א גרויסען פערדס־קאפ אין א ראם פון א קליינער פערדס־פאדקאווע; איבער דער ברוסט טאנצט אין דער לופט א גאלדענע פאנסנע אויף א דין־זילבערנער האר; א יעגער־הוט, און — אפנים, צו וועלכען מען האט זיך גע־מוזט גוט און שארף צוקוקען, מען זאל דערזעהן, אז דאס לעבען האט שוין לאנג דעם פרישען הויך דערפון אראפגעלאזען... נאר די אויגען זענען רויטליך־מיד, און ארומגעפאסט מיט בלויע רענדער.

די רויז באמערקט ער ב א ל ד, נאר ער בלייבט אפילו נישט שטעהן א רגע.

— פאר אן א נ ד ע ר ע ר — טראכט ער — איז א רויז גענוג. איך וואלט געשיקט א רויז מיט דעם פרישען טוי, א שמעקענדיגען בילעט מיט פלאמענדיגע ריימען אונטער א דורכגעשטאכען הארץ... זי וויל אבער בריליאנטען!

*   *
*

עס קומט אן א בלאסער יונגערמאן, לאנגע, נאכגעלאזטע, פאעטיש פאנטאסטיש צושויבערטע האר. די אויגען פארזונקט אין הי־מעל, גלייך ביידע בלויע פארבען ווילען זיך צוזאמענגיסען! אין

מויל מיט גוט געריימטע ליפען — א זיס זומער־ליעדעל אהן ווער־טער, און אויפ'ן בלאסליכען, מיט גאלדענע זון־שטראלען לייכט געראויטעלטען פנים איז אויסגעגאסען א פארביג־פאעטישער חלום.

די רויז דערפיהלט א שטאך אין הארץ, גלייך עס האט זי א פייל געטראפען.

עס טוט איהר וועה, נאר דער וועהטאג איז אזוי זיס, אזוי ערדעל־זיס! איהר ציטערט דאס קליינע רויזען־הארץ, און צאפעלט, ווי א יונג פויגעלע אין שטייג, עס ווילט זיך ארויסרייסען!

— אט — דאס איז דער — צאפעלט עס און רייסט זיך — וואס האט זיך מיר אזוי לאנג געחלומ'ט! וואס גאט האט מיר געווים באשערט! בליק איז אויף זיין ברוסט! א! ער זאל מיך נאר זעהן! ער זאל מיך נאר זעהן!

און איהר הייס געבעט איז ווייטער געהערט געווארען; ער האט זי דערזעהן!

ער בלייבט שטעהן אנטציקט! די בלויע אויגען ווערען איהם גרעסער און די שטראלען אין זיי — ליכטיגער און ווארעמער!

ער געהט צו און באריהרט זי זאכט מיט די ציטערדיגע פינ־גער, ער לעגט צו זיינע ליפען צו איהרע ערדעלע בלעטלעך... זיי טרינקען פון איהר טוי... ער קושט זי...

— א, דו שעהנע, זיסע, הימלישע רויז! — זינגט פון איהם ארויס — דו גאטעס זיסער שמייכעל! דו בעסטער שטראל פון זיין אויג! ווי ליעב האב איך דיך! ווי דו ציהסט מיך צו דיר!

ער קושט זי נאך אמאל... און זיינע ליפען דערפיהלען, אז די רויז וויל זיך אנקלעפען אן זיי... אז זי איינגאנצען ציטערט און וויל זיך אפרייסען פון שטרויס...

און ער ציטערט אויך! נאר א טרויעריגער וואלקען ציהט זיך פלוצלונג איבער זיין פנים. ער רוקט זיך אפ.

— ניין, — ציטערען זיינע ליפען, בשעת ווען ער כאפט די הענט צו זיך, גלייך ער וויל זיי נישט געטרויען —

— דאס נישט! איך וועל דיר פאר דיין גוטס מיט קיין שלעכטס נישט צאהלען...

„צו נעשווינד וואלסט דו פארוועלקט אין מיין נאסער שטוב... דערערווירט — וואלט איך דיך נאך באליידיגט, און דערנאך — מיר אין קאפ א קויל ארייגעיאגט..."

„א, ניין! בליה ווייטער, בליה! דו וועסט בלייבען די קעני־גין פון אלע מיינע חלומות... וואו איך וועל זיין, וועל איך אלע שי־קען מיינע זיפצען און מיין געבעט צו דיר... נאר בליהען זאלסט דו ווייטער..."

„בליה!"

און ער געהט אוועק...

* * *

באטויבט, בלייבט די רויז אויפ'ן שטרויס און באמערקט נישט, אז מיט דער אלעע קומט אן א שכור.

ער וואקעלט זיך אהין און אהער, זינגט עפעס אונטער דער נאז און פאלט גלייך אויפ'ן שטרויס ארויף.

אז די פאליציי האט'ן שפעטער־צו אויפגעהויבען, האט זיך דער שטרויס צוריק אויסגעגלייכט. נאר די רויז איז שוין אויף איהם נישט געוועזען. —

# עס ענדערט זיך.

פארוואס איך ענדער מיך?

א, מאדאם! — פארוואס ענדערט זיך די נאטור?

א לאנגע צייט האט זי געוואלט זיין שעהן, העל און קאלט; ליכטיג קלאר און שטאלץ. דערנאך — ברענענדיג און פלאמענדיג; היים צום דערוועדגען! אינמיטען האט זי זיך נאר פארטראכט און ווערט גרוי, לאנגווייליג־טרויעריג...

הערבסט; ביי מיר אויך!

אין דער פריה, אומהיימליך, קאלט, נעבעלדיג...

און איך טראכט: אך, ווען זיי זאלען קומען, וואלטען זיי דאמאלט געקומען!... נאר, אך! זיי וועלען אזוי פריה נישט קומען!

מיטאג־צייט... עס באווייזט זיך אביסעל זון... עס ווערט ווארעמער, ליכטיגער און דאמאלט ארבייט איך!

איך ארבייט און האף, און בלייב אין דער ארבייט! איך גלויב און לאך פון דער וועלט, פון מיין מרה־שחורה, פון אייך אויך, מאדאם!

דעם אמת מוז מען זאגען!

דערנאך, פארנאכט. איך ווער מיד... עס הויבט אן טריפען, הימעל און ערד גיסען זיך אינ'ם נעבעל צוזאמען, אלץ פארזינקט אין נאסען נעבעל... די פלאם אינ'ם לאמפ גוסס'עט, שטארבט אפ...

עס ווערט צוריק טרויעריג, אומהיימליך, פינסטער און קאלט...

דאמאלט שרעק איך מיך און בענק — נאר נישט צו אייך מאדאם!

# שטערן.

א העל־אויסגעשטערנטע זומער־נאַכט!

אך, איהר העלע, אויסגעשטערענטע זומער־נעכט, פארוואָס זייט איהר אַזוי העל, אַזוי שעהן, ווען ביי מיר אין הארץ איז אַזוי אומעטיג און פויל?

פארוואָס איז ביי מיר אויפ'ן הארץ אַזוי אומעטיג און פויל, ווען איהר זייט אַזוי העל, אַזוי שעהן?!

איך לאַך אוים דער וועלט. זאָגען אַלע גרין, זאָג איך ווייס! אויף מיין אייגען בלוט זאָג איך: ווייס, נישט רויט, ווי אלע זאָגען! ווער הערט זיי? לאַכענדיג שפּאַציר איך צווישען טויטע, צווישען לעבעדיגע בין איך טויט! בליהט ביי איינעם א האָפנונג אין הארץ, רייס איך זי אויס און וואַרף זי אויפ'ן מיסט, און פון מיסט עפּעס אויפהויבען און קושען, און קניען פאר'ן אָפּשיי — איז ביי מיר א פארגעניגען!

איך לאַך אויס דער וועלט, נאָר אוים העל־אויסגעשטערענטע זומער־נעכט לאַך איך נישט!

זיס און הייליג זייט איהר, העל אויסגעשטערענטע זומער־נעכט, כאָטש איך האָב לאַנג קיין הייליגקייט, און האָב דעם געשמאַק פון זיסקייט פארלוירען!

אין א שטילער, זיסער העל־אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט עפענט זיך אויף דער קבר אין שטיינערנעם הארץ, און א לאַנג פארשטאַרבען פארלאַנגען וועקט מיך אויף...

לעבען, א רגע לעבען וויל איך, נאָר א שטאַרק ריזיג לעבען זאָל עס זיין — אַזוי לעבען א סעקונדע און פארשווינדען, אויפבליהען און פארלעשען! אין הימעל באַוועגט זיך א פינסטערע מאַסע אַהן א שטראַל, אַהן לעבען; זי באַוועגט זיך צערשטרייט אין דער הויך: אן אומבאַקאַנטע קראַפט יאָגט זי, און יאָגט זי אַלץ

שטארקער און שטארקער, און די פינסטערע מאסע יאגט זיך און שוועבט אלץ שנעלער און שנעלער. וואוהין? נאך וואס? דאס ווייס זי נישט, זי פרעגט נישט און פליהט און אין פליהען צוהיצט זי זיך, צופלאמט און צופלאקערט, און — פאלט...

זי פאלט, נאר אין פאלען פלאקערט זי און לייכט א סע־קונדע!

אך, א שטערן!

# פון וועג אראָפּ.

אין דער שטילער, אויסגעשטראַלטער הויך, צווישען איין שורה און דער צווייטער, הערט זיך פון צווישען די זילבער־ און גאָלד־שטראַלענדיגע שטערענדלעך אַ זיפץ.

„ווער זיפצט דאָרט, קינדער?" פרעגט מיט אַ רחמנות־קול די שווימענדע לבנה, און פאַרהאַלט זיך נישט, און קוקט זיך נישט אום צו זעהן, פון וואַנען דער קרעכץ איז געקומען.

„איך!" ענטפערט הינטער איהר אַ שטערנדעל און צופלאַ־קערט זיך רויט.

„וואָס פעהלט דיר, קינד?"

„מאַמע, איך קאָן נישט מעהר, איך האַלט עס שוין לענגער נישט אוים!"

„אייביג, אייביג — קלאָגט זיך דאָס שטערנדעל — אייביג דערזעלבער וועג, דיזעלבע ליניע!"

„די ג ר אַ ד ע," טרייסט די לבנה.

„צווישען וועלכע פונקטען?

„פון וואַנעט און וואו אַהין?

„וואו איז דער אָנהויב, וואו איז דער סוף פון אייביגען געהן? אפשר געהען מיר פון נ י ש ט צו נ י ש ט, פון שלעכטס צו שלעכטס? וואוהין פיהרט אונזער וועג? דו ווייסט עס, מאַמע?"

„ע ר ווייסט"...

„און פאַרוואָס אַנטפּלעקט ער אונז זיינע סודות נישט? פאַר־וואָס זאָגט ער נישט, וואָס ער וויל פון אונז, וואָס מיר טוען?"

„מיר לייכטען!"

„דאָס אַלטע ליעד, מיר לייכטען פאַר ד י, וואָס זענען אונטען און טרייסטען זיך מיט אונזער ליכט... מיר זענען וועג־ווייזער פאַר די, וואָס בלאָנדזשען אין סטעפּען אָדער פאַרטרויען זיך דעם ים...

אבער מיר פאר זיך אליין? מיר לייכטעו, און אונזערע אייגענע נשמות זענען פארשלייערט, איינגעהילט אין שאטען... אנדערע זע־ען ביי אונזער ליכט, און מיר אליין ווערען ווי בלינדע שאף גע־טריבען! און מען טאר זיך נישט אפשטעלען, נישט פארהאלטען זיך א ווײלע און א קלער טון: צו וואס? און נישט לאנגזאמער געהן, און נישט געשווינדער... א י י ן איינמאל־פאר־אלע־מאל אפגעשטעלטער וועג, א י י ן איינמאל־פאר־אלע־מאל אויסגע־מאסטענע צייט! טארסט קיינעם נישט אפווארטען, קיינעם נישט דעריאגען! צו קיינעם זיך נישט ווענדען אויף דיין וועג!

„און שטענדיג, שטענדיג אליין — יעדעם האט זיך ז י י ן וועג, און יעדעם איז עלענד פאר זיך אויף זיין אייגענעם וועג...

„טויזענטע אומגליקליכע שוועסטער קרייצען דורך דיין ליניע — קיין איינציגע קומט צו דיר נישט צו, קיינעם קאנסט דו נישט באגריסען — קיין איינציגע פרעגען: ווי געהט עס דיר, שוועס־טער? קיינער שמייכעלט דיר נישט צו, און דו שמייכעלסט צו קיינעם נישט! מיר זענען אזוי נאהנט און אזוי פרעמד; און די הערצער קלעמען אזוי פאר בענקשאפט! און מען פיהלט זיך אזוי דערנידערט!"

„מיר זענען דאך הויך! טרייסט די לבנה — די אונטען זענען א ו נ ז מקנא"...

„די נארען! זיי, וואס טרעפען זיך און האלזען, און קושען זיך און טרייסטען זיך, און לעבען נאר אזוי קורץ — זיי זענען אונז מקנא! אונז, עלענדע, פאר׳יתום׳טע, וואס לעבען א י י ב י ג, אדער כ מ ע ט אייביג!

„זעה — טייט מען דארט ארויף מיט די פינגער — א שטערענדעל האט זיך אין גאלד צופלאסען"... זיי וויסען נישט, אז דאס גיסט זיך פאר בענקשאפט די נשמה אויס...

„שירה זאגען זיי, די שטערען, די גליקליכע שטערען", און עס פאלט זיי גארנישט איין, אז צווישען איין „הללויה" און דעם צוויי־טען, וויינט מען דא, פארגעהט מען פון בענקשאפט"...

„שווייג, קינד, מען הערט — — געה דיין גראדען וועג..."

„איך קאן נישט מעהר!"

„קינד! ז י י ן ווילען מ ו ז געשעהען! א שטערנדעל, וואס ריהרט זיך פון ארט, ווערט אראפגעשליידערט"...

„וואוהין, מאמע? צו יענע דארט אונטען אראפ?"

„ניין, קינד, טיפער!... און דארט ווערט מען געשטראפט... אייביג געשטראפט... ווער עס האט וועלטען אויסגעטראכט, דער האט אויך אויסגעטראכט די שטראף! שרעקליך מוז זי זיין; שווער איז זיין האנט! טויזענטער, טויזענטער קינדער פארליר איך אזוי, און קיין איינציגעס איז נישט צוריקגעקומען, עס זאל כאטש דער־צעהלען, וואס עס טוט זיך דארט, וואס פאר א יסורים מען לידט; און גרויס מוזען זיי דאך זיין די יסורים; שווער איז זיין האנט... און קיין זיפץ פון דארט ארויף קומט נישט; אין דער פינסטערניש ווערט אלץ פארשטיקט! און קיין שטראל פון די זינדיגע געשטראפ־טע קומט נישט ארויף, — אראפגעשליידערט ווערען זיי, פאלענ־דיג, שוין אין דער לופט פארלאשען! היט דיך! טו תשובה אויף דיינע רייד!"

„ניין, מאמע! א ר א פ וויל איך! ל י י ד ע ן וויל איך! אייביג לײדען, נאר וויסען, אז דאס זענען די יסורים, וואס איך א ל י י ן האב אויף מיר גענומען! מ י י נ ע יסורים, מ י י ן ווילען איז געשעהען"...

אין גאלד צופלאקערט זיך דאס שטערנדעל, און רוקט זיך אפ, און בליץ־שנעל ווערט עס אראפגעשליידערט, און פאלענדיג, ווערט עס אויסגעלאשען אין דער לופט, און די לבנה זיפצט און שווימט ווייטער; זי טאר זיך אפילו נישט אומקוקען...

# פון דזל הויז

## 1.

## עולם־הבא

א — ניין! מיך וועט איהר נישט אייגרעדען! די וועלט איז נאך קיין וועלט נישט!

וואס מיינט איהר? עס צינדט זיך אן א ליכט, עס ברענט העלער אדער טונקעלער — לויט דעם חלב, לענגער אדער קירצער — לויט דער לענג און די דיק — עס ברענט, צאנקט און ווערט פארלאשען מיט א קלענערען אדער א גרעסערען ריח — און שוין! דאס איז עס אינגאנצען?

איך — וואלט אזא לעבען נישט באשאפען!

---

פרעגט א גימנאזיסט פון פינפטען קלאס, וואס עס ווערט פון אן אויסגעברענט ליכט! ער וועט אייך זאגען, אז עס איז נישט צו נישט געווארען! ער וועט אייך אויפווייזען מיט אותות ומופתים, אז די נאטור איז א ווירטשאפט, וואו עס ווערט גארנישט פארלוי־רען, קיין שטויב, קיין האר... פון אויסגעברענטען ליכט ווערען גאזען; מען זעהט זיי נישט, נאר דא זענען זיי; זיי שוועבען ארום אין דער לופט.

א חלב'ען ליכטעל פאר א גראשען ווערט אין דער נאטור

נישט פארלוירען, נאר א י ד, איך מיט מיין שכל, מיין ווילען, מיין יושר, מיין צער, מיינע טרערען — איך ווער פארלוירען, פון מ י ר בלייבט גארנישט!

און ז י י זאגען, אז א י ד בין משוגע!

---

ה י י ס ט דאס א וועלט?

יושע זייגער־מאכער איז קיין גרויסער מייסטער נישט, און דאך וועט ער פון זיין שטוב נישט ארויסגעהן א זייגערל, וואס זאל יעדע רגע וועלען צוזעצט, צוקלאפט און צושפרונגען ווערען; וואס זאל האבען אין זיך אן אייביגע, באשטענדיגע מלחמה: א י י ן רעדעל זאל רייבען, שלייפען און דריקען דאס צווייטע, איין ציינדעל זאל צופען, רייסען און בייסען דאס אנדערע, און די האר, אדער ווי ער זאגט — די פעדער, זאל אלץ ארומנעמען און שטיקען און ווערגען, עס זאל קיינער קיין אטעם נישט קאנען כאפען!

צי האט ווער געזעהן אמאל א דרעש־מאשין, וואס דרעשט ז י ך אליין? צעפעס, וואס רייסען פון זיך אליין אפ די הויט?

ניין! דאס איז קיין וועלט נישט! אן ערב־רב איז עס, א דול־הויז איז עס! געקוילעטע הענער לויפען ארום און כאפען קערנדלער, דאס בלוט רינט און זיי ווערגען זיך! א דול־הויז איז עס, א מבול דארף עס, — קאלט, קאלט וואסער!

---

און ווער וואלט פאר אזא פינסטערע וועלט אזויפיעל ליכטיגע, גאלדענע שטערען באשאפען?

גלייך זי ווייסט דען, די פינסטערע ערד, וויפיעל שטערען זי האט?

„מען קאן נישט איבערצעהלען!" זאגט זי...

וואלט עס נאר מטבעות געווען, זילבערנע, גאלדענע מטבעות, וואלטען שוין אלע, אלע געצעהלט, נישט ווי היינט, נאר א מנין

געלעהרטע בטלנים, אלע וואלטען געצעהלט און מען וואלט שוין איבערגעצעהלט!

---

ניין, דא איז נאך דאס רעכטע לעבען נישט! דא לעבט מען דערוויילע, אין ערב־רב, אהן ארדנונג, אויסגעמישט: ליבע, טירען, בערען, ווערעם און פייגעל, און אל־די־שווארצע יאהר צוזאמען... עס טרעפט זיך א מענש אויך...

נאר — אז מען דערזעהט איהם, פאקט מען איהם אין דול־הויז אריין...

---

עס איז געגנג איין אויג צו ווארפען אויף די ליכטיגע, קלארע, זאנפטע, מילדע, ריינע שטערענדלעך, מען זאל איינזעהן, אז דארט איז ערשט דאס רעכטע לעבען... נאר דאס א מ ת ׳ ע לעבען, שטראלט אזוי רוהיג, אזוי זיכער!

און דארט לעבען די מינים באזונדער, יעדער שטערן האט זיין מין און דעריבער שטראלען זיי מיט שלום, מיט עולם־הבא!

דארט הערט מען נישט אלע־אין־איינעם: „מיין טויט אדער דיין טויט!"

אויב א שטערן ציטערט אין הימעל, איז עס פאר רחמנות אויף אונזער פינסטערער ערד! אז איינער פון זיי טרעפט זי פלוצלונג אויפ׳ן וועג, דערשרעקט ער זיך און פאלט... די זון קאן נישט צוקוקען, ווי עס לעבט זיך ביי אונז, פארשטעלט זי זיך טייל־מאל דאס פנים און עס ווערט לקוי חמה... די לבנה איז נעהנטער, זי זעהט בעסער: רייסט זי פון זיך פאסען, און מען מוז יעדען חודש מאכען א נייע לבנה!

---

„טויזענט אויגען האט דער מלאך־המות!"

עס איז קיין וואונדער נישט, ער דארף די מינים סארטירען

און יעדען שיקען אויף זיין שטערן ארויף; און דא איז א מאסקא־ראד, א פורים־שפיל, סאמע פארשטעלטע, עס איז קיינער נישט אין זיין אייגענער הויט!

אם ערגסטען איז מיט די כל־בו'ניקעס!...

## 2.

# כל בו.

אמאל — האט מיר מיין באבע, די ארענדארקע, דערצעהלט — האט זיך באוויזען א כל־בו'ניק. דאס איז געוועזען ביים פריץ אויפ'ן הויף, וואו זי האט די פאכט געהאלטען, דעריבער ווייס זי די מעשה. —

פון וואנען ער האט זיך גענומען? ווייסט מען נישט.

איינער האט געזאגט, אז זיין מוטער איז א בעקרין געוועזען און האט'ן אויסגעקראצט פון אלע מולטער — א וויסקראבעק, רחמנא לצלן!

אנדערע דערצעהלען אנדערש: אויפ'ן הויף, אונטער א שאפע, איז א קעסטעל געשטאנען, וואו אלע פון הויף האבען וואסער גע־גאסען — הינט אויך! דערפון איז ארויס א שוואם... נישט קיין הונט־שוואם, נאר א שוואם „מכל המינים שהוא"...

דערנאך האט זיך עפעס א ווינטעל געמאכט, די שוואם האט זיך אפגעריסען, אוועקגעקאלערט און האט זיך שפעטער אויפגע־הויבען, אלס א לעבענדיגער כל־בו'ניק...

סיי ווי סיי קומט ער ארויס פון פריץ'ס הויף!

און א וואונדערליך חיה'לע איז דער כל־בו'ניק געוועזען!

אהן ביינער, פון סאמע ווייך פלייש, און דאס קעפעל האט זיך לויז געדרעהט אויפ'ן האלז, ווי אויף א גוט געשמירטען שרייפעל! ער האט זיך נישט גערוהרט פון ארט און מיט'ן קעפעל גערדרעהט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איהר ווילט נאר אליין! און ווייל ער האט יעדען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, האט ער מיט אלעמען בשלום געלעבט, און פון קיינעם—און מיט קיינעם גלייך נישט געליטען!

עס שלאגען זיך צוויי הענער; איינער שרייט: קוקעריקו, דער צווייטער וויל דוקא: קיקעריקי! דער כל־בו מישט זיך נישט אריין. נאר, אז דער הויף איז שוין באדעקט מיט פעדערען, און די הענער

צופאלען זיך אהן כח, געהט ער צו און זאגט: איהר האטביידע רעכט: דער „באור“ זאגט: „קיקעריקי!“ און די שבעים־זקנים: „קוקעריקו!“ און ביידע העגער בלייבען ז י ך שונאים און א י ה ם גוטע פריינד!

עס איז קיין שטילער הויף נישט געוועזען... דער הונט האט געביסען דעם חזיר ביים אויער, די קאץ האט געשפּיגען אויפ'ן הונט, און אן אדלער מיט אן אונטערגעשאסענעם פליגעל איז ארומ־געגאנגען און אלעמען געווארפען אין זיבעטען שוויים אריין; נאר דער כל־בו'ניק האט זיך מיט א ל ע מ ע ן גע'חבר'ט: ער האט זיך געהאלטען, אמאל ביים רעכטען, אמאל ביים לינקען אויער און דער חזיר האט געמיינט, אז ער איז אויך א געביסענער! דעם הונט האט ער איינגערוימט: „בררר... סאמע גנבים, אן עהרליכער מאן ביסט דו!“ דערנאך איז ער ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן צוים און גע־וואשען זיך מיט דער קאץ צוזאמען פאר'ן רעגען...

פּלוצלונג גאר האט ער דעם אדלער דערזעהן! ער ציהט אויף זיך א בענקשאפט, אין אויג ווייזט זיך א טרער: נישט גוט, ברוד־דער, דעם אונטערגעשאסענעם! ער זיפצט און דער אדלער מיינט, אז ער בענקט אויך נאך די הויכע וואלקען, און געהט אוועק מיט אן אראפּגעלאזטען קאפּ, נאר מיט א ווייך הארץ... „אויך אן אומ־גליקליכער!“...

און אז קיינער זעהט נישט, שפּרינגט ער גאר אריין אין שטאל צום קליינעם עזעלע און רוימט איהם איין: ווייסט, קאנט הויבט מיר אויך נישט אן צו געפעלען!

---

און אויף ד ע ר וועלט... פו!... פו!... — אויפ'ן פּריץ'ס הויף, מיין איך — איז איהם גארנישט שלעכט געוועזען... ער האט מיט אלעמען גוט געלעבט, מיט אלעמען זיך גע'חבר'ט, ביי יעדען עפּעס געכאפּט...

יעדער האט איהם געדענקט א זכות פון א שאקעל אויף זיין זייט! און כאטש קיינער האט איהם נישט ליעב געהאט, האבען איהם אלע פארבעטען: ווער אויף פרישטיק, ווער אויף מיטאג — און ער האט אלע מאכלים געגעסען... און יעדערער האט מיט איהם

נעגריסט און דערביי זיך אין הארץ געוואונדערט: פארוואס האב איך איהם נישט גערן?

---

נאר איינער לעבט נישט קיינער, אפילו נישט קיין כל־בו! עס איז געקומען זיין צייט, און דער רוח האט איהם פארטראגען אין א מדבר אריין, אויף׳ן זאמעל־פלאץ, וואו די נשמות פון אלע חיות, בהמות ועופות נעמען זיך צוזאמען, און דער מלאך־המות סארטירט זיי, באנדראלירט און פארשיקט אויף יענע וועלט.

ווען דער כל־בו איז אנגעקומען, איז שוין די סטעפ באדעקט געוועזען מיט אפגעטיילטע מחנות, וואס האבען איינס אויף׳ם אנדערע געקוקט צום לעצטען מאל, און שארף באטראכט! זיי ווילען געדענקען אויף י ע נ ע ר וועלט, וואס פאר א מינים דא זענען געוועזען. די עופות זענען אומגעדולדיג געשטאנען אויף איינציגע פיס; פון די אינדיקעס שניידט זיך אפ א בלוט־רויטע שארפע אויף א מייל; ווי דינע זילבערנע נעבעל הוידען און וויגען זיך די טויבען אין דער לופט! שטאלץ און ערנסט האלטען זיך די אדלער אין א זייט; א גאנצע באנדע עזעל האבען זיך צוזאמענגעשלאגען מיט די קעפ און קלערען, וואס פאר דערנער עס קאנען וואקסען אויף יענער וועלט.

און דער מלאך־המות האט שוין גענומען דאס פייפערל צום מויל, א צייכען צו געבען צום אוועקפליהען... ער האט שוין אויפגעהויבען די הענט, יעדען צו ווייזען זיין וועג! נאר ער האט די האנט אראפגעלאזט, דאס פייפערל פארגעסען — ער האט דעם כל־בו באמערקט.

— ווער ביסט דו? — פרעגט דער מלאך־המות, וואס האט נאך אזא בריאה נישט געזעהן.

כל־בו ש ו ו י י ג ט; ער ווייס אליין נישט, ווער ער איז!

טויזענט אויגען האט דער מלאך־המות, און מיט יעדען אויג זעהט ער אינ׳ם כל־בו אן אנדער באשעפעניש.

— צי וועט זיך קיינער נישט דערקענען צום נייעם גאסט? — ווענדט ער זיך צו די אלע מינים, וואס זענען שוין אויסגעשטעלט גרייט צום פליהען.

נאר קיינער ענטפערט נישט, יעדער מיין זעהט אינ׳ם כל־בו א קליין פיצעל זיינס, נאר אזוי פיעל פרעמדס!

עס דויערט א ווײלע און דער מלאך־המות נעמט זיך צוריק צום פייפערל... ער וויל א צייכען געבען: זאלען זיך די מינים פלי־הען יעדער אין זיין וועג, זאל דער כל־בו בלייבען אין סטעפ!

דאמאלט אבער האט דער כל־בו ארויסגעלאזט א שרעקליך געוויין, אין וועלכען עס האבען זיך געהערט אלע יללות פון אלע מינים חיות און עופות! ער איז צוגעפאלען צום מלאך־המות׳ס קני און האט איהם די פיס געקושט.

— וואו לאזט דו מיך איבער, דו בארמהארציגער מלאך!

דער מלאך־המות ווערט גערירהט פון זיינע טרערען, נאר וואס צו טון וויים ער נישט!

— אויף יעדען שטערן — זאגט ער דעם כל־בו — שטעהט א מלאך ביים טויער און קוקט נאך אמאל דורך דעם גאנצען טראנס־פארט... מען וועט דיך אין ערגעץ נישט אריינלאזען; און קיין עקס־טרא וועלט פאר כל־בו׳ניקעס האט גאך גאט נישט באשאפען...

— בארמהארציגער מלאך! דא בלייבען וויל איך נישט, קאן איך נישט, איך געהער דאך שטיקלעך־ווייז צו אלע מינים, זאל יעדער מין זיך צונעמען זיין חלק!

— עהרליך! — זאגט דער מלאך — דיין פסק זאל מקוים ווערען!

און, אז יעדער מין האט זיך אויסגעצופט זיין חלק איז ביי יעדען מין א דין הארל געבליבען, און ביים ערשטען ווינט האבען זיך די האר אפגעריסען און געבליבען דערנאך הענגען אין דער לופט...

---

מיט דער צייט האבען זיך אויף דער וועלט די כל־בו־ניקעס געמעהרט, נאר אלע האבען אזא סוף.

אין ענדע זומער, אויב דו זעהסט שפינוועבס הענגען אין דער לופט, זאלסט דו וויסען, אז דאס זענען כל־בו־האר!

אזוי האט מיר מיין באבע דערצעהלט...

## 3.

# א חלום.

איהר ווילט וויסען, פון וואנען איך קום אהער?

איך וועל אייך דערצעהלען; איך האב קיין סודות נישט.

אמאל בין איך גאר א געזונטער געוועזען; אייגענטליך פארקערט, איך האב געליטען; נאר אויפ׳ן מאגען, אויף די פיס, אויף נאך אנדערע קרענק אין ליב, א נשמה אבער האב איך געהאט א געזונטע — זי האט אפילו פרי־מגדים פארדייט; א מוח — און אייזערנעם; א קליינינקייט! דעם פארציוואער רב׳ס אייניקעל!

פאר מיין קעפעל האט מען מיר אן אשה צנועה געגעבען— איהר קענט זי אפשר? ביילע די שטריקען־מאכערין, א וואוילע אידענע! נדן אויך, ווי דען! איך האב ווייטער געלערענט, נאר געהאנדעלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט האב איך געזופט ש״ס ופוסקים, מיט דער צווייטער „קאנדיציעס“ געמאכט: מכלומר׳שט ווייץ געקויפט און אפגענומען געלט מיט פראצענט...

הכלל — איך בין געוועזען אי א למדן, אי א סוחר און האב טאקע מיט די קינדער גוטע שדוכים געטאן... אויף אייך אזא יאהר!

עס נעהמט זיי אפילו נישט גוט, די קינדער! נאר איינגעטונקט אין יחום האב איך זיי!

דאמאלט האב איך געדארפט חתונה־מאכען א טאכטער, דער מחותן האט דוקא געוואלט באר׳עס געלט און איך בין געפאהרען מאנען ביים פריץ...

מאכט זיך אן עסק, האט דער פריץ צו טון מיט סערוויטוטען, די פויערען האבען איהם געוואלט שלאגען, רייצט ער אויף מיר אן א הונט — אויך א יושר!

נאר דערווייל מוז מען אנטלויפען.

איך לויף, לויף, לויף... און קום אין גארטען אריין... ואָל [illegible]

אין גאָרטען, אָבי איך האָב שוין נישט דעם כלב'ס בילען, עס פעהלט מיר אַ פּיענטע פון זאַק, אַ שטיק פּאָלע, מיין דאגה, ביילע וועט צוגעהען...

נאָר הונגעריג בין איך געוועזען, דאָס האָרץ האָט אין מיר גע'חלש'ט.

און דאָ, זעה איך, אַ גאָרטען, אַ גן־עדן! טרויבען ווי אין ארץ־ישראל. עפּעל — גאָלדענע, בארנעס — געשפּרענקעלטע, גרויסע. דער זאַפט, דאַכט זיך, טריפט פון זיי אַראָפּ. איך שטרעק אויס אַ האַנט — רבונו של עולם! — די טרויב אַנטלויפט, דער עפּעל רוקט זיך אָפּ, די בארנע בויגט זיך אַוועק אין אַ זייט...

און, הערט אַ מעשה, אַלע רעדען.

— נישט דו — זאָגען זיי מיט אַ כעס — נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט...

איך ווער בייז. מיר קומט פּראַצענט, אַ הונט האָט מיך געביסען, פאַר שרעק ציטערען מיר נאָך די קני און פאַר זיי איז נאָך ווייניג! איך מ ו ז דאָך עסען!

איך טאַנץ און טאַנץ אַרום בוים; איך וואַרף מיט די הענט, איך צאַפּעל, אַ פיבער וואַרפט מיך פאַר צאָרן, דער זיבעטער שווייס באַדעקט מיך — און קיין איינציגע פרוכט לאָזט זיך נישט כאַפּען. זיי האָבען נאָך גאָר אָנגעהויבען צו זינגען ווי אַ חזן מיט משוררים:

נישט דו האָסט אונז געזעצט,
נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט...

נאָך אַמאָל דאָס אייגענע:

נישט דו האָסט אונז געזעצט,
נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט!

הערסט אַ מעשה? און נישט איבערצושפּאָרען! דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, און איך האָב מיך אַזוי לאַנג געוואָרפען און געוואָרפען, ביז איך בין אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד מיט שוים אין מויל.

איך ליג און דרעזעה, נישט ווייט פון מיר א געלען קאפעלוש, פונקט אזוינס ווי דער פריץ טראגט, נאר א קלענערעז, ווי פאר א נפל'ע ווענגען! איך כאפ א ציטער! וואס איז דאס? אינמיטען דערמאן איך מיך, אז מיין ווייב האט אמאל אזוינע קאפעלושען אהיים־געברענגט און דערפון א וועטשערע געקאכט, מיט קליסקע־לעך... אהא! דערמאן איך מיך, א שוואם איז עס, ווי איך בין א איד — א שוואם, זאל זיין רויהערהייט!

אפשר א הונטס־שוואם, אפשר סם?

ניין, אז גאט וויל נישט, סמ'ט מען זיך נישט; איך שטרעק אוים די האנט, נאר די חצופה רוקט זיך אויך אפ מיט א גאוה, זי טאנצט און היפט אוועק אויפ'ן דינעם שטעקעלע. „איך האב דיר אסך געקאסט?" פרעגט זי. מילא, איך וועל דאך נישט געהן טענה'ן מיט א חצופה. „וואקס אין דר'ערד אריין!" טראכט איך... וואס טוט מען? הונגער, ממש הונגער!

זאל זיין גראז! פאלט מיר איין. הלמאי אדם הראשון האט קיין פלייש נישט געגעסען! ער איז פרומער געוועזען פאר מיר און דאך יוצא געוועזען מיט „ירק עשב"! און איך ליג אויף הער־ליך, אויף אמת געשמאק גראז. נאר אביסעל, טראכט איך, מיט'ן מויל אנצוכאפען, אבי צו זיך צו קומען און פון גארטען ארויס; וועט עס מיר שאדען, וועט מיר מיין ביילע מאכען א „ווינער טרענקל"... א דאגה דאס איז — האס! נאר איך נעם און א פול מויל מיט קליינע שארפע שטיינדלעך: איך האב מיר דאס גאנצע מויל צובלוטיגט און דאס גראז — „ואיננו"! איך ליג אויף א גאל שטיקעל ערד, כלחוך השור!

א, שלעכט! איך זעה בחוש, אז דער פריץ איז א מכשף און זיין גארטען איז א כשוף! א שווינדלער — א כשוף־מאכער! ער האט אפשר גאר קיין גארטען, קיין פעלד, קיין וואלד נישט; עס איז אינגאנצען נאר א כשוף, אבי ביי אן עהרליכען איד א הלואה'־לע צו מאכען... פראצענט שרייבט ער צו, וואס שאדט עס?!

און מיט א הארץ, וואס קלאפט ווי ביי א גזלן, שפרינג איך אויף, און לויף מיט די לעצטע כחות פון גארטען ארויס.

אט, בין איך אויפ'ן פעלד...

אי — זאנגען ווי גאלד, זיי שאקלען זיך ווי עהרליכע אידען

ביי שמונה עשרה... זיי פארבעטען מיך: קום, איד, מאך א ברכה; קום, פארציוווער רב׳ס אייניקעל און בויג צו די כשר׳ע ליפען...
איך לויף צו מיט אן אפען מויל, נאר דאס פעלד לאזט ארויס א געלעכטער! און לאבענדיג זינגט עס, דאס פויערשע פעלד זינגט:

וואו ביסט דו געוועז,
ווען דער פויער האט געאקערט?
וואו ביסט דו געוועז,
ווען דער פויער האט געזייהט?...

א רעכטע שעהנע, ריינע כפרה, ווי הייסט, וואו איך בין געוועזען? איך בין געזעסען און האב געלערענט, תהלים געזאגט, גע־דאווענט! מעשיות פון זיידען, עליו השלום, פון פארציוווער רב, דערצעהלט... א דאגה, וואס א איך טוט?
וואס קומט אבער ארויס, וואס איך ווייס דעם אמת, אז די זאנגען זינגען און רוקען זיך אפ. איך פרואוו זיי שוין גארנישט יאגען. איך ווייס שוין, וואס כשוף באטייט!
נאר, ניין! נישט קשה, פאר הונגער וועל איך דאך נישט שטארבען! עטליכע געוויקסען, זעה איך, שטעהען אין דערמיט און ריהרען זיך נישט פון ארט; זיי ווייסען, אז איך בין דעם פארציוווער רב׳ס אייניקעל, אז איך זיץ און לערען, און, אז דאס הארץ איז מיר אוועק, איז א מצוה איך זאל עפעס טועם זיין. איך רוק מיך צו, זיי שטעהען; נעהנטער — זיי ריהרען זיך נישט פון ארט! האס! געוואלד! עס ברענט, פייער האב איך אין מויל, פייער, פייער! פאקשיווע איז עס געוועזען!
איך בין אנידערגעפאלען...
זכות אבות האב איך געהאט, אז איך בין נישט געבליבען אויפ׳ן ארט...
און אז איך האב מיך אויפגעכאפט, בין איך געלעגען אין בעט, ביילע מיינע האט געוויינט און אויפ׳ן קאפ האט מיך געדריקט א זעקעל אייז.
— וואו איז שרה? די כלה, וואו איז? — פאלט מיר פלוצלונג איין צו פרעגען.
מיין ביילע צוואוויינט זיך ערשט אויף א קול:

— זי איז אוועק — זאָגט זי — ערגעץ אין א פאבריק אריין. ארבייטען וויל זי...

וואס קלערט איהר ? ! גארנישט !

איך בין אנטשלאפען געווארען און האב מיך אויפגעכאפט שוין דא.

## 4.

# אַ רופא צי אַ חולה?

אַ שפּיטאָל איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט. עס האָט נישט אַזוי פיעל נפשות ווי אַן אַנדער מדינה, עס שפּאַלט זיך נישט אויף פעלקער מיט פאַרשידענע רעליגיאָנען און פּאָלי־טישע סיסטעמען; עס האָט דאָך פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי האָט איהר קרענק, איהר אָפּטיילונג, איהרע וועכטער, איהרע פעלדשער און דאָקטוירים, וואָס גיבען אַכטונג, מען זאָל זיך נישט מישען, ווייל די קרענק זענען אַנשטעקענד, ווענינגסטענס, פיעל פון זיי.

און עס זענען פאַראַנען אַפּוטרופּסים, וואָס היטען די אָרד־נונג; תקנות אויף יעדען שריט און טריט, מיט אַ גאַנצען קאָדעקס, פול מיט עצות טובות און אַלערליי שטראָפען פאַר נישט הערען, נישט פאָלגען!... וואָרים טאַקע — טאָמער ווערט אַ משוגע'נער שווינדזיכטיג און אַ שווינדזיכטיגער משוגע?

מאַנכע זענען נאָך נישט צופרידען פון דער אָרדנונג, באַזונ־דערע הייזער דאַרפען זיין, געמויערטע צוימען אַרום די הייזער, גרי־בער מיט אַנגעלאָזטען וואַסער אַרום די צוימען... מען וואָלט עס גע־מאַכט, ווען עס זאָלען גענוגען דערויף די „נדרים ונדבות", וואָס מען נ ע מ ט ביי בעלי־בתים. און דאָ ווערען זיי וואָס אַמאָל וועניגער די נדרים ונדבות, — שלעכטע צייטען.

און דעריבער טרעפט טאַקע, אַז אַ קראַנקער כאַפּט זיך אַרי־בער אין אַ פרעמדער פּאַלאַטע. דערפון קומען פאַרשידענע מגפות, רחמנא לצלן.

ערשט נישט לאַנג איז דאָס גאַנצע שפּיטאָל אוועקגעפאַלען אויף אַ הונגער־מגפה; פון אַלע בעטען, פון אַלע נומערען האָט זיך געהערט איין געשריי: ברויט, ברויט.

די ג ר ע ס ט ע אָרדנונג איז ד אָ ך ביי די משוגעים. מאַנכע האַלט מען אויף קייטען, אַנדערע נאָר אין באַזונדערע אָפּ־געשלאָסענע נומערען.

נאָר די „שטילע" האַלט מען צוזאַמען. מען האָט אויף זיי אַן אויג, אַ שאַרף אויג, נאָר, מכלומר'שט, פרייַ זענען זיי.

איך רעד פון די מענער, ביי די ווייבער בין איך נישט געווען.

און ווי קאַמיש די מענער זענען... אַז מען זאָל אונז — זאָגען זיי — לאָזען לעבען צוזאַמען מיט די פרויען, וואָלטען מיר זיך במשך פון אַ צוויי־דריי דורות אַזוי געמעהרט, אַז מיר וואָלטען מעהר געוועזען פאַר די מיושב'ע און מיר וואָלטען זיי איינגעזעצט אין שפּיטעלער. זיי מיינען עס גאַנץ ערנסט.

אַז מען לאָזט זיי אַמאָל אַרויס שפּאַצירען אין גאָרטען (אַ קליינע אַלעע פון צוויי שורות בוימער), געהען זיי אַ פּאָר מאָל אויף און אָפּ. דערנאָך זעצען זיי זיך אויס אַ שורה ביי דער וואַנט, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די ווייבער, און קלאַפּען מיט די שפּיץ־פינגער אין וואַנט אַריין.

„לייב פילאָזאָף", וואָס זאָגט, אַז צווישען מענער און פרויען איז דער אונטערשיד נאָר אין'ם נאָמען, רעדט דאָך אַן דעם עולם, מען זאָל קלאַפּען מיט די גאַנצע הענט און איינוואַרפען די מויער.

יוחנן מלמד אבער ראָט, מען זאָל נישט נאָכגעבען דעם יצר־הרע, מען זאָל וואַרטען ביז ראש־השנה.

— און ראש־השנה, וואָס וועט זיין?

ראש־השנה וועט דער משוגע'נער עולם דאַווענען, יוחנן מלמד — שופר בלאָזען און עס קאָן זיך נאָך אַמאָל טרעפען דער נס פון יריחו... „מיט איין תנאי — זאָגט ער, — אויב מיין צרה איז דאָרט נישטאָ!?"

צוויי נאָר האַלטען זיך ווייט פון דער מויער, איינער גאַזמאַן (זעה ווייטער פאַרוואָס ער הייסט אַזוי) און יונה'לע קדוש.

דער גאַזמאַן האָט קיין צייט נישט, ווי ער זאָגט צו „שאלת נשים". און יונה'לע קדוש, אַז מען דערמאַנט אַן אשה, כאַפּט ער די פּאָלע און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.

אַז אויסנאַם פאַר אַלע און אפילו פאַר'ן הייליגען יונה'לע איז יענטע די קרעמערין. זי איז אַ מאַנספּערשוין לכל־הדעות; עס איז אַפּנים באַלד אַ טעות געוועזען! אַ גראָב קול, אַ באַוואַקסען

פנים, כמעט א בארד, א שארפער בליק און אלע תנועות און עויות פון א מאנספערשוין. זי האט געמענט זיך אומטעום ווייזען! זי האט געפיהרט געשעפטען אין דער גאנצער מענער־אפטיילונג, א גרויסען האנדעל (פון וועלכען מיר וועלען נאך רעדען), און קיינעם פאלט נישט איין צו רעדען א ווארט.

יונה׳לע רעדט מיט איהר פה אל פה און לאזט קיין ברעם נישט אראפ.

פאר דאס האט זי לייב פילאזאף פיינט...

לייב פילאזאף, וואס האלט עולם ומלואה פון ווייבער, וואס לאזט אויף זיי קיין שטויב נישט פאלען, קאן אויף יענטעל קרע־מערין גלייכגילטיג נישט קוקען; אז ער דערזעהט זי, שפייט ער אויס און געהט אוועק.

עס איז שוין לאנג באמערקט געווארען, אז נישט שטענדיג שטימען די געפיהלען מיט די איבערציינונגען...

און איך לעב שוין דא א צייט צווישען עולם... אז איך בלייב איינער אליין, פאל איך אמאל אריין אין א ספק: אייגענטליך וואס בין איך: א דאקטאר צי א קראנקער?

טיילמאל הויב איך גאר אן מסופק צו זיין, צי דאס גאנצע „הקדש" מיט׳ן פליגעל פאר משוגעים איז נישט קיין אויסגעטראכ־טע מעשה? צי די הויכע ווענט, וואס איך זעה דורכ׳ן פענסטער, זענען נישט גלאט א כשוף, אן אויסגעטראכטע זאך? מען האט אפשר דעם אינדיק נאר ארומגעקריידט?

און, ווייסט איהר, אז דער גאנצער ספק הויבט מיר נישט אן צו שטערען... איך עס, טרינק, ארבייט, רוה, שלאף און טו אלץ, גלייך איך וואלט אין אלעם זיכער געווען...

טיילמאל דאך שרעקט עס מיך. איך טראכט: וואס, א מאשין בין איך? מען האט מיך אנגעדרעהט?

און אפשר, טראכט איך גאר, וואלגערט זיך אין מיר ארום א משוגע׳נער אלטער זיידע און טוט מיט מיינע הענט און פיס, גלייך עס וואלטען זיינע געווען, גלייך נישט איך, נאר ער וואלט גע־לעבט, גלייך עס איז ז י י ן צייט?

אויף דעם אלעם האב איך איין תירוץ: למאי נפקא מיניה?

און באמת, ו ו א ס איז דער חלוק?

לייב פילאזאף זאגט, אז עס איז נישט פאראן גאר קיין אמת און

קיין שקר. א והא ראיה, זאגט ער, עס איז אזא בוים גאר אין גן־עדן נישט געווען; נישט אדם, נישט חוה האבן קיינמאל אזא עפעל נישט פארזוכט. טוב ורע יא! און אויב, זאגט ער, עס איז נישט פאראן קיין אמת און קיין שקר, זענען קיין משוגעים נישט פאראן! אי וואס, זאגט ער, גארנישט!

אזוי ווי, זאגט ער, די גופים באשטעהען פון אטאמען, און די טבע פון גוף ווענדט זיך אין דעם, פון וויפיעל אטאמען ער איז צוזאמענגעשטעלט, אויף וועלכען סדר די אטאמען ליגען... אזוי זענען פאראנען אטאמען פון געדאנקען און געפיהלען... און די טבע פון יעדען געדאנק און פון יעדען געפיהל הענגט אפ נאר דערפון, פון וויפיעל אטאמען זיי זענען צוזאמענגעשטעלט — ווי אויך אין וואס פאר אן ארדנונג זיי ליגען איינער ביים צווייטען... נישט מעהר!

עס איז פאראן פארשידענע מעטאלען, פארשידענע געדאנקען און אלערליי געפיהלען; זיי קאנען, ווי די מעטאלען, זיין ניצליך, אדער שעדליך, אבער נישט אמת און נישט פאלש... פונקט ווי די מעטאלען! צי וועט געלד זאגען אויף זילבער, אז עס איז א טעות? זילבער אויף קופער צי אייזען: משוגע זייט איהר, אדער ליגנער?

דאס קאן נאר א מענש און נאר — פאר קנאה!...

מיר ווייטער קומט טיילמאל פאר, אז די אלע, וואס מען האלט זיי פאר משוגעים, מעהר אדער ווייניגער געפעהרליכע משוגעים, זענען נאר נייגיריגע מענשען, וואס האבען זיך ליעב אמאל אראפ־צוכאפען פון טראקט, פון שאסיי און זוכען אין א זייט נייע ווע־גען... בעסער צי ערגער, אבער זעהן מעג מען דאך, פרואווען לוינט...

מאנכע זענען נאר פרייע פייגעל, איבער די לופטען פליהען זיי...

גאנץ אפט האב איך הנאה, וואס איך לעב צווישען די דרייס־טע וועג־זוכער... ביי זיי איז וועניגסטענס נישט אזוי לאנגווייליג...

5.

# אַ שמועס מיט גאַזעמאַן.

פאַר מיר היטען זיי זיך נישט. דער באַהאַלטענסטער פון אַלע — גאַזעמאַן האָט אויך צו מיר צוטרויען.

עס פרעהט מיך.

נעכטען, צום ביישפּיל, קומט ער צו און אָהן אַ שום הקדמה, דערצעהלט ער מיר פון גרויסען וכוח, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אין בית־המדרש, מיט די גאַר גרויסע, וועלט־באַריהמטע בטלנים: ראובן, שמעון, לוי און יהודה.

— וועלט בלייבט וועלט! — זאָגט ראובן — זי שטעהט אויף אייזערנע זיילען און קופּערנע פונדאַמענטען.

— לאו הכי! — זאָגט שמעון — זי שאָקעלט און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור... אויפ'ן רוקען פון אַ משוגע'נעם פיש שטעהט זי, דער פיש וואַרפט זיך און זי צאַפּעלט! פון טייל בערג שפּריצט עס אפילו מיט פייער, אודאי!

לוי האַלט זיך אין פּסוק: תולה ארץ על בלימה, די וועלט שטעהט אויף גאַרנישט! אויף ג אַ ר נ י ש ט, אַקצענטירט ער מיט אַ נגינה.

און יהודה, וואָס וויל ווערען רב און גרייט זיך צו צום עקזאַמען, הייסט מיליאָנען־מיליאַסען קליינע, פּיצעלעך אַטאָמען לויפען אַרויף און אַראָפּ און שלאָגען מיט כח אויף יעדען פּינטעלע פון דער ערד און האַלטען זיי אַזויערנאָך אין „סאַמע־ראַדנע“ מיט; זי זאָל נישט חלילה אַרוים פון ראָד אַרום דער זון!

און איהר, גאַזעמאַן, וואָס האָט געזאָגט?

— איך? פּשוט האָב איך זיי געזאָגט: וואָס געהען אייך אָן פונדאַמענטען, זיילען צי אַטאָמען, אז די גאַנצע זאַך שטעקט אין גאַזען, וואָס די ערד האָט אינעווענינג אין זיך...

איהר זיצט און קלערט, זאָג איך, און זיי קאָנען דערוויייל אַרוים־

פלאצען און חרוב ונחרב מאכען די גאנצע וועלט מיט אלע איהרע בטלנים!

— און וואס האבען זיי געזאגט?

— זיי האבען מיר א נאמען געגעבען: גאזעמאן.

ער שפייט אויס מיט פאראכטונג, מאכט עטליכע שריט אהין און צוריק, און שטעלט זיך צוריק אפ.

— פארשטעהט זיך, מיך ארט עס נישט... אינגלעך האבען עס אויפגעכאפט, רעדט, שרייט, מיין דאגה; נאר דער שווער מיינער! פאר׳ן שווער האב איך שטארק מורא געהאט!

— א גבר אלים?

— אז עיקש... שפארט זיך איין, איך זאל גט׳ן דאס ווייב, באשר בכן — משוגע בין איך.

— און איהר האט נישט געוואלט?

— איך האב דען געקאנט? ממה נפשך, בין איך געזונט, פאר־וואס זאל איך זי גט׳ן, בין איך משוגע, ווי קאן איך געבען גט?

— און זי וואס האט געזאגט?

— מיין חוה׳לע? וואס האט זי געזאלט זאגען? וואס האט זי געקאנט זאגען? איך בין זיכער, אז עס איז איהר גאר אויף די געדאנקען נישט געקומען. וואס הייסט? מיר זענען דען קיין זווג נישט, חס ושלום? אז דער מלאך האט אויף אונז אויסגערופען: „בת פלוני לפלוני", ווי מיינט איהר, איז נישט געווען קיין שמחה אין אלע עולמות? מלאכים, זאג איך אייך, האבען פאר שמחה געוויינט. איך האב עס איהר דערצעהלט... אלץ דערצעהלט...

— און וועגען די גאזען אויך?

— וועגען די גאזען? ניין! נאר וואס? זי האט עס פון מיין פנים געלעזען. חכמת הפרצוף האט זי געקאנט ווי א וואסער! איך וויל איהר אמאל עפעס זאגען, שמייכעלט זי און זאגט עס מ י ר! פון מיין פנים האט זי געלעזען, ווי פון צאינה וראינה ארויס...

— און אפשר, — איז ער זיך מישב, — נישט פון פנים... איהר פארשטעהט, מיין הארץ און איהר הארץ... ניין, דאס וועט איהר נישט פארשטעהן...

— און זי האט אויך געגלויבט אין די גאזען?

— א שאלה דאס איז! דורך די גאזען האט זי דעם אפעטיט פארלוירען, נעכט נישט געשלאפען, פון פנים אראפגעפאלען... און

די אויגען, א וואונדערליכע זאך, האבען איהר געוואקסען און געוואקסען. מיט יעדען טאג זענען זיי גרעסער געווארען; דאס פּנים קלענער, די אויגען גרעסער!

ער פארטראכט זיך.

— און פון וואנען — פרעג איך — זיים איהר געקומען אויף די גאזען?

— דורך א חלום...

— א חלום, זאגט מען, איז א נאר.

— חוה'לע פלעגט אויך אמאל אזוי זאגען! איך האב אבער דעם חלום געזעהן דריי מאל און דערנאך האט זיך פּאסירט אזא מעשה...

באמת — א וואונדערליכע מעשה.

איינמאל איז ער זיך ארויסגעגאנגען שפּאצירען צווישען מנחה ומעריב. גאסען־יונגען האבען איהם דערזעהן און נאכגעלאפען. זיי ווילען, ער זאל זיי דערצעהלען די חלומות...

— איך האב, — זאגט ער, — אפילו חשק צו דערצעהלען... אדרבא, זאלען זיי וויסען; האב איך דאך אבער מורא פאר'ן שווער... ער וועט געוואר ווערען, פאר'מסר'ן מיך פאר חוה'לען... און וואס וועט זיין? זי וועט וויינען! זי וועט זיך די אויגען אויסוויינען!

אנטלויפט ער, יאגט מען איהם נאך, כאפּט איהם איינער אן פאר א פּאלע.

— איך זעה, עס איז שלעכט, ער וועט אפּרייסען די פּאלע... דערמאן איך מיך אין יוסף הצדיק, לאז איהם איבער די קאפאטע און אנטלויף ווייטער.

ער לויפט און לויפט, ביז ער פארלויפט ערגעץ הינטער דער שטאדט, שלאגט זיך אן אין א בערגעל, פאלט און בלייבט ליגען.

— ליגענדיג אזוי, וואס מיינט איהר, דערזעה איך? קברים דערזעה איך... א הייליג ארט געוועזען! צי בין איך, נישט ווי־סענדיג, פאר שרעק אריבערגעשפּרונגען די צוים פון בית־עלמין, צי עס איז קיין צוים נארנישט געוועזען, ווייס איך נישט ביז היינט...

נאר א מאדנער עולם אמת. די מצבות שטעהען נישט איין א

רגע, זיי שאקלען זיך... פלוצים הויבען אן פון אונטער זיי ארויס־צוקריכען מתים...

— איהר האט אייך דערשראקען?

— חס־ושלום! מתים זענען קיין גאסען־יונגען נישט. איך רעד מיט זיי:

— „וואס האט איהר אייך, — פרעג איך — אין א פראסטען מיטוואך פאר חצות דא פארזאמעלט?"

אז אומגליק, זאגען זיי, האט זיי פאסירט. אונטער די מצבות האבען זיך אנגעזאמעלט גאזען... „דערשטיקט צו ווערען", זאגען זיי.

דערווייל שלאגט דער זייגער צוועלף.

די מתים לאזען זיך אין שטאדט אריין דאוונען און איך ציה מיך אויס אויף דער ערד, לעג צו אן אויער, איך וויל הערען, וואס דארט טוט זיך.

— און איהר האט געהערט?

— אודאי! ווי א שטורעם אונטער דער ערד! אהין און צו־ריק, אהין און צוריק, ווי א קעסעל־פויק... טרא—טרא—טרא—טא—דא—באק! טרא—טרא—טרא—טא—דא—באק! אינמיטען, דערהער איך, א שמועס צווישען צוויי קולות אונטער דער ערד.

— פלאצען? — פרעגט איין קול.

— צו פריה! — ענטפערט דאס צווייטע.

— ווען דען?

— ס׳וועט זיין א סיגנאל...

— ווען וועט זיין דער סיגנאל?

— אז די פרוכטען וועלען רייף זיין אויף די בוימער...

ער שווייגט.

— דאס איז עס אינגאנצען? מעהר האט איהר נישט גע־הערט?

— שפעטער האב איך געהערט נאך א שמועס. דאס הייסט, דעם סוף פון יענעם שמועס. אזוי האט מען גערעדט:

— ווער וועט, — פרעגט א קול — געבען דעם סיגנאל?

— חנינא, — ענטפערט מען, — וועט געבען דעם סיגנאל.

מילא, לויף איך געשווינד אין שטאדט אריין צו חוה׳לען און פרעג זי אויף חנינא׳ן. זאגט זי, אז חנינא׳ס איז דאך אסך: חנינא

דער וואכערניק, חנינא פרוש, וואס איז ערגעץ אוועק און איבער־געלאזט א ווייב מיט קינדער, ימח שמו... חנינא דער שמש פון „סומך נופלים“. חנינא פועל בטל... און געה וויים!

— און אהער — פרעג איך — ווער האט אייך געבראכט?

— בין אליין געקומען, — ענטפערט ער, כמעט מיט א שטאלץ — אליין געקומען, פון שווער אנטלאפען...

— און חוה'לען גאר אוועקגעווארפען?

— אודאי! — מאכט ער חוזק — ווי דען! נאר איינער, זי קומט צו מיר.

— ווען?

— יעדען אווענט...

— יעדען אווענט?

— ...קומט זי צו רייטען אויף דער לבנה...

— און פאר'ן מולד? — פרעג איך.

ער גיט אויף מיר א קוק מיט כעס און בזיון צוזאמען.

— אזוי, — זייערט ער פון צווישען די ציין, — אזוי... א חוקר ודורש... א נאז־קוקער, אהא!

ער איז פון מיר אוועקגעגאנגען מיט שלעכטע געדאנקען... איך מוז איהם בארוהיגען.

## 6.

# דער קדוש.

וואס א וועלט איז! חוה'לע, דעם גאזעמאנס ווייב, קומט צו רייטען אויף דער לבנה, און שפרינגצע, יונה דעם הייליגענס ווייב — אויף א בעזעם!

חוה קומט איהר אומגליקליכען מאן טרייסטען, אונטערהאל־טען, יענע ברענגט בראנפען מיט קיכלעך און קליין־געלט פאר די וועכטער, זיי זאלען דעם קדוש נאך פעסטער האלטען; נישט ארויס־לאזען אויף דער ליכטיגער שיין!

חוה איז אן איינפאכע כשר'ע אידענע, טוט ווי דער מאן וויל; שפרינגצע — דער הייליגער יונה דערצעהלט, אז, שטעהענדיג מיט איהר אונטער דער חופה, האט ער באלד דערפיהלט א ריח פון פעך... ער האט געוואלט שרייען, האט אבער דער רב דערווייל אנגעהויבען די ברכה און דער פאטער האט איהם שטילערהייט דערלאנגט אין פלייצע.

שפעטער, אז ער האט אנגעהויבען שרייען, אז זי איז א מכשפה, א לילית, האט מען איהם נישט געגלויבט, געהייסען וואוי־נען... און, אז ער האט שיער נישט באקומען דאס חולה־נופל פאר שרעק, האט מען איהם געבונדען און אהערגעשיקט...

און זי איז א מכשפה! ווען נישט איהר כשוף, וואלט ער שוין לאנג געווארען א רואה ואינו נראה און וואלט נעלם געווארען.

די דאקטוירים, ימח שמם, לאזען אויך נישט, זיי נויטען איהם צו עסען טרפות, צו טרינקען נסך... און ער קאן גארנישט טון! אבער גארנישט!

אין הימעל דארט האט ער, דער קדוש, א גרויסע דעה, אסך צו זאגען; דא אין שפיטאל — גארנישט! וואלט ער געוועזען נישט קיין קדוש נאר א צדיק, א בעל־מופת, וואלט ער געקאנט אפשפרעכען, צוזאגען; וואלט ער געהאט ביי זיך כאטש איינס פון די מיליאנען שליסעלעך, וואס עפענען ביי מענשען הערצער און

קעשענעס, — בא! וואָלט ער געווען פריי, געלעבט א וועלט! אָדער ער וואָלט אליין פארלעגט א געשעפט, אָדער עס וואָלט זיך געפונען אן אימפּרעסאריאָ אויף די גוטע זאכען... ער אָבער, אן אמת'ער דאָן קיכאָט, האָט זיך אונטערגענומען בייצושטעהן גאָט מיט דער מלחמה מיט'ן שטן... ווער וויל זיך עס אריינמישען אין אזא זאך? וואס האָט מען דערפון? האָט מען איהם טאקע אהערגעשיקט. וויל מען זיין פּרצוף נישט זעהן.

ער איז דאָך ביי זיך נישט אראָפּגעפאַלען... אז איך העלף א י ה ם, מוז ער מיר א ו י ך העלפען... נישט אצינד, איז שפּעטער... אין צווייטען, אין דריטען גלגול!

דערווייל, — וואס זאָל ער טון?

א שם האָט ער, נאָר די ליפּען האָט מען איהם מטמא גע־ווען. ער קאָן דעם שם מיט אומריינע ליפּען נישט ארויסזאָגען!

די געזונטע האַלטען, פארשטעהט זיך, דעם קדוש פאר משוגע. אלע זענען פון שפּרינצע'ס צד... און די משוגעים?

פארשידען!

פיעל גלויבען אין איהם.

אחשורוש זאָגט, אז איהם טוט זעהר הנאה, וואס דער קדוש איז געקומען אין זיין מדינה אריין. ער האָפט, אז ער וועט האָבען א שטאַרקע פּעולה אויפ'ן יונגען דור, אויף די מדות...

יוחנן מלמד, געהט זיך אין זיין דרך. ער זאָגט: מען מ ו ז גלויבען! א מענש, זאָגט ער, קאָן זיך אליין נישט מאכען פאר א רשע, אָבער פאר א צדיק — מהיכא תיתי! אז ער וויל, איז ער! גאַזעמאַן ציהט מיט'ן אקסעל:

— די גאַזעט, זאָגט ער, וועלען אסך פרעגען, ווער עס איז א צדיק און ווער עס איז א רשע!

יענטעל די קרעמערין רעכענט נאָך ראש־השנה צו עפענען זיך א קלייטעל מיט בוימאויל צום אָפּשפּרעכען.

זי קלאַפּט יונה'ן אין דער פּלייצע און זאָגט: אז דו וועסט מיך נאָך פאָלגען, וועט געהן א געשעפט; אחשורוש וועט אויך הנאה האָבען.. .

דער קדוש דרעהט זיך אָפּ, וויל נישט וויסען פון קיין גע־שעפטען, נאָר דער רעשט עולם, אז ער הערט: קדוש, שפּרינגט ער באַלד אונטער, זאָגט דריי מאָל קדוש...

עס קאָסט איהם אסך?

איין לייב פילאָזאָף איז דעם קדוש א שונא אויפ׳ס לעבען. מיר דאכט זיך פאר קנאה. ער רייצט זיך מיט׳ן שטענדיג.

ער געהט צו, נעמט איהם אָן ביי דער גאָמבע, הויבט איהם דעם קאָפּ אין דער הויך און פרעגט:

— עסט באמת טרפות, קדוש?

— אודאי!

— נאָך וואָס טוסט דו עס?

— איך מוז דאָך, איך וועל דאָך שטאַרבען פאר הונגער!

— און אז מען שטאַרבט פאר הונגער, וואָס איז? געהט מען דאָך ערשט אין גן־עדן אריין!

דער קדוש ענטפערט געלאַסען:

— איך קאָן נישט שטאַרבען פאר הונגער, — איך מוז, — זאָגט ער, גאַנץ ערנסט — פארברענט ווערען... מי באש.

— פאַרוואָס גראָד באש —

— דער גוף זאָל פאַרברענט ווערען! אין פייער גערייניגט ווערען... די גזרה איז אזוי!

אַן אַנדער מאָל פרעגט איהם לייב פילאָזאָף:

— און ווען וועסט דו שוין פאַרברענט ווערען, קדוש?

דער ענטפערט געלאַסען:

— ווען עס וועט קומען די צייט.

פון דאַמאָלט אָן פלעגט ער איהם וואָס אמאָל פרעגען:

— נאָך נישט? אַלץ נאָך נישט צייט?

איינמאָל האָט איהם דער קדוש געענטפערט:

— איך האָב נישט קיין צינדהעלצלעך!

דערויף רופט זיך אָן יענטעל, אז זי האָט סחורה מכל המינים, אז זי איז גרייט אַלץ אוועקצוגעבען דעם הייליגען יונה, און אַלץ בחנם, על כל פנים, בחצי חנם, נאָר קיין צינדהעלצלעך האָט זי נישט... מען לאָזט נישט אריין!

— זעהסט! — טריאומפירט דער קדוש.

— ביסט פאַרט א ליגנער, — שרייט גיפטיג לייב פילאָזאָף.

## 7.

# די שרפה נאך דער שרפה.

דער קדוש איז דאך קיין ליגנער נישט געוועזען; ער האט זיינס געטאן.

געשעהען איז עס אין א מולד־נאכט: איך געדענק עס ווי היינט:

די קראנקע זענען איינגעשלאפען. דער קדוש האט זיך שטיל ארויפגעכאפט פון בעט, שטיל געעפענט דאס פענסטער; ער איז ארויסגעשפרונגען און איז אריין אין אפענעם פאדער־הויז. דארט האט ער ביי א פארשלאפענעם וועכטער ארויסגענומען—לייב פילא־זאף זאגט: ארויסגע'גנב'עט—פון קעשענע א פעקל זאפאלקעס—

---

די רעשט איז לייכט צו פארשטעהן.

דאס דול־הויז איז אלט, זעהר אלט...

יוחנן מלמד זאגט, אז עס איז נאך פון המן'ס צייטען... לייב פילאזאף — פון קודם מתן תורה... דער קדוש האט געגלויבט — משׁשת ימי בראשית... באשאפען געווארען איז עס ערב שבת בין השמשות, מיט די שדים און מזיקים, וואס וואכען ארום „צווא־מען"... סיי ווי סיי אלט איז עס, אלט און טרוקען; ממש אויסגע־דארט...

און דאס האלץ, אז עס האט נאר א פונק דערשמעקט, האט עס אויפגעפלאקערט מיט א שמחה, מיט א גדולה!

איך האב געזעהן, ווי באלקען האבען זיך אליין אויסגעדרעהט און מיט א ציטער פון אן אמת'ן בעל־תאוה, זיך געגעהנט צום פייער... א זייל, האב איך געזעהן, האט זיך אויסגעקרימט ווי א האלבע רייף און אריינגעלעגט דעם קאפ אין דער בראנד!

עס וויל ברענען, עס דארף, אפנים, ברענען!

און דאך, — ווי שרעקליך איז א שרפה! און נישט דאס פייער איז אזוי שרעקליך, דאס פייער איז שעהן און גרויס, דרך־ארץ האב איך פאר פייער, וואס רייניגט אלץ... נאר דאס געשריי, דאס געפילדער איז נישט צום אויסהאלטען!

דאס געיאמער פון קראנקע, דאס קנאקען פון באלקען, פון ווענט, דאס רעדערען, סיקען און פייפען, די געשרייען פון דער פאזשארנע־קאמאנדע, די אפוטרופסים מיט הויך אויסגעשריגענע עצות — פוי!

אזא קאנצערט, הערט זיך נאר אין גיהנום...

דאס פייער ווערט אויך בייז! גאנצע בונטען פלאמען יאגט עס אויף די לייט. עס ווארפט אויף זיי מיט באלקען! מיט טירען און פענסטער; א מלחמה! א שרעקליכע מלחמה!

און ער?

ער, דער קדוש, שטעהט זיך אויפ׳ן שפיץ דאך, אינמיטען פייער, ארומגענומען ביז׳ן גארטעל מיט רויטע און בלוילכע שלאנגען...

און ער שטעהט, און רופט, און זיין קול שניידט זיך דורך דעם גאנצען גיהנום׳דיגען גערודער און שלאגט זיך צו צו יעדענס הארץ...

— „שמע ישראל!“ — רופט ער.

---

אויסער דעם קדוש האט דאס פייער קיינעם נישט געשאדט.

דאס דול־הויז איז געוועזען אסעקורירט; דול־הייזער אסעקורירען זיך איינם ביים צווייטען, דאקטוירים קריגען נייע אינסטרומענטען צו אפעראציעס... די פאזשארנע־קאמאנדא — געלט, אפוטרופסים — כבוד: ווייניג איינגעשטעלט דאס לעבען האבען זיי זיך? און די משוגעים האט מען דערווייל אריינגענומען אין איין סאלע...

פארשטעהט זיך, אז וואס מעהר משוגעים עס פארזאמלען זיך אויף איין ארט, שטארקער פיהלען זיי זיך; און וואס מעהר די משוגעים פיהלען זיך שטארקער, פיהלען זיך שוואכער די וועכטער.

דער ליארעם געהט טאקע ביז׳ן הימעל אריין.

יענטעל איז דאַ אויך אַן איינגעהעריז, פיהרט דאָס רעדעל.

— דאָס געשעפט, — זאָגט זי, — פאַרגרעסערט זיך; דער ריוח ווערט דאָך קלענער; קוים פּרנסה. זי האָט, נעבעך, צו דער־נעהרען אַ קראַנקען מאַן מיט אַ גאַנץ געזינדעל.

און דאָס געזינדעל, ווי זי זאָגט, באַשטעהט פון צוויי טעכטער אַלמנות מיט קינדערלעך, צוויי טעכטער מיט מענער און אויך מיט קינדערלעך, אחוץ קינדער פון ערשטען מאַן...

זי האַנדעלט: מיט קרושקעלעך פון ברויט, פּיצלעך טיטין פון אָפּגעברענטע פּאַפּיראָסען, שטיקלעך לייוואַנט און טוך, רעשט־לעך פון ליכט. טײַלמאָל איז אַ שטיקעל שנייץ אויך אַ סחורה.

אַלס געלט געהען שטיקלעך גלאָז. קאָלירט גלאָז איז גאָר גאָלד אין דער מעלה... קאָלירט פּאַפּיר איז באַנקאָ־צעטעל, ווייס — קוויטלעך און וועקסלען.

און זי שרייט:

— רוצחים! דאָס איז מיין גאַנץ עשרות די סחורה! וואָס גנב'עט איהר? וואָס רייסט איהר? וואָס ציהט איהר מיר די קליי פון די ביינער?

די קונים שווייגען אויך נישט.

זיי שרייען, אַז זי באַרייסט, גיט פאַלשע וואָג און מאָס.

אחשורוש, דער מלך פון הודו — דער אויוועז רעכטס — ביז כוש — די טיר אין קיך אַריין לינקס, — געהט אַרום מיט אַ גדלות, פאַרשרייבט מיט אַ נאַסען פינגער, אויף אַ שויב צי אויף אַ וואַנט, דעם חשבון פון „מסים וארנוניות“, וואָס איהם קומט שוין פון מסחר...

— איך בין דיך מתרה, יענטעל! דו פאַלסט אַריין אין טורמע!

— זרח, — רופט ער צו אַ קונה, — דיר וועל איך אויך נישט שענקען! איך זעה — ווילסט מאַכען פּליטה! פון אַמעריקא וועל איך דיך ביי די האָר הייסען אהער שלעפּען! איך האָב דאַרטען אויך מיינע לייט! נישט קשה!

אַן אַנדערען רופט ער צו:

— קויף און פאַרקויף אַנדערטהאַלב־מיליאָן פּוד, קריגסט דו אַ „פּאַטשאָנטע“!

טײַלמאָל רוקט ער זיך צו צו גאָזעמאַן, וואָס זיצט פאַרטראַכט

אין א ווינקעלע, אדער צו לייב פילאזאף מיט יוחנן מלמד, וואס זיצען אין א זייט פארזונקען אין א ובוח וועגען תכלית פון דער וועלט, פון מענש און אלערליי אנדערע זאכען...

ער שטעלט זיך אפ, לעגט א פינגער אויף דער נאז און זאגט:

— שווייגט בעסער...

אניט, לעגט ער זיי גאר פאר א האנדעלס־פארטראג...

און אזוי רודערט זיך ביז דער האן קרעהט.

---

פארוואס גראד ביז דער האן קרעהט? פארוואס שפילט דער האן מיט'ן קרעהען אזא גרויסע ראלע אין שפיטאל?

— זארי, שפילט ער, — זאגט אחשורוש, און „זארי" פארשטעהט מען, איז א גרויסע זאך.

— סימנא בעלמא — זאגט דער מלמד, — מען האט געדארפט א צייכען, וואס עס איז פאר א צייכען, האט מען זיך אנגעכאפט אין האן...

לייב פילאזאף זאגט, אז עס מוז דאך עפעס שטעקען דערינען. דען, פארוואס דוקא א האן, נישט א הון?

— א הון קרעהט נישט, קאן נישט קרעהען, — פאלט איהם יענטעל מיט כעס, אין די רייד אריין, — צו מיינע שונאים'ס קעפ — —

— בייטעל נישט, — ענטפערט לייב קאלט ווי אייז... הינער בטבע זענען גלייך צו הענער... זיי וואלטען געקאנט קרעהען, נאר מען האט זיי אפגעוועהנט... אז א הון קרעהט, קוילעט מען זי...

— ווייטער די אייגענע קשיא, פארוואס? — מאכט יוחנן.

— איך וועל קלערען דעריבער, — זאגט לייב. — און, — גיט ער צו שטאלץ — עס איז צייט... איך אייל מיך נישט!

נישט דאס וויסען איז דער עיקר, נאר דאס קלערען!

---

איך וויל אויך קלערען, נאר מיין קאפּוועהטאג וואקסט פון טאג צו טאג. זייט די משוגעים זענען צוזאמען, איז סכנת נפשות... די טויזענטער נייע וועגען, וואס זיי זוכען אין אלע זייטען, קריי־

ציגען זיך און פארקניפען; שווינדעלט פאר די אויגען א באשטענ־
דיגער, בליצענדיגער קאליעראסקאפ מיט פארפלאנטערטע ברענענ־
דיגע ליניען... דער מוח וויל טיילמאל פלאצען. איך קלער שוין
אפילו נישט, ווער איך בין, א רופא צי א חולה, ווייל, איך בין זי־
כער, אז אויב איך בין נאך נישט משוגע, וועל איך עס היינט־מאר־
גען ווערען.

# שמאי ראטמאן.

איהר קענט שמאי ראטמאן? געוויס!
נעכטען, שטעלט אייך פאר, טרעף איך איהם אין גאס.
— שמאי! — רוף איך, ער הערט נישט. איך מאך מיט
דער האנט, ער זעהט נישט! ווי א גולם שטעהט ער, מיט אפענע,
שטארע אויגען; איך כאפ איהם אן ביים אקסעל:
— גאט איז מיט דיר, שמאי!
ער כאפט זיך אויף, ווי פון שלאף.
— א נייע אידעע! — שמייכעלט ער.
א וואונדערליכע זאך די נייע אידעען! ווי דאס ווערט גע־
בוירען!
א מענש, ווי אלע מענשען; א פאריאגטער, וואס דארף, און
גאנץ אפט, אלערליי געלטער — פרנסה־געלט, דירה־געלט, מלמד־
און לעהרער־געלט, חוץ אנדערע געלטער,—אזא מענש פאלט פלוצים
אוועק אינמיטען גאס — א גולם! אן אפען מויל, אפענע אויערען
— און ער הערט נישט, ער זעהט נישט און פיהלט נישט!
וואס איז? עפעס אין מוח, אין א פינסטער באהאלטען ווינ־
קעלע, שפינט זיך און וועבט זיך א נייע אידעע.
און זי וועבט זיך און שפינט זיך אהן זיין ווילען, אהן זיין ווי־
סען, און, מעהרסטענטיילס, נישט פאר זיין טובה וועגען...
איך קען אסך, אסך מענשען, וואס אידעען האבען זיי איבער־
געפיהרט...
ראובן האט געקלערט און געקלערט, ביז ער איז געפא־
לען אויף א נייער המצאה, און איז אריין מיט אייגענע און פרעמד־
געלט...
שמעון האט זיך איינמאל פארטראכט — פארטראכטער־
הייט האט ער זיך עפעס ארויסגעכאפט, און פון דאמאלט אן, יאגט

מען איהם און מען פלאגט איהם פון אלע זייטען, מען ווארפט איהם נאך שטיינער אין גאס...

ל ו י איז גאר אראפ פון זינען, און ווען נישט דאס ווייב זיינס, וואס לאזט פון איהם קיין אויג נישט אראפ, וואלט ער שוין לאנג געהאנגען ערגעץ אויף א בוידעם.

י ה ו ד ה, כאטש קיינער טשעפעט איהם נישט, לויפט, צייט ער איז געפאלען אויף עפעס א וואונדערליכע אידעע, ארום ווי משוגע אין די גאסען, און שרייט „געוואלד!"...

און ז ב ו ל ן, דעם מוזט איהר אויך קענען. זייט ער איז אויפ'ן קאפ געפאלען, געפעלט איהם נישט דאס ווייב, קען ער נישט זיינע אייגענע קינדער, עסט ער נישט און טרינקט נישט, און געהט קריעה־בליעה — און וואס וויל ער? געהט פרעגט איהם!

און פונדעסטוועגען, האב איך א שרעקליכען חשק צו נייע אידעען! ווער ווייס? צווישען איבערגעשראשען שטרוי קאן זיך דאך אמאל געפינען א קערענדעל ווייץ, און צווישען מיליארדען נייע אידעען, קאן זיך דאך אמאל געפינען א י י ן אמת'ע אידעע.

און געפינט זי זיך, ווער קאן איבעררעכענען דעם שאדען, אדער דאס גוטס, וואס א נייע אידעע קאן ברענגען מיט זיך?

עס קאן זיין א בליץ, וואס וועט אויף ארט און שטעל פאר־שווינדען... עטליכע שאק בלינדע הינער וועלען גארנישט וויסען פון איהם און לייקענען שטיין און ביין, און עס קאן זיין א דונער! און א דונער איז שוין נישט קיין קלייניגקייט; ער קאן אריינשלאגען אין זאמד פון סטעפ און אויסדרעהען נאר א גלעזערען רעהרעל, אריין אין ים און אויסגעהן ווי א ליכט; ער קאן אבער אויך אריינשלא־גען אין א הויז, און אנמאכען — גאט ווייס וואס פאר א שרפה... איידער עס קומט די פאזשארנע קאמאנדע, קאן פון א שטאדט נישט בלייבען א שטיין אויף א שטיין...

גאט מיין איינציגער! א נייע אידעע קאן דאך נאך ענטפערען אויף די אלע ביטערע פראגען, וואס פרעסען אונז אוים דעם מוח פון די קעפ; אויף די אלע רעטעניש, וואס דרעהען אונז, ווי די עגבער, אין די געהירען — ווער ווייס!

און ד ע ר, דער שטעהט פאר מיר און שמייכעלט: א נייע אידעע!

איך כאפ איהם אן ביי א לאץ:

— זאג!

דא, אינמיטען גאס?

איך דאנק גאט, וואס מיר זענען נישט ווייט פון א קאנדי־טאריי...

*  *
*

נאך עטליכע שלוק טיי, ווייס איך שוין אין וואס עס געהט.

די וועלט וועט זיך נישט איבערקערען, אויך וועט זי נישט פארברענט ווערען, עס וועט אפילו קיין שטורעם-ווינט נישט זיין. וואס זאל דעם שטויב פון די גאסען יאגען אין די אויגען אריין...

שמאי ראטמאן וויל נאר מאכען א נייע חברה!

אייגענטליך — אויך גוט!

— פארשרייב מיך!

— שוין!? — וואונדערט ער זיך, — דו ווייסט נאך נישט וועגען וואס עס געהט!

— אלץ איינס! — זאג איך — מיר דארפען נייע חברות; שלעכטע, גוטע, נארישע, קלוגע, אבי חברות, אבי עס זאל נישט זיין טויט, זאל זיך רודערען... און אצינד זאג, וואס דו ווילסט!

— איך וויל, — זאגט ער, גרינדען א חברה דענקער!

— דענקער?

— יא, איינפאך, דענקער...

— נאך וואס?

— הער... נאר, איך מוז האבען א גאנצע פאררעדע.

— נאך בעסער! פאררעדען האב איך ליעב, ווי דאס לעבען וועניגסטענס — מעהר אלס די ביכער... די פאררעדע איז זעלטענער גענומען...

— דו מאכסט חוזק, — באליידיגט זיך ראטמאן.

— און דו האסט מורא פאר לצנות? דו, א מענש פון נייע אידעען? דו דארפסט דאך זיין גרייט אויף שטיינער, אויף פייסטען, אויף פייער און וואסער...

— דאס אלץ — ענטפערט ראטמאן, — שאדט נישט! דאס זענען, געוועהנליך, נאר די הייזעס, אויף וועלכע אידעען וואקסען! נאר חוזק מאכען, דאס שטעכען מיט נאדלען, דאס קאן א מענש,

כאָטש ער איז גרייט צו אויטאָ־דאַ־פעען, איבערשרעקען...
— איז נישט, נו! איך שוויג שוין, דערצעהל!
און ראַטמאַן דערצעהלט.

*　*
*

באַמערקט האָט ער, ראַטמאַן, אַז אַלץ האָבען מיר ליעב, נאָר נישט צו קלערען.

— ווי הייסט?

— גאַנץ איינפאַך, מיר זענען פויל, שרעקליך פויל! אַזוי צו ליגען אויף דעם פרישען גראָז און יאָגען די וואָלקען אין הימעל...

אָדער, — האַק איך איהם איבער, — זיצען און עסען און טרינקען.

— עט! — מאַכט ראַטמאַן, — עסען און טרינקען האָט מען וואָס אַמאָל ווייניגער, מען איז יוצא מיט אַ „יהי רצון“, — גלייך מען וואָלט געגעסען, גלייך מען וואָלט געטרונקען. נאָר וואָלקען אין הימעל פעהלען נישט, און אַלע מעגען קוקען.

ליגען מיר טאַקע און קוקען... טייל שטודירען מכלומר׳שט אַס־טראָנאָמיע און צעהלען די שטערען: איינס, צוויי, דריי... ווי ווייט איינער קאָן!

מאַכט זיך אַ שטורעם, שפּרינגען מיר אויף די פיס, — דאַ־מאָלט זענען מיר גרייט — צו אַנטלויפען!...
וואוהין?

וואו דו ווילסט! רעכטס, לינקס, ווייטער אָדער צוריק, נאָר עמיצער זאָל זיין דער וועג־ווייזער, דער ערשטער לויפער, דער טריק, דער באָק!...

מיר קאָנען געהן, מיר קאָנען, אפילו מיט די געשוואָלענע פיס, לויפען, אַלץ־איינס וואוהין, נאָר צוויי זאַכען: ערשטענס, זאָל זיין אַ טריק, און צווייטענס, זאָל ער זיך נישט אָפּשטעלען און נישט פרעגען אונז אַליין: וואוהין? קלערען האָבען מיר פיינט, טראַכ־טען איז סם!

אין יעדען אומגליק, אין יעדער שלעכטער צייט, קוקען מיר זיך אום, צי וועט זיך באַווייזען אַ זייל, פון פייער צי פון וואָל־

קען, נאר א זייל, וואס זאל זיך פאר אונז רוקען און ווייזען דעם וועג.

קומט א מ ש ה, לאזען מיר שטעהן די טעפּ מיט פלייש, מיט די ציבעלעס אין מצרים און געהען איהם נאך אין מדבר אריין; אינמיטען וועג ווילען מיר מאכען אן אנדערען ר א ש און — צוריק קיין ג ש ן!...

משה פארזוימט זיך אויפ׳ן בארג סיני, אונזערע ווייבער האַבען צירונג, — אהער! וועט זיין א גאָלדען קאלב!

א שלוק טיי און ראטמאַן רעדט ווייטער:

---

מען זאגט, אז צייטען בייטען זיך. נישט וואר! דער אייגענער האס צום קלערען, צום טראַכטען, צום מישב זיין; מיר זעגען פויל, ווי מיר זענען אמאל געוועזען.

מיר האבען ליעב דעם שקר, נישט נאר דערפאר, ווייל ער איז אויסגעקעמט, אויסגעפוצט און שמעקט פון פערפומעס, נאר ווייל ער איז זיכער, און זאגט אלץ אויף זיכער, גלייך ער וואלט דערביי געוועזען. א מזבח פאר גאט? — וואויל, קוילען מיר קעלבער! פאר׳ן מולך - נאך בעסער! קינדער צום פארברענען פעהלען נישט, — נאר זאגט בפירוש, וואס איהר ווילט, קלערט נישט און הייסט נישט קלערען!

א מ ת וואלטען מיר אויך אויסגעהאלטען. נאטירליך, זאל ער פריהער זיך אפשניידען די נעגעל און נישט אויסדראפען, רעדענדיג, די אויגען; זאל ער נישט ארומגעהן נאקעט און בארוועס אין די גאסען, חבר׳ן זיך מיט שניידער־ און שוסטער־יונגען... נאך עפּעס: אין וואס וואוינען מיר? אין שטרויענע, הילצערנע און ווען אפילו שטיינערנע, נאר אין אלטע אויסגעטריקענטע הייזער — זאל ער נישט ארומגעהן מיט׳ן פלאקער פייער אין דער בלויזער האנט... א קליין ליכטעל אין א גרויסען לאמטערען איז זיכערער... קאליטעט גלעזער — שענער און בעסער! נישט דער אמת איז געפעהרליך! צי די ערד דרעהט זיך ארום דער זון צי פארקערט, איז דעם רב מיט דער רבי׳צין אלץ איינס, נאר ווי מען האט געזאגט, אזוי זאל זיין! נאך וואס גאר ק ל ע ר ע ן אנדעריש!

די פּראַגען, די רעטענישען, דאָס קאָפּ־ברעכען, ר אַ ס האָט רב און קהל פיינט...

— וואָס האָסט דו זיך געכאַפּט אַז רב און קהל?

— און ווער איז בעסער? יעדער מענש, אַפילו דער שענסטער און דער בעסטער, לאָזט זיך איבער אַ שטיק אָרט אין מוח, אַ שטיק „קדשי קדשים“; אהין לאָזט ער קיינעם און זיך אליין נישט צו, דאָרט טאָר מען נישט אַקערן, נישט זייהען, נישט ריהרען דעם אַלטען ווילדען דאָרן, וואָס צוואַקסט זיך, ווי אויף הייוען...

שלעכטע צייטען... ווייבער עמאַנציפּירען זיך, און ווילען די אוירינגלעך אויף גאָלדענע קעלבער נישט געבען: די נביאים זענען איינס ביי איינס געשטאָרבען, — דעם פּראָפעסאָר פאַלב געראָט איין מאָל אויף הונדערט מאָל; מלאכים באַווייזען זיך נישט; זייט די באַרשט האָט ארויסגעיאָגט פון שטוב דעם בעזים, האָבען די כשוף־מאַכערינס נישט אויף וואָס צו רייטען. גורל־וואַרפען איז אוים מאָדע, עס פּאַסט פאַר אַ יונגען באַקפּיש צו רייסען בלעטלעך פון בעז: יאָ ליעב, נישט ליעב! אָדער פאַר אַ שילער, ער זאָל דאָס זעלבע טון אויף די קנעפּ פון מונדיר, נאָר דאָס זענען ליעבע־זאַכען און פאַר יונגע לייט... עלטערע מענשען, און למשל, ביי געזעלשאַפטס־פראַגען, געהט עס שוין נישט!

וואָס־זשע טוט מען? צולעגען קאָפּ גלוסט זיך דאָך נישט, האָבען מיר ערפונדען נייע כשוף׳ן, נייע גורלות...

כללים הייסט עס, דעוויזען, קלינגענדיגע ווערטער!
וואָס איהר ווילט, אבי נישט קלערען!

יעדער כלל, יעדער דעוויז, יעדעם קלינגענדיג וואָרט, איז אַ שטיקעל מאַגנעט, וואָס ציהט צו נשמות, ווי שטויב!

דער שטויב פון נשמה׳לעך, וואָס האַלטען זיך אָן אַ מאַגנעט, איז אַ „רעדעל“, אַ חברה, אַ פּאַרטייו!

אַ גוטע זאַך איז דער דעוויז, און ווי נוצליך איז אַ קלינגענדיג וואָרט! מען האָט דיר אויסגעהאַקט אַ שויב, און דאָס געשריי פון הונגעריגע וועלף רייסט זיך דיר אין שטוב אַריין און לאָזט נישט שלאָפען, — כאַפּ אָן „איזם“, אַ קלינגענדיגען „איזם“ און פאַרשטעק דאָס לאָך, וועסט דו ווייטער רוהיג שלאָפען!

עס איז דיר אַ ווערעמעל מיט אַ קופּערען־פּיסקעל אַ־ריין אין אויער, פון אויער האָט זיך עס אַריינגע׳גנב׳עט אין די געהירען, און

דלובעט, און דלובעט צום משוגע ווערען, כאַפּ א רעוויז, און הויב אן שרייען, למשל:

די וואכט אם רהיין, די וואכט אם רהיין!

זינגען איז נאך בעסער! דו מעגסט אפילו קיין דייטש נישט זיין; שריי, זינג — דאָס ווערעמעל וועט איינשלאָפען!....

האָסט ווייניג קאנווע אין קאָפּ, דיר אויסצושטריקען א גאַנ־צען סיסטעם, — א קליינינקייט! מאך גרויסע לעכער און פאַר־שטאָפּ זיי מיט דעוויזען, מיט קלינגענדיגע ווערטער און דו ביסט א גאַנצער פילאָזאָף, און דו פארשטעהסט הימעל און ערד, דיין איינגען לעבען — אודאי!...

— וואָס־זשע ווילסט דו?

— איך וויל, — זאָגט ראַטמאַן,—מענשען זאָלען זיך נישט אויסרייסען די געזונטע אויגען און אריינזעצען אויף זייער אָרט קאָליר־טע גלעזלעך! מענשען זאָלען זיך נישט פארשטופּען האַרץ און געהירען מיט קלינגענדיגע ווערטער און ווערטלעך; איך וויל— מענשען זאָלען קלערען!

— און דיין נייע אידעע?

— מיין נייע אידעע איז טאקע צו גרינדען א חברה אַהן „איזמען", אַהן גלעזלעך... א חברה פון מענשען, וואָס זאָלען זיך נישט שעמען, ארומצוגעהן אין גאָס מיט פראַגע־צייכען אויף די שטערנס; וואָס זאָלען נישט איינרעדען, נישט זיך, נישט יענעם, אַז זיי מוזען אַלץ וויסען, אַז זיי ווייסען אַלץ... אַז זיי קאָנען היי־לען קרענק...

— וואָס וועט די חברה טון?

— קלערען וועט זי, שטודירען, אַלץ וועט זי וועלען וויסען, אַלץ דערגרונטעווען...

א חברה־מאַן, אַז ער הערט א קלינגענדיג וואָרט, פרעגט ער זיך און יענעם: וואָס באַטייט עס? וואָס זאָגט עס צו? און זאָגט עס עפּעס צו, צי האָט עס א זיכערע היפּאָטעק, צי מעג מען דערויף שטעלען?

א חברה־מאַן, אַז ער הערט א שפּרוך, פרעגט ער זיך און יע־נעם: פון וואָס באַשטעהט ער? וואו שטעקט דער כשוף? מיט וואָס ציהט ער צו?

און אויב ער זעהט, אַז עס איז א פארבלענדעניש, אַן איינ־

גערעדטע זאך, שטעלט ער זיך אָפּ און באוויזט רעכטס און לינקס, אַז עס איז אַ שקר!

ראַטמאַן דערהיצט זיך:

— יעדער חברה־מאַן איז מחויב צו ראַנגלען זיך געגען יעדען שווינדעל, געגען יעדען חלום, געגען יעדעם פּוסטע וואָרט...

— און אויף דעם אָרט פון חלומות און פּוסטע ווערטער? —

— וועט די חברה געבען נייע אידעען...

---

מיט איין וואָרט: ראַטמאַן וויל פאַרלעגען אַ פאַבריק פון נייע אידעען...

דאָס ווייסט איין גאָט!

יעדע פאַבריק דאַרף האָבען רוי מאַטעריאַל, — וואו וועט ער עס נעמען?

און בשעת איך הער זיינע רייד, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה אַ וואונדערליך בילד אין דער לופט.

אַ ווילד ברויזענדער ים — אַ שיף איז אין געפאַהר, איין פּאַ־ליע וואַרפט זיך צו דער צווייטער; נישט ווייט זענען ריפען און פעלזען. זי קאָן זיך לייכט אַנשלאָגען און צושמעטערט ווערען; און דער הימעל ווערט וואָס אַמאָל פינסטערער, די לעצטע שטערען פאַר־שווינדען, די מענשען זעהען איינער דעם צווייטען נאָר ביים בליץ... און נאָך יעדען בליץ — געהט אַ דונער...

און נישט נאָר די שיפסלייט ווילען רעטען די שיף, — אַלע רייזענדע אַרבייטען מיט... קופּקעלער דערשראָקענע מענשען, דער־שראָקענע און דענערווירטע; אינמיטען יעדען קופּקעלע רעגירט אַן אַנדערער, הייסט טון עפּעס אַנדערש, און דער עולם פאָלגט און אַרבייט מיט די לעצטע קרעפטען... און ווערט דער עולם מיד, שרייט מען פון דער מיט אַרויס עטליכע הויכע, קלינגענדיגע, הייסע ווער־טער, און דער עולם דערהיצט זיך, באַקומט נייען כח, און אַרבייט ווייטער און ווייטער...

נאָר אָט רייסט זיך אָפּ איינער: —

— מען טוט אהן פארשטאנד, אהן וויסען, מען טוט נאר דורך קלינגענדיגע הויכע ווערטער — „איזמען", און „איזמען" —

— ק ל ע ר ע ן ד א ר ף מ ע ן !

און ער בויגט אוועק דעם קאפּ אין א זייט, די שיף קנאקט, דער דונער שלאגט און שלאגט, מענשען ארבייטען מיט'ן לעצטען אטעם און ער — ער קלערט...

# ר׳ שלמה׳ס מעשה׳לעך

## 1.

## א פאָררעדע.

עס איז געווען אויף דער פראווינץ דאנערשטאג ביינאכט אין בית־המדרש.

אין דער היים מאכט מען שבת...

דער באק־אויוועז פלאקערט. ווי חוזק צו מאכען אויס ליכט און לאמפ, פליהען אלעמאל ארויס פון באק־אויוועז פייער־דיגע צונגען און טרייבען א ווילדען טאנץ איבער די ברודיגע ווענט און דער נאסער פאדלאגע...

ווייבער מיט פארריסענע קאפקעס, פארשארצטע ארבעל און פלאמענדיגע אויגען לויפען ארום צווישען מולטער און טייג, אפאל־קעס און זאלץ־ברעטלעך, ווי משוגע. אונטער די פים קנאקט אייער־שאלעכטס, פישטשעט ציבעלע־שאלעכטס, שפריצט די בלאטע, טיילמאל שיסט אויס א פיש־פענכער... אין די הענט טאנצען טע־לער און כלים...

---

עס ווערט שבת געמאכט...

עלטערע בעלי־בתים אנטלויפען קוים מיט׳ן לעבען אין די בעטען אריין. צי מען שלאפט צי נייז, גערעקט איז מען איבער׳ן קאפ און — שטיל, ווי א מויז!

יונגעלייט כאפּען אַ פּאַפּליניק*), טיילמאָל אַ קלאַפּ פון קאַ־טשערע, און אנטלויפען אין בית־המדרש אריין...

---

חברה פיהלט זיך פראַנק און פריי...

זעלטען עמיץ זאָל זיצען, ווי אַ מענש, ווייל יעדערער האט זיין אייגענע אַרט צו זיצען. איינער האַלט פון אַזיאַטישע מנהגים און לעגט אונטער די קני, אַ צווייטער פאָהרט אויפ'ן אַמעריקאַנישען אופן מיט די פיס אויפ'ן טיש אַרויף; אַ דריטער רייט מיט גדלות אויף דער אָנלעהן פון באַנק; אַן אַנדערער ציהט זיך גאַר אויס איבער דער ברייט פון טיש...

רוהיג זיצען איז אויך קיין שטייגער נישט אין בית־המדרש: מען וויגט, מען שאַקעלט זיך, מען מאַכט מיט די הענט אַ ווינט־מיהל, מיט די פיס אַלערליי פיגורען; דער קאָפּ שטעהט אויך נישט איין אויף איין אָרט און אַלץ איז איבערגעדעקט מיט אַ לייכטען נעבעל פון די דינטשיגע פּאַפּיראָסלעך, וואָס מען דערלאַנגט זיך פון מויל צו מויל נאָר אַ שלעפּ צו טון!

און די פלעמלעך פון עטליכע חלב'נע ליכטלעך, אַריינגעזעצ־טע אין קאַרטאָפעל אָדער צוגעקלעפּטע צום טיש, ציטערען; ווילד משונה'דיגע שאָטען טאַנצען אַרום אויף ווענט און באַלקען...

די ליכטלעך דאַרף מען אָפט שנייצען און דערצו זענען מיר שוין מייסטער געוועזען!

אָנשפּייען צוויי פינגער, אַראָפּכאַפּען אַ שנייץ, אָפּווישען די האַנט אָן פּאָלע, איז כהרף־עין; מען האַקט זיך אפילו נישט איבער די רייד!

---

אין בית־המדרש, אייגענטליך, רעדט מען נישט, נאָר מען שפּאַרט זיך! אַלץ איז אַ וויכוח!

יעדע זאַך האט, געוועהנליך, איהר עטליכע זייטען, און אַ חברה־מאַן כאַפּט זיך אָן אין איינע פון זיי, ווי אַ חיב־מיתה'ניק אָן די הערנער פון מזבח, נישט אָפּצורייסען!

---

*) „פּאַר־פּלאָמיעניעץ" — אויפ'ן פּלאָם געבאַקענע טויגלעך.

און דער ווכוח איז א ווילדע זאך; אהן א פרעזעס, אהן א גלעקעל. ווער עס וויל, כאפט דאס ווארט, רעדט, וואס ער וויל, ווי אזוי ער וויל...

לאנג רעדט מען נישט! זעלטען עמיץ זאל האבען אזויפיעל כח און אנכאפען דעם גאנצען עולם ביי די פאות און מיטשלעפען מיט זיך אין זיין אייגען עולם־הדמיון אריין. געוועהנליך האקט מען באלד איבער: שוטה, שרייט מען, אדרבא!

וויפיעל מענשען, אזויפיעל ברענענדיגע פאר אויגען לאקערען אויף דיינע ליפען, טאמער זאגסט דו א נארישקייט; אזויפיעל מיי־לער זענען גרייט איינצושלינגען דיך מיט דיינע רייד — היט זיך! נאך איידער דו עפענסט דאס מויל פליהט אן ענטפער — א שפי־ציג פאר׳סם׳טע פייל, טיילמאל גאר א נאס האנטוך אין פנים אריין!

די זאך, פון וואס מען רעדט, איז דעריבער נאר א קאנוועי אין א ראם. יעדערער האט זיך זיין נאדעל, זיין פאדים און וועבט און שטיקט שנעל אריין, ווי דער בליץ! די פארשידענפארביגע פעדים טרעפען זיך, בינדען, קניפען, רייסען זיך איבער, צולויפען זיך, טרעפען זיך ווייטער און קנוילען זיך צוזאמען, און אזוי געדויערט עס, ביז עס גרויט דער בלאסער מארגען...

ווען די בעלי־בתים זאלען געוועזען וויסען, פון וואס מיר רעדען איבער אפענע גמרות, וואלטען זיי די וועלט פארברענט, וועניגס־טענס דעם בית־המקדש מיט די וואנצען צוזאמען...

איין ר׳ שלמה האט געוואוסט. נאר ער פלעגט זאגען: נר אלהים נשמת אדם, און דערמיט מעגט איהר זוכען אין אלע פינס־טערע ווינקעלעך!

ווען גאט זאל עס נישט וועלען, וואלט ער אין קאפ נישט אריינ־געלעגט א מח, נאר א צווייטע לונג־און־לעבער!

ר׳ שלמה איז אן אלמן אהן קינדער, איינער אליין, זיצט ער איבער די נאכט אין אונזער געזעלשאפט.

— עס שלאפט זיך נישט — זאגט ער — אין מיינע יאהרען. אדער:

— וואס וועל איך דארט זיצען איינער אליין און גריבלען. און טיילמאל איז ער מודה, אז ער האט מורא פאר׳ן שלאף.

— שלאָפֿען איז שטאַרבען — נאָך ערגער: מען מוז נאָך אויפשטעהן, ארומגעהן א טאָג און ווייטער שטאַרבען...

בעסער וועט ער הערען, וואָס יונגעלייט רעדען. ער וויל זעהן, — זאָגט ער — דעם זאָמען און וויל וויסען, וואָס עס וועט וואַקסען נאָך זיין טויט...

אריינמישען וויל ער זיך נישט.

— זוכט אליין, יונגעלייט, אייער וועג. בלאָנדזשעט איהר,— שאַדט נישט. די פרייד, אז איהר וועט דעם רעכטען וועג געפינען, וועט דערפאר גרעסער זיין.

און שטילערהייט גיט ער צו:

אויב עס איז נאָר פאַראַנען דער רעכטער וועג!

נאָר, אַז אונזער וכוח ווערט צו שאַרף, צו פלאַמענדיג, אויפגערהויפט, אויב עמיצענס א שוואַכע האַנט וויל קומען צוהילף דער שוואַכער צונג, דאַמאָלט מישט זיך ר' שלמה אריין, גיט א קלאַפּ אין טיש אריין, דער עולם בלייבט שטיל און ער דערצעהלט א מעשה'לע.

באַמערקט האָבען מיר, אז דאָס מעשה'לע, וואָס ר' שלמה דערצעהלט, וואַרפט נאָר א ליכט אויף די היינטיגע לאַגע, אויפ'ן היינטיגען טאָג, און ענטפערט קיינמאָל נישט אויף דער פראַגע: וואָס דאַרף מען טון? וואָס וועט מאָרגען זיין?

אויף אַזוינע פראַגען ענטפערט נישט ר' שלמה. ער וויל נישט טרעפען, וואָס שפּעטער וועט זיין. און קיין רעצעפּטען פאַרשרייבט ער נ י ש ט.

— איך בין, — זאָגט ער, — קיין נביא, און, להבדיל, קיין פעלדשער נישט.

## 2.

# דער בריליאנט.

איינמאָל דאָנערשטאָג ביינאַכט, איך געדענק עס נאָך ווי היינט, האָבען מיר גערעדט וועגען רעליגיאָן און רעפאָרמען.

אָנגעהויבען אייגענטליך האָט מען פון ליטעראַטור.

מען האָט זיך דערמאָנט אָן מאַפּו׳ס „אהבת ציון“, פון „אהבת־ציון“ איז מען אַרויף אויף׳ן „עיט־צבוע“ — איז שוין געווען אַ קאַצענשפּרונג צום „הדת והחיים“.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ וויכוח.

איינער האָט געזאָגט, אַז פון „בראשית“ ביז׳ן „הכשר הזבח“ (אונזער קליינשטעדטעלדיגען שוחט׳ס אַ ספר אויף שחיטה) איז איין רעליגיאָן — איין אמונה — איין תורה, פון וועלכער מען טאָר נישט ריהרען קיין אות.

אַ צווייטער מאַכט זיך באַלד אַ שפּאַס: „פון צינגר־העלצלער, זאָגט ער, אַ צוזאַמענגעשטעלטער מגן דוד; נעם אַרויס איין העלצעל, צופאַלט ער זיך אינגאַנצען.“

מען שמייכעלט, נישט צופרידען:

— נישט קיין צוזאַמענגעשטעלטער „מגן דוד“ איז עס, נאָר אַ בנין, אַ הויז, אַ בית־המקדש!

„ווער עס רייסט אויס שטיינער און באַלקען, וויל אַלץ איי־בערפיהרען.“

אַן אַנדערער מיינט: אַז אַ בנין — אַ הויז צי אַ בית־המקדש— מוז האָבען פענסטער און טירען! מוז האָבען ליכט און לופט; „אויב מען וויל נישט עס זאָל דערפון אַ תפיסה ווערען, צום דער־שטיקען, צום דערוואַרגען ווערען! „וחי בהם“ שטעהט. עס דאַרף זיין אַ הויז צום לעבען, צום געזונט זיין, נישט צו פוילען און איי־בערגעוואַקסען צו ווערען, ווי קאַרטאָפעל אין קעלער.“

„און אַ הויז מוז מען אויך פון צייט צו צייט רייניגען, נישט דאָס מיסט האַלטען אין שטוב, נישט אויפ׳ן אייביגען מיסט זיצען!“

עס טרעפט זיך אין אונזער בית־המדרש נאָך אַ גרעסערער אפּקורוס:

„אַ הויז — זאָגט ער — מוז מען אויך אַמאָל איבערשיטען. אפילו די פונדאַמענטען מוז מען איבערקוקען, צי זיי פוילען נישט... און די באַלקען, צי פרעסען זיי נישט אויף די האָלץ־ווערעם...

„אגיט, פאַלט אַמאָל פלוצים איין אַ הויז, און די איינוואוינער ווערען לעבעדיגערהייט באַגראָבען!"

עס געפינט זיך אפילו אַ שונא פון אַלטע הייזער בכלל!

איז נישט גלייכער אַ נייַ הויז צו שטעלען, מיט נייע גרויסע טירען און פענסטער! אַסך לופט, אַסך ליכט!

דערווייל האָט מען געבראַכט בייגעל פון בעקער, פרישע, שמעקענדיגע, קנאַקענדיגע בייגעל...

אַלע, אפילו דער, וואָס וויל אַ נייַ הויז מיט גרויסע טירען און פענסטער, זענען צוגעלאָפען צום כיור, געוואַשען זיך, אָפּגעווישט זיך אָן די פּאָלעס, געמורמעלט די ברכה — און אין אַלע מיילער האָבען אָנגעהויבען די פרישע בייגעל צו קנאַקען...

מיט דער געלעגענהייט האָט זיך דער אַלטער ר' שלמה באַנוצט און דערצעהלט אונז די מעשה פון ברילּיאַנט.

אַמאָל איז געוועזען — האָט ער דערצעהלט — אַ קאַלאַניסט.

פרעמד איז ער געוועזען אין דאָרף; ער האָט מיט קיינעם און קיינער האָט מיט איהם נישט געהאַלטען.

ער האָט נאָך אַן אַנדער לשון גערעדט, און קיינער האָט איהם נישט פאַרשטאַנען, און נישט געוואָלט פאַרשטעהן!

איינמאָל האָט ער, דער קאַלאַניסט, געפונען אַ ברילּיאַנט.

רעכט פאַרשטאַנען דערויף האָט ער זיך נישט; קיין האָן איז ער אָבער אויך נישט געוועזען און וואָלט איהם אויף אַ קערענדעל ווייץ נישט פאַרטוישט.

עס שיינט און בליצט; „עס איז אַ קליינע זון". — טראַכט ער. עס מוז ווערט זיין אַן אוצר.

נאָר מיט אַ טייערען שטיין צווישען פרעמדע לייט איז מען מיט'ן לעבען נישט זיכער!

ווערט מען געוואָר, וועט מען איהם די ערשטע נאַכט באַפאַלען, די פענסטער אַרויסנעמען און צונעמען דעם אוצר מיט דער נשמה צוזאַמען!

מען מוז באהאלטען דעם שטיין!

דעם ווייב אפילו וועט ער נישט זאגען פון בריליאנט א וואָרט. ער האָט זי ליעב, נאָר א אידענע — לאנגע האָר — קורצער שכל; זי וועט זיך נישט איינהאלטען.

און ער נעמט זיך צוריק־צו־וועגס צו דער קאָלאָניע און באַגראָבט דעם שטיין אין דער ערד, אין געמיזע־גערטעל פאר'ן הויז.

פאר א צייכען לעגט ער אויף דעם אָרט א קיזעל־שטיין; א שווערען קיזעל־שטיין, ער זאָל דעם אָרט דערקענען, און אז עס וועלען קומען בעסערע צייטען, אהן קנאה־שנאה צווישען שכנים און בפרט צו פרעמדע, וועט ער וויסען וואו צו זוכען און צו געפינען דעם אוצר. דאמאלט זאָל ער שיינען און בליצען אין שעהנעם העלען טאָג!

איינמאל, האָט דאָס יונגע ווייבעל דעם שטיין באמערקט. עס איז איהר א שאָד דאָס פיצעל ערד, וואָס דער קיזעל־שטיין פארנעמט; אויף זיין אָרט קאָן ארויסוואקסען א ציבעלקעלע, אן אוגערקע... א שאָד!

אליין אוועקנעמען דעם שווערען שטיין קאָן זי נישט; רופט זי דעם מאן צו הילף.

ער דערשרעקט זיך:

— גאָט באהיט, — רופט ער אויס — ריהר נישט דעם שטיין!

— פארוואָס?

— עס איז א מזל'דיגער שטיין! ער ברענגט אונז מזל וברכה!

— עס איז דאָך איינפאכער קיזעל־שטיין!

— זעהסט דאָך! אזא סגולה האָט ער שוין!

זי גאַפט! זי איז נישט זיכער, צי דער מאן מיינט עס ערנסט, צי מאכט ער שפאָס.

זי קוקט איהם אין די אויגען אריין און זעהט זיי ערנסט, כמעט הארט, אהן א לאַכעדיגען פונק.

נו, דעם מאן האָט זי ליעב, און האלט איהם פאר קלוג און עהרליך. און גלאָט — א אידענע! א אידענע איז שטענדיג צופרידען, אז זי קאָן אין עפּעס גלויבען, — אין א סגולה, אין א וואונק פון אויבען... און לאנג צייט צו קלערען האָט זי נישט; דאָס גערטעל מוז פארזייהט ווערען! פאָלגט זי און טוט איהרס.

אויפ׳ן צווייטען טאָג באַמערקט דער מאַן צ ו ו י י שטיינער אין גאָרטען.

— וואָס איז דאָס? ווער איז דער צ ו ו י י ט ע ר שטיין? — פרעגט ער.

און דאָס ווייבעל שמייכעלט.

זי איז גראָד ביינאַכט שלעכט געשלאָפען. עפּעס האָט די לבנה אַזוי וואונדערליך אַריינגעשיינט דורכ׳ן לאָדען...

עפּעס איז איהר אַזוי ענג, אַזוי באַנג געוואָרען אויפ׳ן האַרץ... זי האָט אַזוי מורא געהאַט...

דעם מאַן וועקען האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי זיך מישב געווען, שטיל זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט, אַרויסגעשלייכט זיך פון שטוב און — צוגעלעגט נאָך אַ שטיין...

עס האָט זי באַרוהיגט!

— אין צווייען — שמייכעלט זי — איז שטאַרקער.

און וואָס זאָל ער טון, דער קאַלאַניסט? געה, בייזער דיך אויף אַ אידענע, ווען זי שמייכעלט אַזוי קינדיש־זיס און לעגט דיר אַרויף די ווייסע שמאָלע הענט אויף די אַקסעל און דערלאַנגט דעם אַלאַ־באַסטער־שטערן צום מויל — —

דעם ווייסען שטערן קושט ער מיט פאַרגעניגען, אין די בלויע אויגען זוכט ער אַן ענטפער אויף דעם, וואָס זי איז ביינאַכט אַזוי אומרוהיג... און שווייגט!

דעם קוש אויפ׳ן שטערן האַלט דאָס יונגע ווייבעל פאַר אַ לוין פאַר איהר גוטסקייט און פרומקייט! און ווען עס ווילט זיך איהר אַ קוש אין שטערן — לעגט זי נאָך אַ שטיין...

טוט ער עס נישט, באַווייזען זיך איהר טרערען אין די אויגען.

---

דאָס פּאָר־פאָלק האָט קינדער געהאַט — אַ אינגעל מיט אַ מיידעל.

דאָס מיידעל וואונדערט זיך נישט, פרעגט נישט און טוט נאָך דער מוטער.

די מוטער לעגט גרויסע, די קליינע טאָכטער קליינע שטיינד־לעך; נאָר די שטיינדלעך וואַקסען מיט איהר צוזאַמען!

דער קלוגער זוהן פרעגט שוין: וואָס באַטייט עס?

— שטיינער, — ענטפערט די מוטער שטאָלץ, וואָס זי ווייסט אַזוי פיעל — זענען מזל'דיג!

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך דער קליינער — און וואָס הייסט מזל'דיג? צי האָט מען אַמאָל מעהר ווי מען פאַרדינט, ווי מען אַרבייט אויס?

דאָס פאַרשטעהט שוין די מוטער נישט.

— פרעג דעם טאַטען — זאָגט זי.

— וועסט עלטער ווערען — ענטפערט דער טאַטע — וועסט דו דאָס אויך פאַרשטעהן!

און, אַז דאָס אינגעל איז אויפגעוואַקסען, האָט איהם דער פאָטער דערצעהלט דעם סוד פון בריליאַנט.

און אַזוי איז געשעהען אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה פון דורות.

איינער האָט איבערגעגעבען דעם צווייטען דעם סוד.

אין יעדען דור האָט א י י נ ע ר געוואוסט פון בריליאַנט און די רעשט האָבען געגלויבט, אַז קיזעל־שטיינער זענען מזל'דיג; אַז וואָס מעהר, איז בעסער, און האָבען שטיינער געלעגט.

שכנים קוקען און גאַפען.

טייל לאַכען אין די פויסטען אַריין; אַנדערע, פאַרקערט, האָבען דרך־אֶרץ פאַר אַלטע מנהגים, וואָס זיי האָבען שוין, קומענדיג אויף דער וועלט אַרויס, געטראָפען אַלס אַלטע מנהגים.

נישט איינער האָט געקלערט, עס מוז זיין נאָך פון דער צייט, ווען מלאכים זענען אויף לייטער געקראָכען און מענשען האָבען געזעהן.

טייל שכנים האָבען געוואָלט באַווייזען דער משפחה זייער ליעבשאַפט, און האָבען, פאַר חבר'קייט, אויפגעהויבען שטיינער פון וועג און אין גאַרטען אַריינגעוואָרפען.

און אין דער משפחה אַליין איז דאָס שטיינער־וואַרפען שוין אַ קולט, אַ הייליגער מנהג געוואָרען, אַ מין „עבודת־הבורא".

יונגע לייט פּראָטעסטירען; אַלטע בייזערען זיך און דראָהען מיט ביינערדיגע פויסטען!

יונגע לייט האַלטען רעדען געגען די שטיינער, און די אַלטע זאָגען:

— ווי אונזערע עלטערען האבען זיך געפיהרט, וועלען מיר זיך אויך פיהרען...

— אונזערע עלטער־זיידעס זענען קליגער געוועזען פאר אונז און האבען שטיינער געווארפען — מוז אזוי זיין!

— נישט אונזער וועלט, מיר זאלען זי פארבעסערען, איבער־מאכען. א גוט פערד געהט אין קאליע און ברעכט נישט די פיס!

און נאך אזוינע ווערטלעך און קלוגע שפרוכען, אויף וועלכע עס שטעהט די וועלט; דאס הייסט, אונזער מענשליכע וועלט!

און וויל א יונגערמאן עפעס טון דאגעגען, ווילען די אלטע „צוברעכען די אייער, וואס ווילען קליגער זיין פאר די הינער!"

---

און יאהר־יעהרליך שיידען זיך יונגע לייט מיט טרערען אין די אויגען פון אלטען הויז, פון דער אלטער מכשפה און געהען זו־כען ארבייט אין דער פרעמד: עסען ברויט פון פרעמדע אויוועגס, נעכטיגען אונטער פרעמדע דעכער; בעטען זיך קוים איין.

ווייל אין דער היים איז שוין נישט אויסצוהאלטען!

דער בארג שטיינער וואקסט פון טאג צו טאג.

ער שיט זיך אפ, און קומט מיט יעדען טאג נעהנטער צום הויז.

מיט דער צייט האבען די הייליגע שטיינער טיר און פענס־טער פארווארפען.

— עס שאדט נישט! — האט מען געזאגט.

און מען שטעלט אויף א לייטער און מען קריכט דורכ'ן קוימען.

עס האט לופט פארפעהלט; קיין אומגליק נישט! אז מען עסט ווייניג און לעבט ווייניג, דארף מען ווייניג לופט!

און לעבען איז נישט דא פון וואנען.

נישט דא וואו צו זייהען, וואו צו אקערען — סאמע שטיינער, סאמע שטיינער!

— לאזט כאטש — בעטען זיך די יונגע — צוזאמענשארען די שטיינער; זאלען זיי וואקסען אין הימעל אריין, נאר ווענינ־

ארט פארנעמען אויף דער ערד! זאָל זיין וואו צו ארבייטען, וואו צו אקערען און זייהען.

— אפיקורסים! — שרייען די אלטע. — איבער אונזערע פגרים וועט איהר צוקומען צו די שטיינער...

---

ר׳ שלמה פארטראכט זיך א ווײלע, נעמט ארויס א שמעק־טאבאק.

מיר, וואס האבען שוין לאנג די בייגעל פארגעסען און האבען ביי דער מעשה דעם אטעם פארהאלטען, עטעמען אפ, און עמיץ פרעגט:

— און פארוואס שווייגט דער, וואס ווייסט פון בריליאנט און מאכט קיין ש ל ו ם נישט צווישען די א ל ט ע און די י ו נ ג ע?

— בא, — ענטפערט ר׳ שלמה מיט א זיפץ — דאס אומגליק איז טאקע, וואס מיט דער צייט האט מען גאר אינגאנצען אן בריליאנט פארגעסען!

צי איז עמיץ פלוצלונג געשטארבען און קיין צייט נישט גע־האט א צוואה צו לאזען...

צי האט איינער זיין א י י ג ע נ ע ם ט א ט ע ן נישט ג ע ג ל ו י ב ט און זיין אייגען קינד נישט געוואלט גענארען!...

גענוג — דעם בריליאנט האט מען פארגעסען און אלט און יונג שלאגען זיך איבער שטיינער!

---

ר׳ שלמה האט געענדיגט.

און מיר פרעגען זיך: ווער איז דער בריליאנט?

און מיר ווילען טרעפען:

— דאס פינטעלע איד?...

— „אנכי“?...

— „ואהבת לרעך כמוך“?

נאָר ר' שלמה ענטפערט נישט, א געהיימער שמייכעל בלאָנ־דזשעט איהם אויפ'ן פנים.

— שקצים! — רופט ער — אהיים, עס גרויט שוין דער טאָג!

## 3.

# דער פיער־פארביגער לאמטערן און די פיער קליינע הינטעלעך.

אמאל איז א פריץ געוועזען.

געהייסען האט ער, ווי מען האט איהם א נאמען געגעבען; זאל זיין — נמרוד:

„ונמרוד גבור ציד לפני ה׳“, אזוי ווי אין פסוק שטעהט!... דער פריץ איז א גרויסער יעגער געוועזען. די תבואה האט ער נאך אויפ׳ן פעלד פארקויפט, פאר דאס, דעם וואלד נישט גערירט! דארטען האבען וועלף, בערען, פוקסען און האזען געלעבט, און גע־ריבען די האריגע פעל אן אלטע, הונדערט־יעהריגע בוימער...

איינמאל איז ער, ווי געוועהנליך, אויף דער יאגד געגאנגען.

מיטגעגאנגען זענען: ירבעם, נבוכדנצר, המן און אנדערע הינט. איין זרש איז פון די בעסטע הינט אין דער היים געבליבען.

זרש איז דאמאלט א פרישע קימפעטארין געווען; אויף פיער בלינדע הינטעלעך איז די „יולדת“ געזעסען.

און שטיל איז אין פאלאץ געווען. אז נמרוד געהט יאגען געהען די משרתים און די משרתות אין קרעטשמע אריין טאנצען. און אויף זרש׳ס פנים האט זיך אויסגעגאסען א העל־רויטליכע פארב פון ליעבשאפט צו די הינטישע גבורים לעתיד לבוא, און אין איהרע אויגען האבען שוין די שטראלען פון זייער קינפטיגען לויב געבליצט... די ערשטע „כאפער“ וועלען זיי זיין, און „אפארטירען“ וועלען זיי צו דער האנט עהרליך און ג ע ש י ק ט... צווישען די אויסגעשפארטע ציין וועלען זיי, אהן א שאדען, צוטראגען פוקסען און העזלעך... און זייער בילען וועט איבערשרעקען לייבען; על־פאנטען וועלען אנטלויפען... און עסען וועלען זיי מיט נמרוד׳ן פון איין טעלער...

און די אויגען איהרע ווערען פאר׳ן זיסען נחת שמעלער און שמעלער, ביז די זיידענע ברעמען פאלען צו. און זרש, — עס קומט איהר, דער קימפעטארין! — שלאפט איין.

פלוצים ענדערט זיך דאס בילד:

פאר א זינד, וואס זי איז געווים נישט באגאנגען, פאר א בלבול, וואס נבוכדנצר, איהר אייביגער שונא, האט אויף איהר געמאכט האט מען זי אין וואלד אריין נישט מיטגענומען... צו־געבונדען האט מען זי פאר דער טיר, ווי א געמיינעם שעפער־הונט.... פון וואלד הערען זיך טראמפייטען... פון וואלד לויפט ארויס א האז. ער שטעלט זיך אין עק וואלד, מיט די פאדערשטע פים אויפ׳ן פעלד. ער זעהט זי און אנטלויפט נישט... ער קוקט אויף איהר מיט בזיון, ער פארסקיט, ער לאכט! די וואנצעלעך צי־טערען פאר לאכען!...

דאס וועט זי נישט דערליידען! א שטריק איבעררייסען איז ביי איהר אזוי פיעל, ווי, להבדיל, ביי שמשון הגבור; זי ציהט זיך איין און בלאזט זיך אן, און גיט א שפרונג —

דער שטריק פלאצט און זי לויפט...

דער שטריק האט געפלאצט אין חלום; אויפגעכאפט, האט זי א שויב אויסגעהאקט און איז ארויסגעשפרונגען אין וואלד אריין!

די קליינע בלינדע הינטלעך האבען דערפיהלט: ערשטענס, קעלט, צווייטענס — הונגער.

אוןביידע קוואלען זענען גרעסער געווארען, אז די זון איז אונטערגעגאנגען, און די, מיט מאיאליק אויסגעלעגטע, קיך־דילען האבען זיך שטארק אפגעקיהלט...

און פון וואלד דערהערט זיך אלץ אינאיינעם דער האָרן...

פאר שרעק, פאר הונגער און קעלט זענען אלע פיער הינטלעך פון קויש ארויסגעשפרונגען, צולאפען זיך אומגעלומפערט אויף די אויסגעבויגענע פים, און בלינדערהייט זיך שוין נישט אויפגעזוכט... יעדערער האט זיך אין זיין ווינקעל איינגעהויקערט...

און פון אלע פיער עקען האבען אלע פיער געפישטשעט פאר שרעק, פאר הונגער, פאר קעלט.

ווער וועט אויף זיי רחמנות האבען אין שטילען לערען הויז?

נמרוד יאָגט אין וואַלד, די דינערשאַפט טאַנצט אין קרעטש־מע, די מוטער האָט זיי פאַרלאָזט און  פ א ר ג ע ס ע ן...

---

דאָך איז די וועלט אַזוי איינגעריכטעט, אַז ווען זאָגאַר בלינדע קליינע הינטלעך פּישטשען, פּישטשען זיי נישט אומזיסט...

ווייט־ווייט אין גרין־געמאָלטען עס־צימער, אויפ׳ן טיש, אויף אַ שניי־ווייס טישטוך, צווישען קריסטאַלענע עס־ און טרינק־געשיר, אין אַ גאָלדענעם רעהרען־לייכטער, שטעהען ליכט, גרויסע סטעאַרין־ליכט.

זיי הערען און האָבען רחמנות...

פאַר גרויס צער בעלי־חיים, האָט זיך איינס אַזוי דערהיצט, אַז עס האָט זיך פון זיך אַליין, אָהן אַ פונק פרעמד פייער, אָנגע־צונדען און צופלאַקערט!

און דאָס צופלאַמטע ליכט זאָגט:

— ברידער, איהר וואַרט דאָ אויף נמרוד׳ן!... לייכט איהם ביי דער מאַלצייט, מאַכט איהם פרעהליך דאָס האַרץ... איך געה צו די אָרעמע הינטלעך.

— וואָס רעדסט דו, אַזוי נידעריג אַראָפּ ווילסט דו?

— מיין מזל איז שוין אַזוי. און זיי זענען אַזוי אָרעם, אַזוי אָרעם; פון דער אייגענער מוטער פאַרלאָזט...

— מיט וואָס וועסט דו זיי דינען? וועסט זיי אָנזויגען?

— איך האָב נישט איהרע בריסט, — ענטפערט עס טרויעריג.

— וועסט זיי אָנוואַרעמען?

— איך האָב נישט איהר האַריגע פעל.

— וואָס דען?

— איך וועל זיי  ל י י כ ט ע ן!...

— זיי זענען בלינד!

— ביי מיר וועלען זיי געשווינדער די אויגען עפענען!

— וואָס טויג זיי ליכט? וואָרעמקייט דאַרפען זיי, מילך...

— זאָל יעדערער טון, וואָס ער קאָן... איך האָב ליכט, וועל איך געבען... זיי וועלען די אויגען עפענען און זוכען די רעשט און געפינען אַליין...

— געה! — לאכען יענע, נישט אנגעצונדענע, צוריק אפגע־קיהלטע ליכט... וועסט גארנישט מאכען, ניין!

— פארוואס?

— פאר דעם... זיי וועלען, נישט דיין ליכט מיט די בלינדע אויגען, נאר דיין חלב מיט די אפענע נעז דערשפירען. אויפפרעסען וועלען זיי דיך!

דאס בארמהארציג־דערפלאמטע ליכט דערשרעקט זיך.

אבער א ווארט — א מאן! דער גורל איז געפאלען!

עס גארטעלט זיך אונטער, רייסט זיך אויס פון ענגען לייכ־טער, אטעמט פרייער אפ, רוקט זיך פון טיש אויפ׳ן דיוואן איבער די דילען. און רוקט זיך ווייטער און ווייטער, און הערט אלץ שאר־פער און שארפער דאס רחמנות־בעטענדיגע קליין־הינטישע געוויין און געהט אלץ שנעלער און שנעלער.

נאר אויפ׳ן וועג האט עס א גלעזערען הייזעל דערזעהן... א לאמטערען מיט פיער פארשידענפארביגע שויבען! דאס הארץ האט אין איהם א ציטער געטאן פאר פרייד! דאס וועט זיין זיין פאנ־צער, זיין רעטונג, פאר הונגעריגע מיילער! און פאר די ש ו וא־כ ע אויגען וועט ב ע ס ע ר זיין דאס פארביגע, איידעלע ליכט, נישט וויים מיט אמאל — וויים קאן שאדען...

און ער געהט אריין אין לאמטערען און געהט ווייטער אין זיין שליחות, אבער שוין לאנגזאמער...

---

קיין זאך קאן נישט ביישטעהן דעם שטארקען ווילען. וויל, און די גאנצע וועלטווארפט זיך צו דיינע פיס! ביי די הינטלעך האבען זיך די אויגען געעפענט, זיי האבען ל י כ ט דערזעהן. נאר יעדעס אין ז י י ן ווינקעלע, דורך אן א נ ד ע ר גלאז...

— בורא מאורי האש! — האבען אלע געבענשט מיט אמאל, אבער באלד האט זיך דער אונטערשיד באוויזען:

— ליכט איז געל! — רופט א הינטעל פון זיין ווינקעל ארויס מיט פרייד.

— נאר! — רופט א צווייטס פון צווייטען ווינקעל — ליכט איז גרין!

און א דריטס:

— איהר האט נאךביידע די אויגען רעכט נישט געעפענט!

איך זעה! ליכט, זאג איך אייך, איז בלוי! באשיינפערליך בלוי!

און דאס פיערטע שרייט:

— אויב דו האסט די אויגען אפען און דו זאגסט, אז ליכט איז בלוי, ביסט דו א ליגנער! ליכט איז — רויט!

ווערט א וכוח!

שפארט מען זיך הינטיש־היציג: —

— איך שווער, אז ליכט איז געל!

— ביי מיין לעבען — ליכט איז בלוי!

— ביי דער מאמען — ליכט איז רויט!

— ביי גאט אין הימעל — ליכט איז גרין!

שרייט איינס:

— פעלשער אדער בלינדע! קומט נעהנטער!

ווערט א געשריי:

— נעהנטער, נעהנטער!

און אלע פיער שפרינגען אין דער מיט אריין...

אבער שוין נישט צום לאמטערען, נישט צום ליכט...

די אויגען זענען שוין פון האס פארגאסען, די הינטישע הערצ־לעך זידען פון גרימצארן...

איינס צום צווייטען שפרינגט צו, אלע גרייט זייער רעכט צו באווייזען. יעדעס מיט'ן פיסקעל אין יענעמס פעל אריין! מיט די ציין אין יענעמס פלייש די ווארהייט צו באשטעטיגען, צו באַ־פעסטיגען...

ליגנער מוזען פארטיליגט ווערען, ליגנער האבען קיין רעכט אויף לעבען; דער פארפיהרער, און ווען עס איז מיין אייגענער ברודער, מוז שטארבען...

און עס פלאמט אויף דער גערעכטער צארן...

און פון די צונויף־געשפרונגענע, נאר־וואס זעהעוודיג געוואָ־רענע הינטלעך ווערט א קנויל, וואס ווארפט זיך און צאפעלט צו־זאמען אין שטרייט פאר דער ווארהייט...

יעדעס איז גרייט פאר'ן אמת צו טויטען און — גע־טויט צו ווערען...

ווארפט די פארצאפעלטע קנויל דעם לאמטערען אום; פאר־לאשען געווארען דאס ליכט, און נאך מעהר האט זיך צופלאקערט דער קריג וועגען ליכט אין דער — פינסטער...

און אז זרש איז, פארסאפעט און מיט שוויים באגאסען, צו־ריק ארויס פון וואלד, האט זי אויף דער שוועל פון פאלאץ דער־זעהן איינעם פון איהרע שפעטערע גבורים ליגען צוביסען און צו־בלוטיגט...

זי לויפט צו.

— וואס איז מיט דיר? גאט! וואס איז געשעהען, וואו זענען דיינע ברידער?

— איך האב קיין ברידער נישט — ענטפערט דער האלב־טויטער. — ליגנער זענען זיי, פאלש געשווארירען האבען זיי! איינער שווערט, אז ליכט איז געל, דער צווייטער, אז ליכט איז גרין, דער דריטער — רויט, און איך האב אליין געזעהן, אז ליכט איז בלוי, איינפאך בלוי! זיי ליגען דארט, די ליגנער, די ליכט־לייקענער! אויך צוביסען...

---

און געענדיגט האט ר׳ שלמה:

— „ויהי אור“! — האט גאט געזאגט, — פארביגע לאמטערען האבען נארישע מענשען געמאכט.

---

דארף איך אייך זאגען, אז מיט דעם מעשה׳לע האט זיך גע־ענדיגט א וכוח, ווי אזוי מען דארף רעדען צום פאלק, שרייבען פאר׳ן פאלק?

4.

# די היטערין פון היילינען פייער אין טעמפּעל.

דער מענש פון דער אנטיקער וועלט האָט וועגען פייער אזוי געטראַכט:

„פייער גיט ווארעמקייט, פאַרטרייבט די קעלט; קעלט איז טויט, ווארעמקייט איז לעבען — דער קוואַל פון לעבען איז פ י י ע ר."

„פייער פאַרטרייבט די ווילדע חיה פון וואַלד, פייער איז גוט."

„פייער איז די מוטער פון ליכט. ליכט פאַריאַגט די שאָטען פון דער נאַכט... פייער איז ו ו א ו י ל."

„און ריין איז פייער און רייניגט אלץ — א ר י י נ י נ־ק י י ט, א ה י י ל י נ ק י י ט איז פייער..."

„זון, לבנה און שטערען — אלץ, וואָס לייכט, — וואוינט אין הימעל; פון דאָרט האָט געמוזט א גאָט דעם מענש דאָס פייער ברענגען; אויס ב א ר מ ה ע ר צ י נ ק י י ט. ווי וואָלט אויס־געזעהן א מ ע נ ש אָהן פייער?"

אזוי האָט אונזער עלטער־עלטער־זיידע וועגען פייער געטראַכט; און אין זיין טעמפּעל ר י י ן און ה י י ל י נ דאָס פ י י ע ר געהאַלטען און נ ע ה י ט. —

און צום היטען דאָס פייער איז געוועהלט געוואָרען די י ו נ נ־פ ר ו י; דאָס ריינסטע, דאָס שענסטע, דאָס היילינסטע און ריין־שטראַלענדיגע...

האָט די אויסדערוועהלטע יונג־פרוי דאָס פייער אין טעמפּעל, ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט. איהר לעבען דעם העכסטען און היי־לינסטען (אָדער דעם סימבאָל פון העכסטען און היילינסטען) גע־אָפּפערט... איהר הארץ און איהר ריין־יונגפערליך־געפיהל דעם פיי־ער איבערגעגעבען; מיט שמעקענדיגע קרייטעכצער געגעהרט, מיט'ן

ריינסטען מענשען־אַטעם אונטערגעפּאַכט, און ריין, און לעבענדיג געהאַלטען...

האָט זיך אַבער געטראָפען, און די פייער־היטערין האָט א רגע אַז הייליגען פייער פארגעסען; האָט זיך פון אַלטאַר אָפּגע־ווענדט, פון טעמפּעל ארויס — און דאָס פארלאָזטע פייער איז א ו י ס ג ע ג א נ ג ע ן —

דאַן — וועה איהר:

לעבעדיגערהייט האָט מען זי אין א גרוב אריינגעוואָרפען און פארשיט...

---

איז אמאָל באַלעגערט געוואָרען א גריכישע שטאָדט.

אויף טויט און לעבען האָט אויפגעפלאַמט די שלאַכט צווישען באַלעגערער און באַלעגערטע.

און צו קיין זיג איז נישט געקומען.

פעסטע מויערען רינגלען ארום די שטאָדט; ריזיגע טאַראַנען שלאָגען אין די מויערען.

העלדען שטורעמען די טויערען; נישט ווינציגערע באַשיצען זיי.

דיזעלבע צאָהל באַפאַלט; דיזעלבע — פארטיידיגט.

די צאָהל פון די פיילען, וואָס פליהען פון די מויערען אראָפּ, און די צאָהל פון פיילען, וואָס פליהען צו די באַשיצער ארויף — איז גלייך.

און — זעלטען איינע זאָל נישט טרעפען!

און די צאָהל פון די טויטע, וואָס פאַלען אונטען, פאַר די פיס פון די באַלעגערער, און די צאָהל פון די טויטע, וואָס קאַלערען זיך פון די מויערען אראָפּ אין שטאָדט אריין איז — ד י ז ע ל ב ע.

וואַרט אומזיסט די פייער־היטערין, קניענדיג ביים אַלטאַר, אין הייליגען פייער אריין מיט שרעקיגע אויגען פארקוקט, פון דרוי־סען אויף א צייכען פון זיג.

איהר אויער פארנעמט קיין איינציגען פרייד־געשריי, קיין פאַנפאַרען־רוף: מען הערט נישט קיין טריט פון זיגער צום טעמ־פעל...

ציטערט איהר ריין יונגפערליך האַרץ:

איהר פאטער־שטאדט איז נאך אלץ אין געפאהר; און צוזא־מען מיט דער שטאדט דער טעמפעל דער הייליגער, און דער אל־טאר מיט'ן הייליגען פייער...

און א שרעקליכער פארלאנג באפאלט זי:

זי מוז פון טעמפעל ארויס און זעהן; איין סעקונדע זעהן די שלאכט...

און זי קאן דעם פארלאנג נישט גובר זיין און איז ארויס פון טעמפעל.

און באלד האט זיך איהר צו די פיס, פון די מויערען, א טויט־טער קערפער אראפגעקאלערט... א העלד האט אין דער רייה פון די פארטיידיגער פארפעהלט, גרעסער איז געווארען די געפאהר...

רייסט זי פלוצלינג דעם פיילענבויגען פון דער טויטער האנט ארויס. שנעל, ווי דער בליץ, שפרינגט זי ארויף אויף דער מויער; ציהט אן מיט פארצווייפעלטער קראפט די סטרונע; צילט, לאזט אפ און טרעפט — דעם גרעסטען העלד צווישען די באלעגערער...

און די וואג פון מזל האט א ציטער געטאן: איבערגעוואויגען האט די שאל פון איהר פאטער־שטאדט!

אפגעשטויסען און צוטריבען איז דער באלעגערער; באפרייט די שטאדט, געראטעוועט דער הייליגער טעמפעל — —

מיט פרייד־געשריי און לויב־געזאנג, מיט צואוועהטע פאנען, רוישענדיגע פלייטען־ און פאנפארען־מוזיק, איילען די זיגער צום טעמפעל, — זייער גאט, דעם גאט פון זייער שטאדט צו דאנ־קען און —

בלייבען פארשטיינערט...

פינסטער איז אין טעמפעל!

אין מאמענט פון זיג האט זיך דאס פייער פארלאשען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיהרט מען די פייער־היטערין, וואס האט דעם זיג געגעבען, מיט געזאנג און קלאנג, מיט ליעדער פון לויב און דאנק, אונטער הייליגע פאנען, פון טעמפעל ארויס...

פיהרט מען זי אין גאלד און זילבער באקליידט און איינגע־הילט, איבער'ן וועג מיט בלומען געשטרויט, פון דער געראטעוועטער שטאדט אויפ'ן פרייען פעלד ארויס צו דער גרוב...

שטעלט מען זי אַפּ ביים ראַנד פון גרוב און מען קרוינט איהר דעם זיגער־קאָפּ מיט א לאָרבער־קראַנץ...

לאָזען זיך די נאָהנטסטע צו טעמפּעל און גאָט, און די עלטס־טע פּאַטערס פון שטאָדט פּאַר איהר אויף די קני אראָפּ, רינגלען זי, קניענדיג, אַרום, און קושען, קניענדיג, די זוימען פון איהר מאַנ־טעל און קלייד.

שטויסען די פּאַנפּאַרען דעם לעצטען פרייד־ און דאַנק־גע־שריי אַרויס און פאַרשטומען...

שטויסט מען זי אין דער טיפער גרויסער שטילקייט אין גרוב אריין...

ווערט פאַרשיט די גרוב...

---

אַזוי האָבען צוויי טיפע, שוואַרצע אויגען פון א בלאַסען גע־זיכט אַרויס דערצעהלט; און איך האָב עס אייך איבערדערצעהלט.

## 5.

# אין דול־הויז.

אין דול־הויז איז עס געווען.

אז מען האט די נישט געפעהרליכע משוגעים צוזאמענגע־פיהרט אין איין סאלאן אריין צום אפרוהען, האבען זיך די מעלאנ־כאליקער צוזעצט אויף די בענק און אנגעהויבען שאקלען מיט די קעפ אויף פארשידענע ארטען.

איינער שאקעלט אויף אלעס: יא, יא! דער צווייטער: ניין, ניין, געווים נישט! דער דריטער שאקעלט אהין און אהער, עס קאן זיין „יא", עס קאן זיין „ניין" און אפשר ביידע צוזאמען... ווער ווייסט?

דריי נאר זעצען זיך נישט.

משיח, דער מלאך גבריאל און דער כביכול אליין...

משיח טאר זיך נישט זעצען, ער מוז געהן צו די טויערען פון רוים... אי עס האט זיך געמאכט אן אינטריגע און מען לאזט איהם נישט ארוים, נישט זיין דאגה, ער טוט זיינס און געהט... דעם דריטען נאפאלעאנס חכמה'לער קען ער!

דער מלאך גבריאל קאן נישט זיצען, די גרויסע פליגלען טראַ־גען איהם אין דער הויך, מוז ער פליהען אויף און אפ...

דער כביכול, נעבעך, וואלט זיך יא געזעצט, ער חלש'ט זיך זעצען, די פיס זענען איהם געשוואלען פון אויף און אפ געהן. לאזט מען אבער איהם אין זיין כסא הכבוד נישט אריין! פאר יעדען בייל אין פוס וועט זיין א פאס ברענענדיגע סמאלע, נאר דערווייל מוז ער ליידען!

און אלע דריי שפאצירען, נאר נישט צוזאמען, ווייל איינער גלויבט נישט אין צווייטען, כאטש זיי אלע קומען ארוים פון איין בית המדרש און פון די געדאנקען געקומען איבער איין „מורה נבוכים"...

נאר אלע דריי לייקענען. משיח וועט ראטעווען די וועלט. ווי עס איז, אהן מלאך גבריאל׳ס גרויסע פליגעל, אהן כביכול׳ס נסים... גבריאל ווייס, אז ווען מען עפענט איהם נאר אויף די תפיסה, הויבט ער אויף די גאנצע וועלט אויף זיינע גרויסע, שטאר־קע פליגעל און פליהט מיט איהר הויך, הויך, וואו עס וואקסען קיין קנאה, שנאה, קיין דורשט און קיין הונגער... און דער כביכול וויל מיט ביידע שארלאטאנען נישט רעדען... איבערהויפט רעדט ער ווייניג... ער ווייס, אז ער האט די וועלט פארפושט, אז ער וואלט פון איהר אשפה געמאכט, ווען נישט, וואס ער האט געשוואוירען זי אויפצוהאלטען...

ווען ער האט געשוואוירען און ביי וועמען געדענקט ער נישט. נאר אז מען לערענט אזוי אין חדר איז אודאי אמת... שווייגט ער... נאר לאז ער זיך נאר זעצען אויף זיין כסא הכבוד, זאל ער נאר נעמען די לייצען אין האנט אריין...

און זיי געהען אויף און אפ... משיח פון מזרח קיין מעריב, גבריאל פון מערב קיין מזרח און דער כביכול צווישען צפון און דרום.

און די מעלאנכאליקער ארום זיצען און שאקלען מיט די קעפ. ניין, יא, יא און ניין צוזאמען און ווייסען אפילו נישט ווער עס שפרייזט ארום צווישען זיי.

איינמאל איז דאך געשעהען, אז אלע דריי האבען מיטאמאל אינמיטען וועג, אינמיטען שטוב זיך געטראפען און אפגעשלאגען די נעז...

עס האט א הילך געטאן... אלע דריי זענען א רגע שטעהן גע־בליבען, פארבליפט, דערצערענט, אויסער זיך!

און די מעלאנכאליקער האבען עס אפילו באמערקט, מאנכע האבען אויפגעהויבען די קעפ, אין טייל אויגען האט זיך באוויזען א שיין, א מין פליאה... טייל האבען אפילו די מיילער געעפענט, גלייך ווי זיי האבען עפעס צו פרעגען...

נאר, ווי געזאגט, עס האט געדויערט א סעקונדע...

די דריי נאר גרויסע האבען אוועקגעמאכט מיט די הענט: בדי זיך מיט זיי צו שטעלען! און צוגאנגען יעדער זיין וועג.

די מעלאנכאָליקער האָבען צוריק פאַרמאַכט די מיילער, דער פונק אין די אויגען איז צוריק פאַרלאָשען, זיי שאָקלען ווייטער מיט די קעפּ, טייל אויף „יאָ“, טייל אויף „ניין“ און מאַנכע אויף יאָ און ניין צוזאַמען...

## 6.

# די בילדהויער.

עס זענען אמאל צוויי בילדהויער געוועזען...

און מיר זעצען זיך איבער: רעזשעזביארזשעס, סקולפטארען, שטיין־שניצער...

אוןביידע זענען גרויסע מייסטער, גרויסע קינסטלער געוועזען. ביידע האבען שוין געהאט אזא כשוף אין די פינגער; פון אונטער דעם האמער לעבט אויף דער מארמאר, און ער הערט, זעהט און רעדט!

נאר אין כאראקטער זענען זיי פארשידען געוועזען; צוויי איינגענארטיגע נאטורען.

איינער איז געווען א טיפע, ערנסטע און א וואונדערליך־טרויעריגע נאטור... דאס לעבען האט ער נישט פיינט געהאט, ער האט זיך נישט איבערגעלעבט, און דאך וויים ער, אז אונטען אין יעדען בעכער וויין ליגט א טראפען גאל; אז נאך יעדער אויסגעלאסענער פרייד געהט קאצעניאמער... אז דאס לעבען איז קיין וואלץ צום אפטאנצען, קיין ליעד צום אפזינגען, נאר א טיפע, טיפע רעטעניש, א זיסער טיפער וועהטאג...

דער צווייטער איז, פארקעהרט, א נאטור־קינד! א לעב־קינד! די רויטסטע עפעל, די שענסטע בלומען, די ברענענדיגע זון, ברענענדיגע ווייבער־אויגען!

—„וויין, ווייבער און געזאנג“ איז זיין ערשט — „בראקאט, גאלד און פלאמען“ דאס צווייטע ווארט...

און בשעת דער ערשטער האט אינ'ם שטיין אידעען פאר'כשופ'ט; בשעת וועז ער האט געמייסטערט העלדען, וואס שלײדערען גאט און דער וועלט, פעלקער און קעניגען דאס שארפסטע ווארעווארט אין־פנים אריין; מאנארכען, וואס שליידערען פלוצלונג, ווי פון א דבוק באפאלען, די שווערד פון דער זייט אוועק, און ווארפען זיך אויף די קני פאר'ן אפענעם הימעל און זינגען און שפי־

לעז גאָטס לויב; הייליגע, וואָס מאַכען קראַנקע געזונט מיט'ן גלויבען; פּראָפעטען, וואָס שפּאַלטען שטיינער און קוואַלען וואַסער שפּריצען, וואָס פיהרען פעלקער איבער מדבריות און ימים — צום פרייען לאַנד — —

מאַכט דער צווייטער, שפּילענדיג, געטער און מענשען מיט יצר־הרע־פלאַמען אין די אויגען, שוימענדיגע בעכער וויין אין הענט, און שעהנהייטען, וואָס שפּרינגען ארויס נאַקעט פון שוים פון ים.

דער צווייטער בילדהויער פאַרשטעהט די וועלט, און די וועלט איז איהם דאַנקבאַר; ער מאַכט דאָס לעבען הייסער, דאָס בלוט קאָכעדיגער, דעם גענוס שטאַרקער...

מען זעצט איהם, אויס דאַנקבאַרקייט, א בריליאַנטענע נאָדעל אין קראַוואַט אריין, מען שפּרייט איהם לעבעדיגע בלומען אונטער די פיס, מען שטאָפּט איהם אַן דעם מאָגען מיט אַלעם גוטען און די טאַשען — מיט גאָלד, און אז ער באַווייזט זיך, רייסט מען זיך אויס דעם האַלז שרייענדיג:

— לעבען זאָל דער קינסטלער!

דעם ערשטען פאַרשטעהען נאָר יחידי סגולה...

ביי זיין ארבייט שטעלט זיך זעלטען עמיץ אָפּ...

נאָר פאַר דאָס, ווער עס טוט עס, דער געהט שוין אוועק שטיל־שווייגענדיג, טיפער און ערנסטער, ווי פריהער... איינער זיפצט, א צווייטען באַווייזט זיך א טרער אין אויג...

און פאַר דעם זיפץ, פאַר דער טרער, איז דער רייכער בילד־הויער דעם אָרעמאַן מקנא...

ער וויל, ער מוז זיך נוקם זיין!

איין קינסטלער, איין בילדהויער, איין וועלט־הערשער מוז ער בלייבען!

---

און איינמאָל האָט דער רייכער בילדהויער פאַרזאַמעלט הונ־דערטער פון זיינע שילער און איז דעם אָרעמאַן באַפאַלען...

מען האָט צושטערט זיין אַטעליע, די שענסטע און בעסטע ארבייט צובראָכען, איהם אַליין האָט מען געבונדען און אין רייַ־בענס ווערקשטעל אריינגעפיהרט!

— ד א וועסט דו ארבייטען, אונטער מ י י ן אויג, לויט מ י י נ ע פלענער, לויט מ י י ן באפעהל!

און עס איז אזוי געשעהען!

און מיט דער צייט איז פון גרויסען בילדהויער א נאכמאכער, א נ א כ מ א כ ע ר געווארען, אונטער א פ ר ע מ ד ע ן נאָ־מען, פון א פ ר ע מ ד ע ר ווערקשטעל און לויט פרעמדע מוס־טערען געהט ארויס זיין ארבייט אויף דער וועלט...

נאקעטע שעהנהייטען, פלאמענדיגע ווייִנטרויבען, שוימענדי־גע בעכער... שכור'ע מענשען און געטער...

מאנכע דערקענען נאך זיין האנט אין דעם פיין־ביטערען שמייכעל, וואס באהאלט זיך דאך אין א ווינקעל פון די געטער־ און מענשען־ליפען... פון לייכטען חוזק, וואס שוועבט דאך, קוים צו דערקענען, אונטער דער מאסקע פון אויסגעלאסענעם לעבען...אבער נאר מאנכע...

פון דער א ל ט ע ר ארבייט זענען עטליכע מאָנומענטען געבליבען; זיי אבער האט מען פארגעסען...

די וועלט מיינט:

— דער אלטער מייסטער איז — געשטארבען!

## 7.

# אַפּען.

ערגעץ וואו, אין אפריקא צי אמעריקא, אָבער דאָס איז געַ־
ווים — אין א טראָפּישען וואַלד האָבען נייגיריגע אפען געוואוינט.

אַפּען, וואָס האָבען שטודירט, נאַטירליך — אויסענוועניג;
קיין ליטעראַטור איז נישט געווען. פאר דאָס פלעגט מען פיעל,
זעהר פיעל רעדען. די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, און דער
„עולם" צוזעצט זיך אויף די בוימער אין רעדלעך און מען רעדט
און קנאַקט ניס, קנאַקט ניס און רעדט און דורכאויס איבער זעהר
הויכע, טיפע און ברייטע פילאָזאָפישע פראַגען.

איינער שטעלט אַ פראַגע, דער צווייטער ענטפערט, א דריי־
טער פאַלט אריין אין די רייד. דער פאָרזיצענדער קלינגט — איך
מיין: קלאַפּט מיט'ן ווידעל אַן א טרוקענעם צווייג, — עס נעמט
זיי קיין שלאָף נישט, און מען זיצט אַזוי לאַנג, ביז די זאַך ווערט
ווירקליך און איינגאַנצען קלאָר, דאַמאָלט נעמט מען א קוויטעל און
מען קלעפּט אויף אויף דער זאַך, און מען שרייבט אויף אויפ'ן
קוויטעל: אַזוי און אַזוי הייסט די זאַך, דאָס און דאָס איז זי, און
דערגלייכען און פון די קוויטלעך וועט אמאָל ווערען א ליטעראַ־
טור... איך ווענינגסטענס, צווייפעל נישט דערינען.

איינמאָל האָט איין אַף געשטעלט די פראַגע:

— וואָס איז אַזוינס א מענש?

דער „עולם" ווערט פאַרבליפט! עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז
מען האָט זיי אומגעריכט און מיט אמאָל אין א פינסטערען אַפּגרונט
אריינגעוואָרפען...

דאָ איז שוין אַ פינסטערניש, דאָ וועט מען שוין הענט און
פיס צוברעכען...

און עס ווערט אַן אומרוהיג געקלעטעריי און געשפּרינגעריי
אויף און איבער די צווייגען, מען הענגט זיך אויף די עקען מיט'ן
קאָפּ אַראָפּ, שפּרינגט אויף צוריק מיט אָפענע מיילער, פון וועלכע

עס קומט דאַך קיין רעכט וואָרט נישט אַרויס. אַז מען האָט קיין מענשען נישט געזעהן!

און אַז עס ווערט שפּעט, זעהר שפּעט, די שטערען הויבען זיך אָן צו בלייבען און די ווייבער רופען אין נעסט אַריין אַרויס־שטעלענדיג פּיס און נעגעל — קלינגט דער פּאַרזיצענדער מיט׳ן עק און דערקלערט:

די פראַגע ווערט אָפּגעלעגט, ב י ז עס וועט אַנטלויפען אַן אַף פון אַ טיר־גאָרטען אין פּאַריז, בערלין, וויען צי ניו־יאָרק און וועט זאָגען...

און זיין ליעבער נאָמען האָט געהאָלפען: אַז אַנטלאָפענער האָט זיך באַוויזען.

זאָג, ברודער, וואָס איז אַזוינס מענש?

בלאָזט ער זיך אָן:

מענשען קען ער, פיעל; זעהר פיעל מענשען געזעהן!

נישט אַלע טראָגען ביקסען און שיסען אין וועלדער, ווי מען זאָגט אין וואַלד. נישט אַלע אַפילו זענען מחדש די לבנה און גי־בען זיך דערביי „שלום עליכם“. פאַרשידען: טייל האָבען פיעל ווייבער, טייל שטאַרבען אין לייבצודעקלעך — אָבער נישט ד אָ ס באַצייכענט, נישט י ע נ ע ס!

מען קאָן זיך זאָגאָר פּיהלען אַלס מענש און קיין מענש נישט זיין... אַז מען האָט נישט אַלע אַטריבוטען, וואָס מען דאַרף, איז שלעכט!

דאָס איז אָבער פעסטגעשטעלט: אַז אַזוינער, וואָס געהט אויף צוויי פיס (דאָס איז אָבער דאָס מינדסטע) און טראָגט ווינ־טער אַ שאָפּען־פּעלץ (דאָס איז שוין עפּעס!) און זומער—ציטר־ציא, און וואוינט שעהן, און עסט גוט, און טרינקט נאָך בעסער. אהא! שאַמפּאַניער הייסט דאָס געטראַנק! אַזוינעם רופט מען: מענש! מען זאָגט: ער איז אַ מענש! בפרט, אַז מען האָט דינער, קאַטש און פערד...

— אַ! — ווערט אַ פריידיג געברום פון אַלע זייטען.

דער אַנטלאָפענער אַף גיט צו:

און אַ באַוויז: האָט וואָס נישט צו פרעסען, זיין חרפה צו פאַרדעקען און וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען, קומט דער פאָלי־ציי־מאַן, וואַרפט איהם אין פּנים אַריין: אוממענש! כאַפּט איהם

ביים קראַגען און פיהרט איהם ערגעץ אוועק... ער דאַרף צווישען מענשען זיך נישט ווייזען... אַזוינעם באַהאַלט מען ערגעץ, ווי גענז, אין אַ שטייג...

און נאָך אַמאָל—אַ!

דערנאָך האָט מען די פראַגע געשטעלט: וואָס איז אַזוינס נאַציאָן? האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז ערשטענס, איז צו שפּעט, צווייטענס, די קעפּ שוין צופיעל צושרויפט, און דריטענס, אַז יע־דערער קאָן זיך דערויף ענטפערען, געשטיצט אויף דער געגעבענער באַצייכנונג פון „מענש“ —

## 8.

# פערד, קיה און קעלבער.

עס איז געווען ביי א קצב אין הויף.

ווי אזוי דער קצב הייסט איז קיין אונטערשיד, זאל זיין קר־בערמאן, זאל זיין פיקעלהויב — אלע האבען א הויף, און אויף יעדען הויף איז דא אן אבארע מיט בהמות צו דער שחיטה, און א שטאל מיט א פאר פערד, אויב נישט מעהר צום אפפיהרען דאס פלייש...

ביי אונזער קצב אויפ'ן הויף איז אן אלט פאר פערד געווען, אן „ער" און א „זי".

„פאר פאלק" איז אייגענטליך נישט ריכטיג, זיי זענען שוין לאנג קיין פאר פאלק נישט!

שוין א צייט, זייט זיין יצר הרע איז געקומען אויף ציגיינער־שע הענט, און זי וואלט ביי לייטען א זאגעריין, א טיקעריין געווען. פרעמדע הטאים געזוכט, אייגענע צו פארגעסען.

גאר מיוחסים זענען זיי ביידע.

אין סאביעסקים צייטען איז זיין זיידע אונטער וויען געווען און פון דאמאלט אן איז איהם אביסעל דייטש געבליבען אין דער זיפשאפט...

זי האט אפילו א שטיקעל פסול אין דער משפחה... ווען די גרויסע אגארעס האבען אין קיעוו געהוליעט, האט איהר באבען, לא עליכם, א מכשול געטראפען, נאר—כיון שלקה—אפגעשמיסען און צוריק יחוס געבליבען!

און זיי האלטען זיך טריי און עהרליך צוזאמען! איין פאר־זילבערט געשפאן, איין דישעל — ער אין דער רעכטער, זי אין דער לינקער זייט.

דאס ביטערע פערדישע לעבען פון אסך ארבייט און ווייניג האבער פארזיסט מען זיך מיט גוט־פריינטשאפט, מיט קאמפלי־מענטען פאר חבר'קייט און מיט אלטע זכרונות פון די אמאליגע

גאָלדענע צייטען, גוט מען האָט אין צירק געטאַנצט, אויף מושטיר פּלאַץ גאַלאָפּירט און גאַנץ אָפט אפילו פּולווער געשמעקט...

דערביי קראַצט מען זיך פּאַר גרויס ליעבשאַפט נעגענזייטיג אונטער די אויערען און מען פאַרגעסט, כאַטש אויף א ווײַלע, דאָס אײַזען אין מויל, די שטריק אויף די גערײַנירטע זײַטען, דעם די־שעל אין דער מיט און די קנאַקענדיגע בײַטש פון דער הויך...

טײַלמאָל פאַרגעסט זיך דאָס פּאָר פּאַלק, געדענקט נישט, וואו עס האַלט און הויבט אָן הינטער־טאַנץ... נאָר עס איז לאַנג נישט געפעהרליך. עס איז גענוג שוין א פּײַף, זיי זאָלען זיך דערמאָנען, אראָפּלאָזען צוריק די קעפּ און ווײַטער רוהיג און געלאַסען מעסטען די בלאָטע...

---

דאָס פּאָר פּאַלק איז ביים ברונען.

זי ליגט אויסגעצויגען ביי דער קאַרעטע און אַרבייט מיט די זייטען; ער שטעהט איבער איהר פערטראַכט אויף פיער ציטער־דיגע פיס... וואָסער שנירלעך הענגען זיי נאָך ביידע אראָפּ פון די ביידרים און שפּיגלען אָפּ די לעצטע הייסע שטראַלען פון דער אונ־טערגעהענדער זון...

דער גאַנצער הויף שטעהט אין גאָלד!

— א שעהנער אָוונט, — מאַכט ער מיט א ווייכער שטימע.

זי ענטפערט נישט, זי הערט זיך צו צום יאָמערליכען קול, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער אַבאַרע.

— הערסט? — מאַכט זי צו איהם מיט א ציטער.

— וואָס?

— דאָרט געזעגענט זיך א קאַלב מיט'דער מוטער אויף אייביג.

— נו?

— מען וועט ווײַטער קוילען?

— קעלבער... קיה... — ענטפערט ער געלאַסען.

— און אונז?

דאָס בלוט פון אונטער וויעך איז אויפגעזאָטען:

— אונז טאָר מען נישט!

עס יאָגט איהם דורך, ווי א בליץ; נאָר געשווינד קומט ער צו זיך און באַרוהיגט זיך אויך.

— נאריש קינד, — מאכט ער — פערד זענען דאך קיין בהמות נישט! מיר זענען דאך מיוחסים! ווי לאנג איז, אז אונזער זיידע בוצעפאל איז מיניסטער געווען! און עד היום זענען דאך אלע גרעסטע חיות אונזערע נאהענסטע קרובים! מען וועט עס נישט דערלאזען!

— און זיי?

— וואס פאר א פארגלייך? — מיר זענען דאך ניצליך, אונז דארף מען דאך, מען וועט דאך צו קיין הארמאטען קיין אקסען נישט שפאנען, מען וועט דאך קיין קעלבער אין צירק נישט ארייגלאזען... און אהן קריג, און בפרט אהן א צירק קאן קיין איינציגער שטאט נישט באשטעהן!

— נאר זיי, פארוואס זיי?

— קוילען — שרייט ער — מוז מען דאך! אויסער דעם — גיט ער שוין צו געלאסען — זענען זיי מעהר נישט ווערט! לאזען זיי אויף זיך רייטען? טאנצען זיי אונטער די שפארען? טויגען זיי אין קריג?... און וואס פאר א שווער, פויל לעבען ער פיהרט! אהן א פונק פון העלדענמוט, אהן א קאפ פון ראמאנטיק; קיין איינציגער אקס שטעלט זיך ביי קיה־וואסער נישט אפ, ער שמעקט נישט דערצו...

— א! — מאכט די דאמע האלב איבערדייבערט.

— און וואס פאר א לשון דאס האט! בע! מע!

— פוי! — מאכט די דאמע.

— און אפיקורסים זענען זיי.

— וואס? — שפרינגט די דאמע אויף אלע פיער.

— זיי זאגען, אז דער גאנצער הימעל איז פארנומען מיט אבא־רעס, אז אויף קיין איינציגען שטערען איז קיין פערד־שטראל נישט פאראנען.

— אזוי, — מאכט די דאמע אין איין כעס — אזוי...

און אין דערזעלבער סעקונדע, אז מען האט דורכגעפיהרט א קעלבעל צו דער שחיטה, האט זי איהם דערלאנגט מיט דער פאד־קאווע אין דער זייט...

# דער אויסלענדישער פויגעל.

אין א זומפּ, אויף א פארגעלטען מאָר, איז אמאָל א שטיין גע־לעגען.

דאכט זיך: א שטיין, ווי אלע שטיינער.

נישט זיין זארג, ווי דער הימעל זעהט אויס, וואס וואלד און טייך, זיינע נאהנטע שכנים, טוען.

זאל דער הימעל אראפּקוקען אויף דער זינדיגער ערד מיט טוי־זענטער לייטזעליג־בארמהארציגע אויגען; זאל ער, ברוגז, פארשטעל־לען זיך פאר איהר מיט וואלקען־ און נעבעל־שלייער, אדער אין גרימצאָרן זי שרעקען מיט דונער און בליץ! — —

זאל דער וואלד זיין מיט ליעבע און געזאנג, אדער מיט גע־שרייען און כאָרכלען; אדער שטעהן וויסט און אפּגעשטארבען, איינגעהילט אין ווייסע תכריכים — — —

זאל דער טייך ריזלען קריסטאלען־קלאָר, האבען זיין אייגע־נעם הימעל און שטערען אין שוים, אדער רינצלען זיך, צערנען און שפּייען מיט שוים צום הימעל ארויף, וואס וויל אויף איהם דעם בייזען ווינטער שיקען, אין אייז פארקאָוען!

שטיין בלייבט שטיין; און שטיל איז א שטיינערן הארץ אויך דאמאָלט, ווען נאס־גליטשיגע פרעש שפּרינגען פון זומפּ ארויס, מאכען חתונה אויף זיין רוקען און זינגען זייערע ליעדער.

און דער שטיין מיט'ן שטיינערנעם הארץ, גראבט זיך, מיט זיין אייגענער פוילער שווערקייט, אלץ טיפער און טיפער אריין אין מאָר, אין דער ערד אריין — — —

— אבער א שטיין! — זאגען יונגע...

די אלטע שמייכלען טרויעריג:

זיי געדענקען די צייט, ווען דער שטיין איז נאָך קיין שטיין נישט געווען...

און, אַז מען פרעגט זיי:

— אַלטע, גרויע לייט, וואָס דען איז ער געווען?

האָט יעדערער זיין נוסח, זיין פֿאַבעל צו דערצעהלען...

— עס איז אַ לייב געווען! — דערצעהלט איינער, גראָד אַ בלינדער. — אַ ווילדער לייב אין וויסטען סטעפּ.

אין ראָזיגע זאַמד־נעבעל געהילט, פֿליהט ער דורך דעם סטעפּ און קוקט פֿון נעבעל אַרויס מיט אויגען, ווי ברענענדיגע זונען; און ברילט ער, קאַלערט עס זיך איבער'ן סטעפּ, ווי אַ דונער...

נאָר איינמאָל איז קראַנק געוואָרען דער לייב. ליגט ער פֿאַרשמאַכט, און הערט, אַז דער אייזעל איז אַרויסגעוואַנדערט פֿון שטאָדט: ער געהט צו איהם, און וועט קומען און שטעלען זיין פֿוס אויפ'ן שטאָלצען קעניגליכען לייב, און אַ וואָרט מוסר זאָגען!

און פֿון שאָס און שרעק פֿאַר'ן אייזעל־פֿוס און זיין מוסר איז דער לייב פֿאַרשטאַרט געוואָרען, און מיט דער צייט — פֿאַרשטיינערט!

און גראָבט זיך, אַזוי פֿאַרשטיינערט, אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַריין אין דער ערד...

עפּעס ציטערט נאָך אין איהם פֿאַר אייזעל־מוסר און אייזעל־פֿוס, און ווילט זיך אַלץ טיפֿער באַהאַלטען.

און מיט ציטעריגע הענט גלעט ער, דער בלינדער, און טאַפּט דעם שטיין:

— זעהט איהר נישט גלידער פֿון אַ לייב? האָט איהר קיין צייכען פֿון זיין שטאָלצער גריווע? איך פֿיהל זיי!

---

אַז אַנדערער זאָגט, און אויך מיט אַ זיכערער, כאָטש ציטעריגער שטימע, אַז עס איז קיין לייב נישט געווען!

— וואָס דען, אַלטער?

— אַ פֿעניקס!

און אַז די אור־אייניקלעך רינגלען איהם אַרום און פרעגען:

— וואָס איז אַזוינס אַ פֿעניקס?

פאַרטײַטשט ער מיט אַ טרויעריגער שטימע:

— אַזאַ פויגעל, קינדערלעך! דעם פויגעל האָט גאָט האָס אײביגע לעבען געשענקט, נאָר מיט אַ באַדינג! און אַ מתנה מיט אַ תנאי איז אפשר קײן מתנה נישט... און אויסגענומען האָט ער מיט'ן פעניקס, אַז ער, אויב ער וויל אײביג לעבען, זאָל ער זיך פון צײַט צו צײַט רײניגען אין פײַער פון די לעבעדיגע זינד... און פון צײַט צו צײַט מוז ער זיך אַלײן פאַרברענען, און אויפערשטעהן פון אײגענעם אַש, אַדער פון לעצטען פונק אין אײגענעם אַש!

— און אײנמאָל — דערצעהלט דער אַלטער, מיט אַ קוים אָנ־זעהענדיגער טרער אין אַלטען אויג, — האָט דער פעניקס נישט־געוואָלט אין פײַער ארײַנגעהן! צי איז איהם דאָס זינדיגע לעבען געפעלען, צי האָט ער אַ רגע זײַן תחית המתים נישט געגלויבט, — ווער ווײסט? און דער פון אויבען דאָרט, האָט אויף איהם אַ צאָר־ניגען בליק געוואָרפען, און אונטער דעם בליק איז דער פעניקס פאַרשטײנערט געוואָרען!

— אויף טויט?

ווער ווײסט... אַמאָל, זאָגט מען, ציטערט דער שטײן... ווען דער הימעל שפּאַלט זיך — זאָגט מען — ציטערט ער!

---

אַביסעל אינגערע, נאָר גענוג אַלטע אויף ג ע ד ע נ ק ע ן און ד ע ר צ ע ה ל ע ן, גלויבען שוין נישט אין פעניקסען.

„אַלײן אין פײַער געהט מען נישט, און ווען צעהן מאָל תחית המתים!“

— וואָס דען, אַן אײנפאַכער שטײן?

— דאָס נישט! אַמאָל ציטערט עפּעס פון איהם אַרויס! נאָר אַן אַדלער אַן עזות פּנים איז ער געווען! און לאַנגע, ברײטע פליגעל און שטאַרקע געהאַט! נעמט ער זיך אַמאָל צו דער זון, פליהט אַרויף, זוכט אין איהר פלעקען!... האָט זי אויף איהם מיט פײַער געשאָסען, די פליגעל פאַרברענט, און זײַער אַש האָט זיך אין דער לופט פאַרשפּרײט... פאַלט אַזוי אַן אַש'ל עמיצען אין די אויגען אַרײַן, רײַסט ער זײַ אויף קעגען דער זון און קעגען אַלעם אין

און איבער דער וועלט. ער אליין — איז אראפגעפאלען טויט, און מיט דער צייט פארשטיינערט געווארען...

— זעהט איהר נישט, ווי שווארץ ער איז? — פון פייער!

---

נאר איינגערע, און דאך גענוג אלטע, לאכען!

— אי... באבע מעשיות!

עס איז קיין לייב, קיין פעניקס און קיין אדלער געוועזען... זיי האבען אן אנדערען נוסח: ער איז געוועזען א פויגעל, ווי אלע פויגעל... נאר — מיר געדענקען דאך — א פויגעל מיט יצר־הרע טרע־לען! או! א זיסער שווידער פלעגט דורכגעהן דורכ'ן לייב... שטיל, פארנאכט, דער שיר־השירים'ניק טרויערט אין וועלדעל און דא־מאלט ווער קאן זיכער זיין פאר זיך, פאר טאכטער און ווייב?

האט איהם אן אלטע מכשפה — א צנועה פארשאלטען: „פאר־שטומט און פארשטיינערט זאל ער ווערען!" — האט זי געזאגט. און דער הימעל האט זיך דאמאלט גראד געשפאלטען! און דער פרייער פויגעל איז מגולגל און פארשלאסען געווארען אין א שטיין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אבער ווי עס איז, געמוזט האט עפעס זיין... ווארים איינמאל איז אן אויסלענדישער פויגעל דורכגעפלויגען...

נאך איידער ער האט זיך געוויזען, האט זיך א וואונדערליך זיס גערויש דערהערט...

עס איז אין א שטילער זומער־נאכט געוועזען. און טייך און וואלד, און לבנה און שטערען האבען זיך פארוואונדערט אפגעשטעלט און איינגעהערט אין דער נייער, זיסער, שטילער מוזיק אין דער לופט... „ווי פריש, ווי פריי!" — האבען די בלעטלעך אויף די בוי־מער געציטערט...

חיות אין וואלד, און פרעש אין זומפ, זענען פארשטארט און פאר'כשופ'ט געבליבען... דער בער, אינמיטען שפרונג — אין דער לופט, דער פראש מיט'ן אפענעם מויל — אין זומפ...

און ער האט זיך באוויזען...

עס האט נאך קיינער אזוינע גרויסע, ברייטע, ווייסע און מעכטיגע פליגלען נישט געזעהן...

און שטיל בלייבט ער הענגען אין דער לופט, און וואלד און טייך האלטען דעם אטעם איין...

און זיס און שטארק איז זיין געזאנג און פריש, פריי און הייליג זיין ליעד...

און שטילער, טיפער און הייליגער ווערט די נאכט; גרינער און בליהענדער דער פאר'חלומ'טער וואלד; העלער פלאמט אויף די רויז, און דאס פאר'כשופ'טע טייכעל צולאזט זיך מיט א שטיל, טיף־קלינגענדיג געזאנג...

און זינגענדיג, קוקט ער זיך מיט שטראלענדיגע אויגען אום, דערזעהט, און שיסט אראפ — צום שטיין... מיט א נײ ליעד, פון אויפערשטעהן...

און אין שטיין האט זיך עפעס געוועקט — א שוידער איז אדורך דעם שטיין... א קלאנג האט זיך אין איהם געוועקט...

ווער ווייסט?

דער פויגעל, דער אדלער, דער פעניקס, צי דער לייב?

ווער זיפצט?

---

לאנג האט עס נישט געדויערט.

דער פויגעל איז אוועק...

# קין און הבל.

## 1.

אמאל איז געווען א קין, אמאל איז געווען א הבל; צוויי ברי־
דער זענען זיי געווען.

דער ע ר ש ט ע ר קין און דער צ ו ו י י ט ע ר הבל.

האט הבל געהאט גאט אין הארץ, געהערט זיין שטים ביי זיך
אין די ניר׳ען און האט זיך קיין גאט נישט געזוכט.

דאגעגען קין, אבוואל דער עלטערער, האט נאר די ב ע נ ק־
ש א פ ט צו גאט געהאט; האט ער א וואנדערשטאק גענומען און
איז געגאנגען זוכען גאט, אויף וועג און שטעג.

„גאט מוז זיין ג ר ו י ס, אומגעהייער גרוים; שטארק,
אויסטערליש שטארק מוז ער זיין! — אזוי האט קין געטראכט.

און אז ער האט דעם ערשטען, אומגעווערליך גרויסען, שטאר־
קען פעלז אויף זיין וועג געטראפען, איז ער אויף די קני געפאלען
און פון הארץ ארוים א געשריי געטאן:

— אט איז גאט!

און פול פורכט, דאנקבארקייט און ליעבשאפט צום גאט, וואס
האט זיך איהם באוויזען, פאלט ער פאר׳ן פעלז אויף די קני און
בעט מיט פארציטערטע ליפען:

„לאז מיך אייביג זיין לעבען דיר, גאט, מיין גאט!“

„דערוויטער מיך נישט פון דיר, דו קוואל פון גרויסקייט און
מאכט...“

א ווינטעל בלאזט און רוישט אין דער שטיל —

דערהערט קין אין׳ם ווינטעל גאטס ווארט; פארנעמט ער זיי־
נע רייד אין גערויש —

געהט הבל פארביי, רופט ער איהם באגייסטערט צו:

— ברודער, קום צו און זעה באשיינפערליך גאט!

— ברודער, דאס איז גאט! און איך, דיין ברודער קין, בין זיין נביא און, —

„אזוי זאגט גאט“ — —

ער ענדיגט נישט!

הבל שטעלט ארויף א פוס אויפ'ן פעלז:

ער טרעט אויף גאט!

שפרינגט קין אויף און כאפט דעם וואנדערשטאק, און טויט זיין ברודער הבל, וואס האט געלעסטערט גאט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„בלוט פאר בלוט“ איז דאס געזעץ.

לויפט א ווילדע חיה פון וואלד ארויס און צורייסט קינ'ען, וואס האט זיין ברודער הבל געטויט. —

## 2.

„בלוט פאר בלוט“ איז א י י ן געזעץ;

„געשטארבען איז עמיץ, עמיץ זאל לעבען!“ — דאס צווייטע!

און א נייער קין ווערט געבוירען; און — א נייער הבל.

האט הבל גאט אין הארץ און זוכט נישט גאט; קין — נאר דאס פארגעפיהל פון גאט און א ברענענדיגע בענקשאפט צו איהם, — זוכט ער גאט אין וואלד און פעלד.

„גאט איז ל ע ב ע ן, גאט איז פ ר י י ד!“

איז זיין געדאנק.

„געזאנג איז ער און בליהונג... אויסער גרויס און שטארק!“

געפינט ער א בוים — א ריז אין וואלד, און פאלט אויף די קני פאר גאט!

„ווי גרויס דו ביסט, גאט; די הימלען שפארסט דו אונטער. און שטארק, — צוואנציג ריזען נעמען נישט ארום דיין שטאם!

„און ווי דו בליהסט, גאט; דאס ביסט דו בליהונג אליין!“

און ווי זיס צוגיסט זיך דער געזאנג אין דיינע צווייגען, — לאז מיך רוהען אין דיין שאטען, גאט...“

און אז א ווינטעל בלאזט און די בלעטער הויבען אן צו רוי־שען, הערט קין די שטים פון גאט און פאלט אויף די קני געהט הבל פארביי.

„זעה, ברודער, גאָט! און איך, דיין ברודער, בין זיין נביא!
„אין די אויערען רוישט מיר זיין געזאַנג; ביז׳ן האַרץ אריין
— זיין קלינגענדיג וואָרט...
„און — אַזוי זאָגט גאָט..."
וויל הבל נישט הערען גאָטס וואָרט; שטרעקט ער אויס זיין האַנט און כאַפּט אָן אַ צווייג פון בוים.
— איך בויג אראָפּ דעם קאָפּ פון גאָט; איך רייס איהם ביי די האָר!
און רייסט אויס, און צוואוואַרפט אַ הויפען בלעטער פון גאָט.
פאַלט הבל, דער גאָט־לעסטערער, פון קין׳ס הענט דערוואָר־גען; אַנטלויפט קין, דער ברודער־מערדער, צום ים, פאַרפלייצט איהם אַ וואַל!
„בלוט פאַר בלוט!"

## 3.

„געשטאָרבען קין און הבל, לעבען זאָלען קין און הבל!"
און ניי־געבוירען, קומען זיי צוריק אויף דער וועלט.
האָט הבל גאָט אין האַרץ און זוכט איהם נישט.
און קין האָט איינמאָל גאָט אין חלום געזעהן; און איז דער חלום פאַרשוואונדען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט נאָך מיט אַ גרע־סערער, ברענענדיגער בענקעניש צו גאָט.
און אַ שניצער איז שוין קין געווען. מוז ער זיך אויסשניצען דעם גאָט, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן.
פאַרווירקליכט מוז דער חלום ווערען; צוריקקומען און איי־ביג בלייבען מוז דער פאַרשוואונדענער טרוים!
ער קאָן אָהן גאָט שוין נישט לעבען!
נעמט ער מיט זיך מעסער, האַק, הובעל און זעג און געהט אין וואַלד אריין.
דעם שטאַרקסטען, העכסטען בוים קלייבט ער אויס; און ד ע ר פאַלט אונטער זיין האַק, און ווערט דערנאָך מיט האַק, הו־בעל און מעסער באַאַרבייט...
און טעג און נעכט טרעט קין פון דער אַרבייט נישט אָפּ. פון

די שפּענער האָט ער זיך אַ פייער, צום וואָרעמען און קאָכען גע־מאַכט; פון אָפּגעריינינגטען שטאָם זיך זיין גאָט געשניצט...

און עס איז אַרויס אַ גאָט!

דער גאָט, וואָס האָט זיך א י ה ם אין חלום באַוויזען, וואָס ער האָט אין שלאָף געזעהן...

און גרויסע אויגען האָט ער איהם געמאַכט — גאָט זעהט פון עק וועלט ביז עק... אָבער נישט גלייכע אויגען:

קוקט איין אויג לייטזעליג און באַשענקענדיג־ליעב — גאָט איז אַ גוטער! —

דאָס צווייטע — שטרענג, — אַ ריכטער איז גאָט אַ שטרענגער און באַשטראָפט יעדע זינד!

און אין איין האַנט האָט ער איהם אַ הענגעל־טרויבען אַרייג־געשטעלט — פרוכטבאַרקייט איז דער גוטער גאָט!

די צווייטע האָט ער אויף אַ פויסט פאַרשניצט און זיין האַק אין דער פויסט אַריינגעשטעקט — דעם זינדיגען אָפּצושרעקען; גאָט שטראָפט!

און פאַרטיג איז געוואָרען דער גאָט, און ער האָט איהם אויפ־געשטעלט און — פאַלט פאַר איהם אויף די קני!

„אַ, גאָט!

„ווי ליעב האָב איך דיך, גאָט, מיין גאָט! און ווי פאַרכט איך מיך פאַר דיר!

„און איך בין דיין נביא, גאָט!

„איך האָב דיך געפונען!

„און איך וועל דער וועלט זינגען דיין לויב און שאַלען דיין קראַפט!

„איבער דער ברייטער וועלט וועל איך דיין נאָמען צוטראָגען; ווי שמעקעדיגער בוימאויל וועט זיך, אַ, מיין באַשעפער, דיין נאָ־מען צוגעהן — — "

און בעטען בעט ער זיך:

„רעד מיט מיר, גאָט!"

פליהט איבער זיין צו גאָטס פיס פאַרזונקענעם קאָפּ אַ מחנה וואַנדער־פייגעל פאַרביי; רוישען זייערע פליגעל אין דער לופט; הערט ער גאָטס רייד צו זיך אין גערויש.

געהט הבל פאַרביי.

„הבל, זעה באשיינפערליך גאָט! און —
„אזוי זאָגט גאָט! — —"
— דיין באשאפענער באשעפער? — פאלט איהם הבל אין די רעד אריין מיט שפּאָט.
— האסט א בוים אויסגעהאקט, ביים פ י י ע ר פון זיינע שפּענער דיך געוואָרעמט און דיין שפּייז געקאָכט, און דו קניסט פאר׳ן טויטען אפּגעשיילטען שטאַם, וואס דו האָסט, לויט דיין אייגען בילד, געמאכט?
דערקענסט דו דיך נישט, קין, א י ן ד י י ן ג א ט?
און זעה, איך שפּיי אויף דיר און אויף דיין עבענבילד — דיין גאָט!
— גאָט! — שרייט קין אויס אין ברענענדיגען צאָרן — פארשטאָפּ דאָס לעסטער־מויל, באַנוץ דיין האַק פאר׳ן זינדיגען קאָפּ!
און ער פאלט נ א ד א מ א ל אויף די קני:
— ער איז מיין ברודער, גאָט! פון איין טראַכט זענען מיר אויף דער וועלט ארויס, דיזעלבע בריסטען האָבען אונז גענעהרט,— נאָר דו ביסט מיר טייערער, גאָט, גערעכטער גאָט — און איך בעט, און איך פארלאַנג פון דיר: שטרעק אויס דיין האַנט און שטראָף!
— און ווילסט דו נישט? מוז א י ך עס טון; איך, דיין נביא, דיין קנעכט!
און שפּרינגט אויף; און מיט דער האַק פון גאָטס האַנט ארויס, האָט ער זיין ברודערס קאָפּ געשפּאָלטען...

## 4.

און ווייטער איז אין גאָטס נאָמען א ברודער־מאָרד געשעהען —
און „בלוט פאר בלוט" איז דאָס ערשטע געזעץ; „דער, וואס נעהמט, קומט צוריק" — דאָס צווייטע.
„קין און הבל געשטאָרבען; לעבען זאָל קין און הבל".
און אזוי וועט זיין, אייביג זיין. — —

# דער אייביגער פרידען אין ערגעץ־לאנד.

דערצעהלט אזוי דאס מעשה'לע פון ערגעץ־לאנד:

אין ערגעץ־לאנד איז א הויכער גרויסער בארג פאראן, האל־טען זיך אויפ'ן שפיץ פון בארג די אדלער די גרעסטע, שפילען אויף זיין הויך די ווינטען די שטארקסטע; — שפילען זיי און ראנגלען זיך.

זעהט אויך דער שפיץ פון בארג דאס גרעסטע הימעל־שטיק פון געוועלב איבער ערגעץ־לאנד, און דעם שענסטען אויפגאנג פון דער זון יעדען מארגען פריה אין ערגעץ־לאנד...

באדט זיך דער שפיץ בארג אין העלסטען, רייכסטען ליכט. עס איז דאך דער העכסטער בארג אין ערגעץ־לאנד: די זון פאר־שטעלט איהם קיינמאל נישט, פון ערגעץ פאלט אויף איהם קיין שאטען נישט...

און שטארק איז ער, דער בארג: פעלזען זענען זיינע גלי־דער, קופער און גאלד — זיינע אדערען... דאס ווייס די ווילדע ציג, וואס שפרינגט איבער זיין רוקען...

אט אזוי האט דאס מעשה'לע דערצעהלט. —

---

האבען די מוטערס דאס מעשה'לע געהערט, דערפון א וויגען־ליעד פארפאסט, און שלעפערען די קינדער איין דערמיט, מיט'ן ליעד פון ערגעץ־לאנד, פון הויבען גרויסען בארג אין ערגעץ־לאנד...

וואקסט אבער אויף דאס קינד און עס פארגעסט דאס וויגען־ליעד; אין לערנען און אין שפילען ווערט עס פארגעסען; דער־נאך אין לעבען, ליעבען און ליידען... אינ'ם וועלט־גערוויש!

ערגעץ דאך, אין א פארבארגענעם ווינקעל פון הארץ, ציטערט

נאך אלץ א סטרונע שטיל, און עס קלינגט דאס ליעד, דאס וויגען־לינעד, פון שפיץ פון בארג אין ערגעץ־לאנד, — פלייצט דאס לע־בען ארום און ארום, רוישט עס און זירט, הערט מען די סטרונע נישט —

געהען אזוי יאהרען און צייטען פארביי — —

טרעפט זיך אמאל —

שפינט א יונגערמאן זיין גאלדענעם פאדים פון לעבען, און עס שטרעקט זיך אויס ד ע ם מ ז ל ׳ ס האנט, און רייסט איהם דעם פאדים א י ב ע ר : געהט דער יונגערמאן פון לעבען אוועק אין דער איינזאמקייט... דערפיהלט ער פלוצלונג אין דער שטילער איינזאמקייט: עפעס ציטערט אין ווינקעלע פון הארץ ביי איהם. אין פארבארגענסטען ווינקעל פון הארץ קלינגט... שטעלט ער זיך אפ און הערט זיך איין...

זינגט אמאל א יונגערמאן זיין גליקליך ליעבעס־ליעד אויף זיין הארף, אויף זיין גאלדענער יוגענד־הארף: דערהערט דער ביי־זער מזל און שלייכט זיך צו און שטרעקט אויס די בייזע ביינעריגע האנט, און רייסט איהם א סטרונע נאך א סטרונע מיט געוואלט; ווערט שטיל די הארף און שרעקליך שטיל אין הארץ; — שטעהן איז דאס הארץ געבליבען... און אין דער שטיל־קייט קלינגט פלוצלונג אויף דאס וויגען־ליעד, דאס ליעד פון ערגעץ־לאנד, פון הויכען, גרויסען בארג אין ערגעץ־לאנד...

און אמאל וועקט זיך עס עמיצען אין חלום אויף, און קומט אין א שטילער לבנה־נאכט צום אויער, כאפט זיך יענער אויף...

און אזוי אמאל, פארטראכטערהייט, וועקט זיך ביי לייטען די בענקשאפט אויף, און טרייבט קיין ערגעץ־לאנד; צום הויכען בארג, צום גרויסען בארג אין ערגעץ־לאנד...

ציהט דאס ערגעץ־לאנד א ו ן צ י ה ט ; וואנדערט מען...

און אין אלע צייטען, און אויף וועגען אלערליי, און פון אלע עקען וועלט וואנדערט מען קיין ערגעץ־לאנד...

מאנכע טרעפען דאך און דערגרייכען עס.

קומען מאנכע קיין ערגעץ־לאנד; ווייסט איינער דאך פון צווייטען נישט...

אויף איינזאמע וועגען געהען זיי, פון פארשידענע עקען וועלט קומען זיי... איינער טרעפט זיך מיט'ן צווייטען נישט.

---

שפינט און שפינט זיך ווייטער דאס מעשה'לע...

פון לבנה־שטראלען שפינט זיך עס; אין שטילע נעכט, אין לבנה־נעכט...

דערצעהלט עס ווייטער אזוי:

צופוסענס,ביים הויכען בארג אין ערגעץ־לאנד, ליגען לענ־דער פרייע, פעט און שווארץ... וואקסען וועלדער טיפע־טיפע, און שטראמען יאגען און טייכען פליסען און רינגלען ארום דעם גרוי־סען הויכען בארג...

און קומען די וואנדערער — איינציגווייז, פארוויז אדער פא־מיליען גאנצע—און דערגרייכען זיי דעם בארג אין ערגעץ־לאנד, בא־זעצען זיי זיך ארום און ארום דעם בארג, צופוסענס דעם בארג...

געהט דער יעגער מיט פייל־און־בויגען אין וואלד אריין; זעצט זיך דער פישער מיט נעץ און ווענטקע ביים קלארען טייך; זוכט זיך דער פעלדמאן זיין אקער אויס; טרייבט דער הערט זיין פיה איבער דער פעטער לאנקע... ווערען קאלאניעס מיט דער צייט...

גרויס איז אבער דער צופוסענס פון בארג, טרעפט זיך איין קאלאניע מיט דער צווייטער נישט; ווייסט איינע פון דער צוויי־טער נישט.

בויט זיך יעדערע איהר וועלט פאר זיך, און ארדענט זיך איין די „איינציגע" וועלט. בויט זיך איטליכע איהר הייליגטום פאר גאט דעם „איינציגען", און דינט דעם האר פון דער וועלט דעם איינציגען...

און מען לעבט די יאהרען אויס, און מען שטארבט צו דער רעכטער צייט, און אלץ לויט ווילען און געזעץ פון גאט דעם איינ־ציגען...

און מען בעט גאט, און מען רעדט אויף דער „איינציגער" מענשליכער שפראך.

און מען ארבייט; און מען מעהרט, און מען פרוכפערט זיך.

און מען הויבט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויפ'ן רוקען פון הויכען באַרג, פון געגלוסטען באַרג...

לאַנגזאַם — מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, געהט דער אקער־מאַן; מיידט איהם אויס דער פלאַנצער פון ווייִן; העכער שפּרינגט דער הערט, איבער שטיין און פעלז, נאָך דער ווילדער ציג; מיט דער מעטאַלענער אָדער געהט דער בערגמאַן פעסט און טיף...

און נ אָ ך העכער שטייגען מאַנכע...

דאָס זענען די, וואָס האָבען זיך, מיט'ן גאַנצען האָב־און־גאָב, באַרוהיגען נישט געקאָנט...

שווין צו פאַרבענקטע נשמות זענען זיי; צו פאַרבענקטע נשמות צו דער הויך, צו דער הויכער הויך.

ווייל שאַרפער קלינגט אין האַרץ ביי זיי דאָס וויגען־ליעד...

לעגט מען אמאָל די וועגמטע אוועק און דעם פייל־און־בויגען, און מען געהט פון וואַלד און טייך... פאַלט רידעל און קאָסע אמאָל פון האַנט ארויס; פאַרלאָזט מען דעם אקער, פאַרלירט מען שער און שניידמעסער פון האַנט, קומט מען פון וויינבערג ארויס. און מען וואַרפט די האַק אוועק, און מען קוקט פון דער מעטאַלענער אָדער ארויס אויף דער ליכטיגער שיין... פאַרלאָזט מען אויך גאָטס באַראָט די ווילדע ציג, און מען שטייגט...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג...

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן, אַנדערע — איהרע בענקענדיגע לייט — שטייגען זיי...

שטייגען זיי.

איז, וואָס העכער, דינער און דינער דער רוקען פון באַרג; בלאָנדזשען זיי און טרעפען זיך אמאָל.

און טרעפט מען זיך...

און טרויעריג ווערט דאָס מעשה'לע, ווען עס דערצעהלט דער־פון... און ש ר ע ק ל י ך...

טרויעריגע געשיכטען; בלוטיגע געפעכטען...

---

עס שפּינט זיך־און שפּינט דאָס מעשה'לע אזוי:

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן; מאַנכע — איהרע בענקענדיגע לייט — —

צום שפּיץ פון באַרג בענקען זיי...

צו די ווינטען די שטאַרקע, צו די אָדלער די גרויסע... צום גרויסען פרייען הימעל; צום רייכען העלסטען ליכט, צום שענסטען אויפגאַנג פון דער זון בענקען זיי...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג...

און איינציגווייז געהען זיי. איבער די גרענעצען פון פעלדער געהען זיי... פון וויינבערג־געוועלבען קומען זיי ארויס... ביי די רענ־דער פון די מעטאַלענע גרובען שלייכט מען זיך... איבער שטיין און פעלז, איבעריאָגענדיג די ווילדע ציג. —

מיט פאַרבענקטע אויגען, אין דער הויכער הויך פאַרקוקט. בלאָנדזשען זיי; זאַפּענדיג מיט אויפגעשפּיצטע אויערען די געווי־שען פון דער הויך — און טרעפען זיך אַמאָל...

און טרעפען, און — דערשרעקען זיך.

און מיסטעריעזיש פאַרוואונדערט, קוקט איינער אויפ'ן צוויי־טען, זיך אָפּשטעלענדיג:

פון פאַרשידענע ערטער געקומען, אויף פאַרשידענע וועגען געגאַנגען און — אנדערש געקליידט, אנדערש געשווירען און אנ־דערש דעם קאָפּ באַדעקט...

שטאַמעלט מען, זיך גריסענדיג און זאָגענדיג:

— גוט מאָרגען!

זאָגט עס יעדערער אויף זיין שפּראַך, אויף זיין איינציגער שפּראַך... קלינגט עס דעם צווייטען פרעמד, האַרט, נישט־מענשליך און פיינטליך אין די אויערען... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָהט.

„ער באַליידיגט מיך, ער שילט!“

שטעהט מען זיך געגענזייטיג צו:

— ביסטו אַ מענש, גלויבסט דו אין — —

און אָנגערופען ווערט דער נאָמען פון גאָט, פון „איינציגען“ גאָט...

ווערען אין צוויי שפּראַכען גערופען צוויי נעמען פון גאָט; און יעדערער פון צווייטען טראַכט:

— רעדען רעדט ער נישט ווי קיין מענש און גלויבען גלויבט ער נישט אין גאָט...

גרייט מען זיך צום שטרייט...

רופט יעדערער פאר׳ן שטרייט זיין גאָט צו הילף...

אויף פארשידענע שפּראַכן רעדען זיי, פאַרשידענע נעמען רופען זיי.

זאָגט יעדערער: ער לאַכט פון מיר און לעסטערט נאָך מיין גאָט! —

אָדער: ער דינט אַן אַנדערען גאָט, אַ פאַלשען גאָט, אַ שלעכטען גאָט!

פלאַקערט מיט אַמאָל שטאַרקער אויף דער האַס, און מען ראַנגעלט זיך; אויף טויט און לעבען געהט דער שטרייט...

זיגט א י י ן מענש און זיין א י י נ צ י ג ע ר גאָט...

און דער באַזיגטער שילט צי בענשט זיין גאָט און — פאַלט...

קאָלערט זיך דעם באַזיגטענס קערפּער באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ... און צייכענט מיט בלוט זיין וועג איבער׳ן באַרג, איבער׳ן רוקען פון הויכען גרויסען באַרג...

און זיין גאָט אויף זיין שפּראַך דאַנקענדיג, שטייגט דער זיגער אַלץ העכער און העכער...

און די צאָהל פון די בענקענדיגע אין די קאָלאָניען, און די צאָהל פון די, וואָס טרעפען זיך און ראַנגלען זיך אויפ׳ן רוקען פון באַרג, וואַקסט פון טאָג צו טאָג...

עס וואַקסט די בענקשאַפט, וואָס טרייבט אַלץ אַרויף און אַרויף... און עס וואַקסט דער צאָרן קעגען דעם ווילדען, וואָס מען טרעפט אויפ׳ן וועג; קעגען דעם ווילדען טיר, וואָס גלויבט נישט אין גאָט, האָט אַ שלעכטען פאַלשען גאָט און שטאַמעלט אויף אַ נישט־מענשליכער שפּראַך...

און וואָס אַמאָל העכער שטייגט דער מענש מיט זיין צאָרן! און מיט׳ן מענש, אַלץ העכער און העכער שטרייט און שלאַכט...

ראַנגעלט מען זיך וואָס אַמאָל נעהנטער צום שפּיץ פון באַרג...

און די טויטע קערפּער פון באַזיגטע קאָלערען זיך אַלץ עפטער און עפטער, און פון אַ העכערער הויך, באַרג־אָפּ, באַרג־אָפּ... און צופליישען זיך, זיך קאָלערענדיג, אויף בלוטיגע פעצען און פעדים, אַן שפּיצען פון שטיין און פעלז; און אַלץ עפטער און עפטער ריזעלט דאָס בלוט באַרג־אָפּ, באַרג־אָפּ; און שטראָמט, און טרענקט, און רויטעלט דעם רוקען פון באַרג...

און אַ דאַנק די אַראָפּגעפאַלענע צופליישטע לעסטערער פון

גאָט, ווערט אַלץ פעטער און פעטער די ערד צופוסענס דעם באַרג; אַלץ פולער און געבענשטער — די זאַנג פון ווייץ און קאָרן; פולער און גליהענדיגער—די טרויב, זיסער—דער זאַפט אין איהר... און דער ווילדער ציג שפּראַצט אַלץ מעהר און מעהר גראָז פון אונטער די פיס, און אַלץ מעהר און פעטערע מילך גיט זי דעם הערט...

און די פאַרבענקטע זיגער דאַנקען גאָט און — שטייגען...

---

און ווייטער דערצעהלט דאָס מעשה'לע:

און עס פרוכפּערן זיך אַלץ, און מעהרען זיך די קאָלאָניעס צופוסענס דעם באַרג. און די פאַרבענקטע צו דער הויך וואַקסען אויך אין צאָהל, — שטייגען שוין מעהרערע מיט אמאָל...

און געפעהרליך, און מיט יעדען טאָג געפעהרליכער ווערט דער וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פרייע ווינטען דער שטעג... און צום אויפגאַנג פון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אין דער הויך...

אַלץ מעהר ווילדע שטאַמלער און גאָט-לעסטערער טראָגען זיך אויפ'ן רוקען פון באַרג.

און שוין באַוואָפענט ווערט געשטיגען...

און מחנות באַוואָפענטע טרעפען זיך אָפט און עפטער...

און שלאַכטען ווערען ביי יעדען טרעפען זיך געפיהרט, און אַלץ — אין נאָמען פון גאָט, פון איינציגען גאָט!

און דערהערט מען אונטען די קריגס-געשרייען פון דער הויך, לויפט מען אַרויף צו הילף...

קומט דער הערט פון זיין געצעלט אַרויס, דער בערגמאַן פון זיין גרוב, פון טרויבען-געוועלב לויפט דער וויינבערגער אַרויף, עס איילט אויך דער ערדמאַן פון אַקער אַוועק, און דער פישער פון ברעג טייך, און דער יעגער פון טיפען וואַלד... און באַוואָפענט זענען אַלע; דער בערגמאַן האָט פאַר אַלעמען וואָפען געמאַכט...

און אַלץ עפּטער און העפטיגער ווערט די שלאַכט...

הילכט דער באַרג פון אייביגען קריג; פון העלדען-געשריי, פון געוועהר-קלאַנג... און פון גאָטס נעמען, וואָס ווערען אין אַלער-ליי שפּראַכען גערופען...

און מאסענווייז קאלערען זיך די טויטע אראפ, אראפ, און צופליישען זיך אויף שטיין און פעלז, איבער וועג און שטעג... און בלוטיגע טייכען שטראמען בארג־אפ, בארג־אפ... יאגען זיך און שטראמען.

און וואס אמאל ווערט אונטען פעטער די ערד, פולער די זאנג פון ווייץ, האבער און קארן. זיסער און גליהענדיגער דער ווייז און אלץ זאטער פיטערט זיך די ווילדע ציג צווישען שטיין און פעלז, און מעהר און מעהר גיט זי פעטערע מילך...

---

נאר איינמאל — אזוי ווערט דאס מעשה׳לע דערצעהלט — האבען זיך צוויי, אין צופלאקערטען קאמף, אלץ העכער און העכער געיאגט, ביז זיי האבען פלוצלונג דעם הויכען שפיץ פון בארג דערגרייכט, און פלוצלונג גאר פארבאדען זיך אין א שטראם פון ליכט, פון העלסטען רייכסטען ליכט פון דער הויך...

און מיט אמאל און פלוצלונג רייסט זיך זיי ביידען א נייע, גאנץ נייע שפראך פון דער צונג אראפ! — דאס איז געוועזען די שפראך פון ד ע ר ה ו י ך, די ליכטיגע שפראך, — די שטראלען־שפראך.

און מיט אמאל און פלוצלונג האט איינער דעם צווייטען דערהערט און פארשטאנען; האט י ע ד ע ר ע ר אינ׳ם צווייטען א מענש דערקענט, דעמזעלבען גאטס נאמען פון זיינע ליפען אראפ געהערט, און זיי זענען זיך איבער די העלזער געפאלען. —

און נאך זיי זענען געקומען אנדערע און אריינגעפאלען אין ליכט, און נאך אנדערע — און אלע, אלע האבען אנגעהויבען רעדען אויף דער איינציג־מענשליכער שטראלען־שפראך...

איז א פרייד געוועזען!

אבער פלוצלונג האבען זיי דערהערט פון אונטען א קריגס־געשריי, פון אלע זייטען בארג א ליארם פון שלאכטען...

אונטען איז געשעהען, וואס עס האט געמוזט געשעהען... ווי אויבען די איינצעלנע פארבענקטע מענשען, האבען זיך אונטען די קאלאניען געטראפען...

געמעהרט איבער דער צייט און געפרוכפערט זיך האבען די קאלאניען, און פארשפרייט זיך און פארשפרייט, און אלץ שמע־לער און שמעלער זענען די פרייע פעלדער און די פרייע וועלדער

געוואָרען... האָבען זיך יעגער מיט יעגער געטראָפען, דער ערדמאַן מיט'ן ערדמאַן; און הערטשאפט מיט הערטשאפט באַגעגענט, און בערגמאַן מיט בערגמאַן — אונטער דער ערד...

— פרעמדע זענען געקומען! פרעמדע אקערען אונזער לאַנד! ווילד־פרעמדע כאַפּען פיש אין אונזערע טייכען; שטאָמלער אַהן אַ שפּראַך גראָבען זיך איין אין אונזער ערד... גאָט־לייקענער האָבען אונזערע ווייבערגער פארנומען, — דינער פון פאַלשע, שלעכטע געטער די ווילדע ציג באַצוואונגען! —

אזוי האָט מען גערופען.

און אויפגעפלאַקערט האָט אויף אַלע גרענעצען די שלאַכט...

לויפען די פאַרברידערטע פון דער הויך אַראָפּ:

— שטיל! געוועהר צו די פּיס! אַלע זענען גלייך! פאַראַן אַן איינציג מענשליכע שטראַלען־שפּראַך!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און דאָס — דערצעהלט דאָס מעשה'לע — איז דער אָנהויב געוועזען...

פון אייביגען פרידען דער אָנהויב.

פון אייביגען פרידען אין ערגעץ־לאַנד, צופּופענס דעם גרויסען, הויכען באַרג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי דערצעהלענדיג, צושטראַלט זיך עס, דאָס מעשה'לע, און צושמייכעלט זיך...

ווי דער מזרח'דיגער מאָרגען־גלאַנץ פון שפּיץ אַראָפּ געזעהן, פון שפּיץ פון הויכען גרויסען באַרג אין ערגעץ־לאַנד געזעהן...

עס ווייס, ס'וועט ווערען אַ ליעד דערפון, אַ וויגען־ליעד; זינגען וועלען די מוטערס עס, איבער דער ליעבסטער קינדער־וויעג...

און אינ'ם קינדס הערצעל־קליין, הערצעל־פּיין, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליעד, און ס'וועט דערפון אַ בענקשאַפט ווערען...

אַ בענקעניש צו ערגעץ־לאַנד, צום הויכען באַרג אין ערגעץ־לאַנד; צום פרידען־לאַנד, מיט דער שטראַלען־שפּראַך, דער איינציגער מענשליכער —

אַ בענקשאַפט־פּיין, אַ בענקשאַפט־ריין!

# צוויי ברידער.

אייגענטליך, וואָלט איך ליעבער די מעשה דעם גוטען גראַף טאָלסטאָי דערצעהלט. ער איז שוין צו גוט געוואָרען. ליידער בין איך אָבער מיט'ן גראַף טאָלסטאָי נישט אַזוי גוט... אפילו זייער גאָט, זאָגט מען, איז נישט דער בעסטער! ווי עס איז, אויב „א מעשה מיט צוויי ברידער" — פאַרשטעהט איהר אליין, אז פון זיי האָט איינער געמוזט זיין א קלוגער און דער צווייטער — א נישט פאַר אייך געדאַכט — א נאַר! עס איז טאַקע אַזוי; א נישט, וואָלט גאַר קיין מעשה נישט געוועזען. עס וואָלט אפשר גאַר קיין וועלט נישט געווען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט יעדער מענש זיין לשון, און איך, אויב איך זאָג „איינער איז געווען א חכם און דער צווייטער — לא עליכם—", מיין איך גאַר פשוט: איינער איז געווען א שלעכטער און האָט זיך געטויגט; דער צווייטער — א גוטער און האָט זיך געלאָזט מעלקען! אניט, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָלט ער געווען א מילנער ביז'ן היינטיגען טאָג.

וואָריםביידע ברידער זענען מילנער געוועזען און האָבען אויף צוויי נאָהנטע בערגלעך זייערע ווינט-מיהלען געהאַט. אונטען, צו-פוסענס די בערגלעך, אויף וועלכע די ווינט-מיהלען זענען געשטאַ-נען, האָבען זיך געצויגען גאַנצע טאָלען מיט ווייץ און קאָרן. און די מענשען פון די טאָלען פלעגען עס ארויפפיהרען, אָדער קאָרץ-וויין ארויפטראָגען צום מאָלען. גיץ-געלט פאַר דער מיהל לאָזט מען, ווי דער שטייגער איז, איבער א פערטעלע; מעהל אָדער תבואה, ווי דער מילנער פאַרלאַנגט. פון מעהל באַקט מען ברויט, קאָכט מען לאָק-שען. די תבואה פיהרט מען אין שטאָדט אריין צו פאַרקויפען. פאַר געלט קויפט מען: זאַלץ, הייוועז, הויז-געדעט, קליידער — וואָס נאָר א מענש באַדאַרף. מען קאָן אין אַזאַ מיהל האָבען א גוט יאָהר, נאָר איבערלאָזען אויף א שלעכטער צייט. דערצו אָבער

מוז מען שכל האבען מיט דעם, ווייסט איהר שוין, זענעןביידע ברידער נישט גלייך געבענשט. און א שאד. ווארים שווערע צייטען טרעפען זיך ביי ווינט־מיהלען אפט, עס געראט נישט און מען האט נישט וואס צו טון, אדער עס מאכט זיך א שטילע צייט און די פליגעל ריהרען גישט; נישט דא, מ י ט ו ו א ס צו מאהלען! טיילמאל טרעפט זיך אויך א שאדען אין מיהל: א צו שטארקער ווינט דרעהט א פ ל י ג ע ל אויס; אן אפגעריבענער מיהל־שטיין פ ל א צ ט פאר דער צייט, אדער וויים איך, וואס עס קאן זיך טרעפען!

און דא טאקע הויבט זיך אן דער אונטערשיד צווישען קלו־גען מיט'ן נאר.

מאכט זיך עפעס א צופאל ביים שלעכטען, דארף ער, ווי זאגט מען עס, נאר א פיפעץ געבען, א וואונק, לויפט איהם שוין דער גוטער צו הילף: „דיין מיהל שטעהט? האסט קיין ארבייט נישט? עס פעהלט דיר ברויט? הייוועו? זאלץ? וואס?"

יא געפעהלט, נישט געפעהלט, דער שלעכטער האט שכל, ער טויג זיך און נעמט, וואס עס לאזט זיך. פון צוקומעניש — שמיי־בעלט ער אין זיך אריין — טוט קיינמאל דער קאפ נישט וועה!

איז א שאדען אין מיהל, ווארפט דער גוטער פון זיך אראפ דעם ראק און שטעלט זיך צו דער ארבייט. אין צוויייען, כאטש דער שלעכטער נארט זיך, ארבייט זיך געשווינדער, בעסער, שפארעוו־דיגער! עס דויערט נישט לאנג, און דעם שלעכטענס מיהל איז צו־ריק גאנץ, ארבייט ווי פריהער, אויב נישט בעסער ווי פריהער!

מיט דער צייט האט דער שלעכטער נישט געברויכט אפילו צו ווינקען. דער גוטער האט זיך א לייטער געמאכט און איז פון צייט צו צייט אויפ'ן שפיץ־מיהל ארויפגעקראכען, צו זעהען, וואס אויפ'ן צווייטען בערגעל, ביים ברודער אין ווינט־מיהל, טוט זיך, און קוים האט ער באמערקט, אז די פליגעל שטעהען, אדער אז פון קוימען געהט צו דער רעכטער צייט קיין רויך נישט ארויס, איז ער שוין געלאפען פרעגען, צי מען דארף נישט זיין הילף...

אנדערש איז אבער געוועזען אויב פארקערט, אויב עס האט זיך אין גוטענס מיהל א סבה געטראפען. האט מען ארבייט גע־דארפט, איז דער שלעכטער פונקט נישט געוועזען בקו הבריאה! האט פארפעהלט עסענווארג, האט עס דעם שלעכטען נאך פריהער פאר־

פעהלט. גאנץ אפט האט ער אפילו קיין פאלשע תירוצים נישט געזוכט, קיין קרענק נישט אויסגעקלערט, און מיט אן אפענעם שטאַ־לענעם בליק געענטפערט: „איך העלף נישט, איך בארג נישט, איך צאהל אפילו קיין חובות נישט; איך בין קיין נאר נישט!“ און דער גוטער געהט אוועק מיט לעדיגע הענט, נאר מיט א פול הארץ מיט רחמנות אויפ'ן אומגליקליכען ברודער, וואס „האט א שטיינערן הארץ, וואס וועט קיינמאל נישט פיהלען דעם אמת'ן נחת, דאס אמת'ע גליק, וואס א מענש האט, בשעת ער העלפט דעם צווייטען“. טרערען פלעגען איהם קומען אין די אויגען אריין!

און דער שלעכטער, וואס האט זיך געטויגט, איז געוואקסען פון טאג צו טאג. ער און די ווינט־מיהל זענען וואס אמאל פעסטער און שטארקער געווארען. און דער הויפען תבואה אין שפייכלער, און דער געלט־בייטעל אין טאש זענען אויך געוואקסען. בשעת דער גוטער איז געפאלען פון טאג צו טאג... די מיהל האט זיך אביסעל אויסגעקרימט, און גאנץ אפט האבען אפילו די שוואלבען פאר דער מיהל קיין חיונה נישט באקומען...

מענשען האבען געשריגען: אן עולה! אויף די נעגעל האט מען געבלאזען. און דאך, ווער עס האט געהאט א קערצעל תבואה צו מאהלען, האט עס פריהער צום שלעכטען געפיהרט: זיין מיהל איז בעסער, ארבייט געשווינדער, מיט וועניגער פ ח ת! נישט איינמאל האט מען דעם גוטען נאך בא'גנב'עט! עס איז גענוג גע־ווען זיינע ש ט ע נ ד י ג ע הונגעריגע הינט א לעבעל ברויט צוצואווארפען, זיי זאלען אלץ דערלאזען און שווייגען! און דער גוטער איז אזוי לאנג געפאלען, ביז ער איז, נעבעך, געבליבען לי־גען...

עס האט זיך א שטורעם־ווינט געמאכט. דעם שלעכטענס מיהל האט ער וועניג וואס געשאדט. א פליגעל האט זיך אויס־געקרימט, נישט מעהר, איז מיט וועניג ארבייט האט מען איהם דעם צווייטען טאג אויסגעגלייכט... דעם גוטענס — איז געפאַ־לען! מיט'ן ערשטען בלאז האט דער שטורעם־ווינט זי אויסגע־דרעהט, מיט'ן צווייטען — אויסגעריסען און אומגעקערט, און דערנאך צושלאגען, צוטרימערט, און די שטיקער אין טאל אראפ־געשליידערט...

— העלף מיר אויפקלייבען די שטיקער און צוריק אויפבויען מיין מיהל! — האט ער זיך צום שלעכטען געווענדט.

— איך האב קיין צייט נישט! — האט דער קלוגער געענטפערט. — איך האב פיעל ארבייט און שטעל מיר א צווייטע מיהל!

און דער גוטער איז, מיט הארצוועהטאג און פול מיט רחמנות אויפ'ן אומגליקליכען ברודער מיט'ן שטיינערנעם הארץ, אראפגעגאנגען אין טאל אריין, זוכען הילף און האט זי נ י ש ט געפונען...

— מיר האבען קיין צייט נישט! — האט מען איהם געענטפערט, — עס איז גראד שניט־צייט געווען...

דאמאלט האט דער גוטער געווארפען דעם לעצטען בליק אויפ'ן בארג, וואו זיין ווינט־מיהל איז געשטאנען, און אויפ'ן טאל, וואו די שטיקער פון דער חורבה זענען געבליבען, און איז געגאנגען אין דער וועלט אריין, זוכען פריינדשאפט און ארבייט.

ער איז נע־ונד עד היום!... און דער שלעכטער ברודער האט פאמעלעך דאס געהילץ פון ברודערס ווינט־מיהל אויפגעקליבען, דאס שלעכטע פארברענט, דאס גוטע אין דער נייער ווינט־מיהל באנוצט.

די לייט פון טאל האבען פריהער געקריצט מיט די ציין. מיט דער צייט — אז גוטען און זיין ווינט־מיהל פארגעסען; צוויי ווינט־מיהלען זענען גענוג!...

די מעשה וואלט איך ליעבער דעם גראף טאלסטאי דערצעהלט. ליידער בין איך מיט איהם נישט באקאנט און מוז יוצא זיין מיט אייך.

# דאָס גלעזעל.

אמאָל, ערגעץ אין א פּאָרוואָרפענעם שטעדטעל אויף דער פּראָווינץ, איז געווען א גאָלדשמיד און א בריליאַנטען־שלייפער דערצו. און געווען איז ער, דער גאָלדשמיד, א בריה נפלאה אין דער מלאכה, א געבענשטע האַנט געהאַט, אין זיין פאַך א גאון גע־ווען. עד היכן הדברים מגיעים, האָט קיינער נישט געוואוסט. נישט ער, נישט זיינע קונים. געזעסען און געאַרבייט צירונג פאַר בעלי־בתים: אוירינגלעך, פינגערלעך, קדושין־פינגערלעך וכדומה. קוים פּרנסה געהאַט!... נתגלה איז ער ערשט געוואָרען מיט דער צייט. און צופעליג. האָט זיך, כדומה־למשל, געטראָפען, אז א בעל־הבית פון קליינעם שטעדטעל האָט א שדוך געטאָן פון דער פרעמד, מיט אַן עושר פון א גרעסערער שטאָדט. פאָהרט מען אויף דער חתונה, באַווייזט זיך דעם גאָלדשמיד'ס צירונג אויף א העכערען אָרט. יע־נער עושר איז שוין א שטיק מ ב י ן: א סוחר, א וועלט גע־זעהן, מאַכט ער: אַי, אַי, אַי! — הויבט אָן דער גאָלדשמיד דאָרט צו שמ'ען... באַקומט ער שוין פון דאָרט אַרבייט און מיט דער צייט ציהט ער זיך איבער אין דער גרעסערער שטאָדט אריין; שוין אזוי פיעל קונים געהאַט.

מילא, צו א גביר פון דער גרעסערער שטאָדט קומט אמאָל א פּריץ: צוליעב מסחר, אויף א שמחה, צי אזוי אמאָל שבת אויף געפילטע פיש, — דער טיש אויסגעשטעלט, די בני־בית אויס־געצירט... דער פּריץ קומט אריין, ער איז נאָך א גרעסערער מבין · פאַלט איהם עפּעס אין אויג אריין.

— וואו איז דאָס געקויפט? ווער האָט עס געמאַכט?

ווערט מען פון גאָלדשמיד געוואָר צווישען פריצים...

כידוע, מאכט יעדער גובערנאטאר איין מאל אין יאהר א באל פאר גרויסע לייט. עס איז שוין אזא מנהג. מאכט יענער גובער־נאטאר אויך א באל, קומען פריצים מיט פריצות, מיט טעכטער. טראגט מען דעם גאלדשמידס צירונג... זעהט דער גובערנאטאר א פינגערל, צי א בראש, צי א קאליע, גאפט ער. ער האט נאך אזא ארבייט נישט געזעהן.

— וועמעס ארבייט איז עס?

— דעמ'ס און דעמ'ס.

— אזוי? —

צו־מארגענס שיקט מען דעם גאלדשמיד רופען, ווערט ער א יוצא ונכנס ביים גובערנאטאר.

קומט אמאל צופאהרען, באקוקען די גובערניע, איינער פון די שרי־מלכות, דארף מען איהם אקעגענטראגען ברויט מיט זאלץ אויף א טאץ. ווער מאכט די טאץ? מן הסתם, שוין אונזער גאלד־שמיד. קומט די טאץ אין עיר־המלוכה אריין, קלינגט מיט איהר די עיר־המלוכה...

נישט אומזיסט זאגט שלמה המלך: טוב שם משמן טוב!

טרעפט זיך א מעשה, דער אלטער מלך געהט פון דער וועלט, קלייבט מען אויס א נייעם מלך. געהט יענע קרוין אין שאץ־קאמער, און פאר'ן נייעם מלך מאכט מען א נייע קרוין. זוכט מען גרויסע גאלדשמידס. בעט מען צווישען אנדערע אונזער גאלדשמיד אויך. קומט ער און ארבייט מיט און צייכענט זיך נאך אויס על צד היותר טוב...

הכלל — מקימי מעפר דל!

אונזער גאלדשמיד וואוינט שוין אין דער רעזידענץ, איז א יוצא ונכנס אין הויף. ער ווערט גאר מרואי פני המלך, א פ ר א ס־ט ע ר בשר ודם, אפילו א קלענערער שר, קאן זיך שוין גאר צו איהם נישט דערשלאגען...

איז דאך אבער א גלגל חוזר בעולם און, אז מען קאן העכער נישט שטייגען (ווארים וואס קאן זיין העכער פאר אזא גאלד־שמיד?), הויבט מען אן פאלען...

פאר וואוילטאג האט ער שוין קיין נייעס נישט באוויזען. דאס אלטע ווערט צוגעגעסען, די אויגען זענען, קוקענדיג דערויף, מיד געווארען, דאס הארץ קריגט א גליסטונג צו עפעס נייעס. בא־

ווייזט זיך, ערגעץ־וואו, א נ י י ע ר קינסטלער... איז — ווי דער סדר עולם איז — זה נופל וזה קם... מאכט דער נייער קינסטלער דעמזעלבען וועג, וואס דער אלטער האט געמאכט. און, לעומת זה, מאכט דער אלטער גאלדשמיד — דעם אייגענעם וועג צוריק: פון עיר־המלוכה צוריק אין גובערניע אריין, פון גובערניע — אין פאַוויאט, פון פאוויאט — א ה י י ם; פון מלך, הייסט עס, צום שר, פון שר צום גובערנאטאר, צום פריץ, צום גביר, צום בעל־הבית אין קליינעם שטעדטעל... צוריק צו קדושין־פינגערלעך...

נידעריגער פאלען קאן מען נישט: ארעמע לייט דארפען קיין צירונג נישט. בלייבט מען הענגען אין דער לופט, שטרעקט מען אויס די צונג...

און די צייטען א ל י י ן ווערען שלעכט, מען מאכט עפעס גאר קיין חתונות נישט און די קאנקורענץ וואקסט...

מילא... דלות מאכט פסלות. און ויהי (וואו „ויהי“, איז א צרה!) כי הציק לו הרעב, נישטא וואס אין מויל אריין צו לעגען, דער גאלדשמיד געהט ארום פוסטע־פאס, איז ער זיך מישב און הויבט אויף פון דער ערד אין גאס א שטיקעל גלאז פון א צובראַכענעם פלעשעל: פון וואסער, פון משקה און אפשר גאר פון א מעדיצין, ווער ווייסט? נאר א פראסט שטיקעל גלאז, און געהט דערמיט אהיים, און זעצט זיך עס אנידער — שלייפען... און אזוי ווי ער שלייפט, הויבט אן אונטער די הענט דאס גלעזעל צו פינקלען, צו גלאנצען... א כשוף: עס שפריצט מיט כל המיני פונקען, עס שטראלט; ער אליין גאפט. ער האט גארנישט געוואוסט, ווי ווייט קינסטלער ער איז! דערנאך נעמט ער דאס גלעזעל, זעצט עס אריין אין עפעס א פארוואלגערט רייפעל, וואס ער האט קוים געפונען, און געהט ארויס אפנארען די וועלט! — געהט ער. דאס הארץ קלאפט ביי איהם, ווי ביי א גזלן! קומט איהם אקעגען א בחור מיט א פלאמענדיגען פנים, פאלט איהם איין — אפשר א חתן און דארף א פינגערל? שטעלט ער איהם אפ. האט ער כמעט געטראפען: קיין קדושין־פינגערל דארף ער נישט, א כלה־מתנה — אדרבא; מעג זיין א פינגערל! און ווי יענער גיט איהם א בליץ פאר די אויגען מיט'ן בריליאנטעל, פאלט ער צו מיט ביידע הענט און פרעגט: ווי טייער?!

לאזט דעם גאלדשמיד דאס הארץ נישט זאגען, נישט קיין שווינדלער במטבע, פרעגט ער צוריק:

— וויפיעל ווילסטו געבען?...

דער בחור מיינט: גאט ווייסט, צי ער וועט קאנען קומען צו דער סחורה? נעמט ער ארויס א מטבע און מאכט זיך א שפאס:

— א טאלער!

דריקט איהם דער גאלדשמיד דאס פינגערל אין דער לינקער האנט אריין, כאפט איהם אויס דעם טאלער פון דער רעכטער האנט און לויפט אין שענק אריין. דעם ווארעם פארגיסען, דאס הארץ צו דערכאפען...

וועלען מיר איבערלאזען, פארשטעהט זיך, דעם גאלדשמיד און נאכגעהן דעם בחור.

קלערט דער בחור: משוגע? נאר זיין דאגה! און געהט מיט'ן פינגערל צו דער בתולה, צו וועלכער ער האט זיך גע'שדכנ'ט..

איז דאך אבער נשים דעתן קלות, האט די בתולה, צו וועלכער ער שדכנ'ט זיך, צ ו ו י י חתנים. ער, א בעל־בת'יש קינד, מיט א פאר פאים און א חלק הויז — איז איינער, און א הוזאר (אין שטעדטעל איז קאוואלעריע געשטאנען), א הוזאר מיט א קיווער, מיט שווערד, טראלבען און שפארען, א בריה נפלאה אויפ'ן פערד — דער צווייטער. אויסקלייבען איז שווער. ב פ ר ט: א הוזאר, היינט איז ער דא, מארגען רייט ער אוועק... ישוב'ט זי זיך אלץ. דערווייל, דער בחור קומט ארויף, נעמט זי איהם צו בסבר פנים יפות. דאס פינגערל אודאי, עס פארנעמט די אויגען... הכלל — מען רעדט, מען לאכט, ווי דער שטייגער איז... די צייט שטעהט דאך נישט, פאלט צו דער אוונט, דערהערט זיך פון מארק, פון דער הוזאר־וואך, א טראמפייטעל, א פייקעל האלט אונטער, מען הויבט אן שפילען זארעס... מיין בתולה דערמאנט זיך אן יענעם, ווערט אומרוהיג, זאגט אלץ: שפעט, שפעט! מען וועט זי, חס־ושלום, בארעדען, און דערלאנגט איהם, אפצוקומען, דאס מיילעבעל, און שטופט איהם ארויס פון טיר. און עס איז שוין געווען די רעכטע צייט, קוים איז דער בחור אראפ פון די טרעפ, אריבער דאס געסעל און פארבויגען אין עק — טופ, טופ, טופ: א רייטער פון דער צווייטער זייט! אט איז ער שוין פאר'ן פלויט; שפרינגט שוין פון פערדעל אראפ, בינדט עס צו צו א שטאכעט. אט קלינגען שוין

שווערד און שפּאָרען אויף די טרעפּלעך, דאָס טירעל פּראַלט אויף...

איך וועל אייך נישט לאַנג ברייען: איבער נאַכט איז פון דער כּלה־מתּנה א חתן־מתּנה געוואָרען... קוים אויפ'ן שפּיץ פון אינגס־טען פינגער ארויף...

דאָ ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט די מעשה; דעם „בריליאַנט" איז געווען עפּעס בעסערס באַשערט...

כּעלות, קוים עס רויטעלט זיך דער מזרח... דאָס פערדעל קאַ־פּעט נאָך אליין און קאַפּעט מיט די פיס אין ליימיגען געסעל און קיינער הערט עס נישט, וועקט זיך פלוצלונג אין דער ווייטער שטילקייט א קול פון א טראָמפּייט... „טרעוואָגע" ווערט געבלאַ־זען! ביינאַכט איז פּלוצלונג א גרויסער גענעראַל געקומען, ווערען די הוזאַרען געוועקט, צום עקזערציר פּלאַץ גערופען... א רעוויע וועט זיין — טראַ־ראַ־טראַ! מיין גבור מיט'ן פינגערל שפּרינגט אויף, וויל לויפען, אָבער נישט לייכט איז דעם פישעל זיך ארויס־צורייסען פון דער נעץ... זי וואַרפט איהם די ווייסע הענט איבער'ן האַלז. פלעכט ער זיי אויף, לויפט זי און באַהאַלט איהם דעם קיווער, דאָס שווערד... און נאַכאַמאָל געזעגענען, און נאָכאַמאָל... קוים מיט צרות פון די הענט ארויס. טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ פון די טרעפּ אראָפּ, אויפ'ן הונגעריגען, נאָר דערפרעהטען פערד ארויף, און פּאַף—פייל פון בויגען צום פּלאַץ, די ראָטע שטעהט — אין אָרט אריין... און— פּאַר קאַזעראַק! דער עסקאַדראָני קאָמאַנדיר שטעהט איהם אויג אין אויג, און זעהט, עפּענט שוין דאָס מויל אויף א „מי שבּרך".

גיט איהם אָבער דאָס פינגערל פּלוצלונג א בליץ אין די אוי־גען. ווערט ער רויט, ווי א צונטער, און כאַפּט איהם דאָס פינגערל פון שפּיץ פינגער אראָפּ:

— גע'גנב'עט?

שטאַמעלט ער: וואָשע, אזוי און אזוי... הושד בכשרים... חס־וחלילה...

מילא, דעם אמת אויסזאָגען קאָן ער דאָך נישט. ער וועט דאָך נישט אויסגעבען די בתולה פון א בעל־בת'ישען הויז! פּלאַצט ער ארויס:

— „געקויפט!

— פּאַר וויפיעל? — פאַרשט שטרענג דער אָפיציר.

— שלעכט! — טראַכט דער הוזאַר, עס מוז דאָך עפּעס ווערט זיין... און גיט אַ זאָג פאַר׳ן טייוועל:

— צוואַנציג טאַלער!...

אַ מטמון מיט געלד פאַר אַ הוזאַר! דער אָפיציר עפענט שוין דאָס מויל אויף אַ נייעם „מי שברך"... באותו הרגע שפּרינגט אָבער אַן אַ ווייס פערד, דערויף — הינטער איהם — אַנדערע פערד — קלענערע גענעראַלען.

ער אַליין גיט אַ פרעג:

— געזונט?

אַלע עסקאַדראָנען ענטפערען: געזונט! אַ דונער, אַ געפּילדער! די ערד ציטערט...

און באַלד — די רעוויע... און אַז עס איז באַשערט, צייכענט זיך אויס דער עסקאַדראָן פון אונזער גבור: געיאָגט, ווי אויף פליגעל, געשפּרונגען אויף די פערד, ווי די שדים, דורכגעלעכערט די צילען על צד היותר טוב... קריגען די הוזאַרען אַ „דאַנק" און אויף משקה, אונזער אָפיציר ווערט אויפ׳ן אָרט — פּאַלקאָווניק... אַ שמחה, אַ גדולה, משתה ויום־טוב, טרינקט מען אַ חודש, צוויי... דער הוזאַר האָט דערווייל אויסגעדינט, און איז אַהיים מיט גרויס שמחה: פּטור בלא כלום, פאַר אַ נאַריש פינגערל, פאַר׳ן פאַרשפּעטיגען. דער פּאָלק מיט׳ן קאָמאַנדיר זענען באַלד אַרויס אין אַ גרעסערע שטאָדט, אין לאַגער אַריין... און דאָס פינגערל וואָלט גאָר פאַרגעסען געוואָרען, ווען נישט דאָס, וואָס האָט זיך ווייטער געטראָפען:

אין פּאָלק איז פּלוצלונג געוואָרען אַ פּגירה אויף פערד. מילא, אַ צער בעלי־חיים איז עס; פאַלען ווי די פליגען. האָט דאָך אָבער יעדער מענש שונאים, בפרט אַן אָפיציר, וואָס איז אַזוי פּלוצלונג עולה לגדולה געוואָרען. געפינט זיך איינער און שיקט צום מלכות אַ מסירה אויפ׳ן פוראַזש! באשר בכן דער האָבער איז גאָר קיין האָבער נישט...

איז עס פּונקט פאַר אַ מלחמה, איז די זאַך שטרענג. שיקט תיכף ומיד דאָס מלכות אַראָפּ גאָר אַ גרויסען גענעראַל אויף אַ רעוויזיע. באַפאַלט ער, לויפט גלייך צום מאַגאַזין, באַקוקט דעם האָבער, דרעהט מיט דער נאָז, פאָהרט אין קאַנצעלאַריע אַריין, שיקט רופען דעם פּאַלקאָווניק. קומט ער, נעמט ער איהם אויף זיצענדיג,

שטרענג, דער פאלקאווניק שטעהט פאר־קאזעראק. עס ציטערען אונ־טער איהם די פיס... מישט זיך ווייטער אריין דער בריליאנט. דער גענעראל הויבט אויף איין אויג — פון בריליאנט שיסט א בליץ אין אויג אריין, גיט ער א שפרונג אויף און א בריל, ווי א לייב:

— לאקבע־בחור!

אין אונזער מדינה הייסט עס: כאבארניק, ווארים ווי קומט צו א פאלקאווניק פון נישט א רייכען הויז אזא גרויסער, טייערער בריליאנט? רייסט ער איהם דאס פינגערל פון פינגער אראפ, ער ווערט עס צולעגען צו די אקטען, און פרעגט:

— וויפיעל באצאהלט?

זעהט דער פאלקאווניק, אז עס איז א דבר גדול, אויסזאגען דעם אמת קאן ער נישט, גיט ער א פלאץ ארויס:

— טויזענט טאלער!

און אז דער גענעראל קוקט נאך אלץ, נישט גלויבענדיג, מיט איין אויג, גיט ער צו א ווארט־צייכען:

— פאר טויזענט איינס טרעט איך עס אפ...

לאזט דער גענעראל דעם קאפ אראפ און שרייבט:

ראשית שרייבט ער א ראפארט צום מלכות, אז דער האבער איז ריינע פערעל. והשנית: א שטר חוב אויף טויזענט און איין טאלער; לכשירויות וועט ער אפגעבען... און פאהרט צוריק...

ציגד דארף געשעהען דאס וואונדערליכסטע...

מען ווייסט נישט ווי אזוי, נאר דאס פינגערל איז געקומען אין חצר המלכות אריין! איינמאל, די מלכה זיצט פארטראכט, פאר־לירט דאס נאזטיכעל פון שוים, הויבט עס א הויפדאמע אויף, א יונגע, ערשט אנגעקומענע און א יפה־פיה, און לעגט עס צוריק.

הויבט די מלכה אביסעל די ברעמען אויף, וויל דאנקען מיט א האלב מויל, ווי עס פאסט פאר א מלכה, עפענט די ליפעלעך, און בלייבט מיט די אפענע ליפעלעך זיצען. וואס איז? דער בריליאנט פון דער הויפדאמעס א פינגערל האט עס איהר אנגעטאן! ממש פאר׳כשופ׳ט האט ער זי. נעמט זי צו באקוקען: זי האט נאך אזא בריליאנט אין א פינגערל נישט געזעהן. נישט אין די שאצקאמערן, נישט אין כתרי־המלכות... פרעגט זי:

— פון וואנען קומט צו דיר א בריליאנט?

ווערט די הויפדאמע רויט און טויט און פארציטערט, און ענטפערט נישט א ווארט.

מוז דאך דא עפעס זיין, און אביסעל אייפערזיכטיג איז א מלכה אויך. ווארים ווער, אז נישט א מלך, קאן קויפען אזא מתנה? הויבט זי זיך אויף און געהט אריין צום מלך אין קאבינעט און ווייזט איהם דאס פינגערל. זי וויל זעהן, וואס ער וועט זאגען... וויים ער לחלוטין פון גארנישט, און ווערט פון ברילִיאנט פאר־כשופ'ט. ער האט נאך אזא קלארען ריינעם ברילִיאנט, און אזא גרויסען, און אזוי אהן א שמץ פגימה נישט געזעהן. עפענט ער גרויסע אויגען און קאן זיך זאט נישט אנקוקען. דערצעהלט איהם די מלכה אזוי און אזוי, די און די הויפדאמע האט עס געטראגען. זאגט דער מלך, אז פון וואנען דאס פינגערל קומט, וויל ער נישט וויסען. מאלע וואס עס טוט זיך אין הויף... נאר דער ברילִיאנט פאסט נישט פאר קיינעם, נאר פאר א מלך. דער הויפדאמע וועט ער זיין ווערט באצאהלען... און נעמט צו דאס פינגערל.

נעמט מען באלד דאס פינגערל, מען קריצט אויס דעם מלך'ס נאמען מיט'ן הערב פון דער מדינה, ווערט דאס פינגערל א חותם־המלכות. דער מלך חתמ'עט דערמיט אלע פאפירען, הן אין דיני ממונות, הן אין דיני נפשות, הן אין פאליטיק. ווער עס קריגט דאס פינגערל א ווײלע אויף'ן פינגער ארויף, קאן חרוב מאכען א וועלט, האט פראוו להשמיד ולהרוג, ועז און וועמען ער וויל ארייג־ווארפען אין קייטען און אין תפיסות. לאזט עס טאקע דער מלך נישט פון פינגער אראפ... און כדי צו באלוינען די הויפדאמע, הייסט דער מלך רופען מבינים, זיי זאלען אפשאצען דעם ווערט פון ברילִיאנט... קומען זיי... ווערט זה בכה וזה בכה! איינער זאגט: א דריטעל, איינער — א האלבען, איינער גאר — א גאנ־צען מיליאן... וואס טוט מען? דערמאנט זיך דער מלך אן פריי־הערדיגען הויף־גאלדשמיד און גיט א באפעהל:

— ברענגען...

ברענגען איז ברענגען!

נעלם געווארען; מאכט מען א חקירה ודרישה. עס דויערט א צייט, מען ווערט געוואר. מען שיקט א דבר מלכות; ווי דער שטיי־גער. מילא, אז די קליינע שרים פון קליינעם ארט באקומען א באַ־פעהל, צוזושטעלען דעם גאלדשמיד צום מלך, וואס קלערען זיי?

ער האט אודאי בא׳גנב׳עט אמאל די שאצקאמער, און צינד ערשט איז מען דערגאנגען. װארפט מען אריין דעם בחור אין קייטען און מען שיקט איהם צום מלכות, א צושלאגענעם און א האלב טויטען פאר פחד... קומט ער קוים מיט צרות אן.

מעלדעט מען דעם מלך: ר׳אי׳דא, נאר...

מען װיל איהם זאגען, אז מען נעמט איהם אראפ די קייטען, איז אבער דער מלך בייז, שלעכטע ידיעות פון דער מלחמה באקו־מען, גיט ער א געשריי:

— קיין שום „נאר״!

ברענגט מען איהם שוין אריין, װי ער שטעהט און געהט.

באמערקט עס אפילו נישט דער מלך. ער װייזט איהם דעם בריליאנט און פרעגט:

— װיפיעל װערט?

ענטפערט יענער: גארנישט!

— װי הייסט?

און די שרים ארום:

— װי הייסט: חותם־המלכות... גארנישט?...

— און דער גרעסטער בריליאנט אין דער װעלט! — גאפען אנדערע...

דער גאלדשמיד װערט גאר נישט נתפעל:

— ס׳איז נישט קיין בריליאנט, — זאגט ער.

— ס׳טייטש, יענע שאצען דאך אויף הונדערט־טויזענטער...

— איך װייס בעסער!

װערט שוין דער מלך אומרוהיג און פרעגט, נישט מיט זיין קול:

— פארװאס — בעסער?

— װייל — ענטפערט ער — איך מיט מיינע הענט האב׳ס געמאכט...

און ער װיל דערצעהלען װען, װי אזוי — און האט אבער נישט דערצעהלט...

ארויסגעשלעפט און אין תפיסה אריין, און מיט רעכט!

מען האט מיט דעם בריליאנט אזוי פיעל פסקים גע׳פסק׳עט, אזוי פיעל גיטער גענומען און געגעבען, אזוי פיעל הייזער, אזוי פיעל שטעדט... און אזוי פיעל מענשען געהויכט און געקרוינט און

אנדערע אין קייטען געשמידט, אין תפיסות געווארפען, אין וואַ־
סער, אין פייער אריין און געפּערטעלט... די פסקים זענען און מוזען בלייבען וואָר און דער מלך מוז זיין און בלייבען אמת, און דער חותם זיינער אמת; טבעת המלך — טבעת המלך, מוז זיין דער בריליאנט — בריליאנט...

אזוי האָט גע׳פּסק׳עט דער גרויסער מיניסטער.

---

די מעשה, וואס איך האָב אייך דערצעהלט, איז, ווי אלע מעשה׳לעך, א משל. און, ווי יעדער משל, נישט מיט אלע פּרטים דומה לנמשל; מען מוז דאָך עפּעס צוגעבען לנוי... להדור המעשה...

אָבער א מעשה איז עס!

און שטאַמען שטאַמט זי פון א מקום גדול — איש מפּי איש פון רבי׳ן ר׳ יונתן!

# אינהאלט

דריי חופּות — 7
דער קרבן — 71
פּרינצעסין קוניגונדא און פּרינץ פּראַש — 75

קליינע מעשה׳לעך פאר גרויסע קינדער:

1. אין געמויזאַכץ — 89
2. אַ קעלבענער קל וחומר — 93
3. העכט — 95
4. לאַמפּען־מוסר — 101
5. די פרומע קאַץ — 104
6. די דין תורה — 108
7. פון קבר — 111
8. הינערשע חלומות — 115
9. מיסטע חלומות — 119

אבער דאַוונען מוז מען דאָך — 121
דער גולם — 124
ביי די פּרעש צו גאַסט — 126
פון דער סיעקל — 131
חוזק — 141
בוימער — 144
אויף דער גרענעץ — 146
האַלט ס׳מויל — 148
ציריק־ציריק — 150
פליגעל — 154
די רויז — 156
עס ענדערט זיך — 165
שטערען — 166
פון וועג אַראָפּ — 168

## פון דול־הויז:


1. עולם־הבא — 171
2. כל־בו — 175
3. א חלום — 179
4. א רופא צו א חולה? — 184
5. א שמועס מיט גאזענמאן — 188
6. דער קדוש — 193
7. די שרפה און נאך דער שרפה — 196

שמאי ראטמאן — 201


## ר' שלמה'ס מעשה'לעך:


1. א פארדערע — 210
2. דער בריליאנט — 214
3. דער פיער־פארביגער לאמטערען און די פיער קליינע הינטלעך — 222
4. די היטערין פון הייליגען פייער אין טעמפעל — 22צ
5. אין דול־הויז — 232
6. די בילדהויער — 235
7. אפען — 238
8. פערד, קיה און קעלבער — 241

דער אויסלענדישער פויגעל — 244

קין און הבל — 249

דער אייביגער פרידען אין ערגיץ־לאנד — 254

צוויי ברידער — 263

דאס גלעזעל — 267